STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06124

YISROEL

Aba Y. Bukh

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל

— א ווערק —

וועלכע אפעלירט צום אידישען פאלק אין נאמען פאן
גאט פאן ישראל

— ענטהאלט —

ערהאבענע פארטרעגע וועגען פיעלע געגענשטענדע פאן
יודענטהום

גייסטיגע שפייזע

פיר אלע קלאססען פאן פאלק

ערשטער טהייל

— בנין ישראל —

פאן

א פריינד פאן ישראל

א. י. בוך

1911—ניו יארק

דרוק פאן א. ח. ראזענבערג, 131 הענרי סט., ניו יארק

צו דיא לעזער!

דיזער באנד **בנין ישראל** איז א טהייל פאן מיין גרויסע ווערק אונטער דעם נאמען **ישראל** און ער ענטהאלט פיעלע וויכטיגע רעדען וועגען דער צוקונפט פאן אונזער פאלק, לויט דיא פערשפרעכונגען פאן אונזערע פראפעטען, און אויך וועגען דיא אורזאכען וועלכע פערלייגגערען אונזער אונגינסטיגע צושטאנדע אין דיא גלות לענדער.

איך בין זיכער דאס מיינע ווערטער וועלען בעריהרען דיא הערצער פאן מיינע לעזער, וועלכע זיינען נאך איינער מאססען פערבונדען מיט זייער נאציאן, און וועלען ברייגגען גוטע פריכטע פיר דער אויפלעבונג פאן אונזער פאלק.

וועלכער איז דער איינציגער וואונש פאן

פערפאסער.

פארערעדע.

מיינע ברידער, קינדער פאן יעקב'ס פאלק!

איך רוף צו אייך פאן דער וויסטע, פאן א טרוקענע לאנד הויב איך אויף מיין שטימע. צוויי מיליאן פערפאלגטע אידען האבען זיך קוים גערעטעט פאן זייער ארעמע היים, אין דיע פינסטערע לענדער פאן אייראפא, וואו זייא ווארען פערהאסט און געפלאגט, פערצאמט און געדריקט, און האבען קיין לעבען געקענט מאכען, פיר זיך און פאמיליע. מיט ליידען און מאטערניס האבען זייא אויסגע־וואנדערט נאך דיזען פרייען לאנד, פאלל מיט האפנונג אויף א בעסערער און בעקוועמער צוקונפט. מאנכע האבען ווירקליך געהאט ערפאלג, און לעבען „גליקליך"; דיע גרויסע מאסע לעבט אויך מעהר אנגענעהם, און איז, אין אלגעמיין, בעסער אב אלס צו הויזע. עס זעהט אויס, אויבערפלעכליך, דאס אונזערע אידען האבען געמאכט א גוטען אויסבייט מיט זייער אלטע היים אויף דיזען פרייען לאנד!—

אבער, מיינע ברידער! קוקט זיך צו גוט צו אייער מציאה, עפענט אויף אייערע אויגען און זעהעט אביסעל ווייטער פאן זיך, און איהר ווערט אויסגעפינען דאס איהר האט געמאכט א גרויסען טעות אין אייער רעכנונג, און איהר האט אויך דאפיר בעצאהלט א צו הויכען פרייז!—

אונזער פאלק, וועלכע האט פיר טויזענדע יאהרען זיך געאפפערט מיט לייב און לעבען פיר זיין תורה, און איז געגאנגען פיר איהר אין פייער און וואסער, און האט אלעס איבער־עטראגען; אונזער פאלק, בייא וועמען עס וואר רעכט צו ליידען ארמוטה און נויטה, הונגער און קעלט, אום ניט איבער צו טרעטען דאס מינדעסטע פאן איהרע געזעטצע; אונזער פאלק, וועלכע האט שטריינג פערהייליגט דעם שבת און אלע פייערטאגען, פיר אירגענד וועלכען פרייז; וועלכע האט אלע מיהע אנגעווענדעט אום צו ערציהען דיע יוגענד אין אידישען וועג, און איינפלאנצען אין דיע קינדער ליעבע צו גאט און זיין תורה; וועלכע האט, אין אלע צושטענדע, אבגעריסען צייט צו שטודירען אונזערע הייליגע ביכער, יעדער נאך זיין פערשטאנד און קענטניסע; וועלכע האט אימער זיך געפיהלט שטאלץ צו זיין „אויסערוויילט" פאן אלע פעלקער, און דארום האט ער זיך העכסט דערוויטערט פאן אסימילאציאן און נאכאהמען זיינע שכנים — אט דיע זעלבע

פאלק אונזערע, האט יעצט ארויסגעגעבען פאן זיך א גרויסען טהייל וועלכע האט אויסגעוואנדערט היער אין פרייען לאנד, און האט זיך אין גאנצען „בעפרייעט" פאן דיע אלע אויבענדערמאנטע אידישע רייכטהימער!— אונזערע ברידער האבען דא באלד געפונען פיר זיך א רייכע פעלד צו מאכען געלט; האבען זיך באלד אריינגעווארפען אין אמעריקאנעם שטראם, מיט לייב און זעעלע, און האבען דעם יו־ענטהום אין גאנצען פערנאכלעסיגט! קיינע אפפער פיר דער תורה ווערען גע־מאכט; שבת און יום טוב זיינען געווארען מיט וואך צו גלייך; דיע יוגענד ווערט ניכט געלעהרנט, און ווערט ערצויגען צוזאמען מיט דיע שטראסען־קינדער; לערנען איז אין גאנצען אונטערבראכען, א ספר ווערט ניט אריינגענומען אין האנד, דאס ווערט בעטראכטעט אלס דום און נוטצלאז; און דער גייכט פאן אסימילאציאן דרינגט דורך דער גאנצער אידישער מאסע, און דיע נאכאהמונג צום גוי, אין אלע נארישע און אומנוטציגע היגזיכטען, שטייגט פאן טאג צו טאג!—

און ניט נור ווערט דא בלויז דער אידישער גייסט פערזונקען, אויך דער קערפער ווערט היער פערדארבען. דיע מייסטע פאן דיע אריבערגעקומענע אידען, פערלירען דא באלד דיע פארב פאן געזיכט, דיע צייהן פאן מויל, און דיע ליכט פאן דיע אויגען. דיע איינגשאפט און שמוטץ, דיע פערפעסטעטע לופט און גע־פעלשטע שפייזען, אין דיע גרויסע שטעדט,ווירקען זייער שלעכט אויף דיעזע לייטע; זייא פאנגען באלד אן מיט דאקטארען, און שטאפען זיך מיט מעדיצין, בהלכות אמעריקא, איבערהויפט אין דיע זידליכע שטאאטען, וועלכע זיינען פאל מיט מאלעריע; ליידען אב יאהרען לאנג, און שטארבען פאר דער צייט. דעם אימיגראנט'ס קינדער ווערען גרין און געל, פערלירען באלד דעם אפעטיט, גע־וואהנען זיך צו אלע שמוטץ אין סטריט; דער אידישער טיפ גייהט פאן זייא אוועק, ווערען פערגרעבט און פערפרעמדעט פאן עלטערן, פאן היים, פאן אלעם וואס איז אידיש, קריינקען זייערע עלטערן אונערבארמדיג, און פערבלייבען פיינדע צו זייער פאלק אויפ'ן גאנצען לעבען!—

דיזע, און נאך פיעלע, זיינען דיע גליקען וועלכע אונזערע ברידער געפינען דא אין גליקליכען לאנד; אבער דער גייטץ צו נעלט פערבלענדעט זייא דיע אויגען און פערדולט דעם קאפף, און זייא האלטען אן אין לויפען ביז צו ענדע....

אזוי וויע אבער, אזא צושטאנדע קען לאנג ניט אנהאלטען, און עס מוז זיך ענדיגען מיט איינס פאן דיע צוויי פעלע, נעמליך: אדער אגרויסע טהייל פאן

אונזערע איינגעוואנדערטע ברידער וועלען זיך אסימילירען אין גאנצען מיט זייערע שכנים, און קירצליך אבשטארבען צו אונזער פאלק; אדער דאס אנטיסעמיטיז־מוס ווערט וואקסען אין לאנד — וויא עס צייגט זיך שאן ארויס — ביז עס ווערט בריינגען דיא זעלבע פערפאלגונגען, וויא יענע פאן וועלכע זייא האבען געליטען אין דער אלטער היים, און וועלען קריגען אזא שטויס צוריק, דאס ניט ווילענדיג וועלען זייא זיך נעמען צום אלטען יודענטהום צוריק, נאך גרויסע פערלוסטען און פיעל ליידען און שמערצען, וויטאג און שאנדע! —

אזעלבע פאלגען פאן אסימילאציאן האבען שאן אונזערע ברידער געליטען פיעלע, פיעלע מאהל, און זייא ווערען אימער אויסגעאיבט, נאך אזא פערזועהען. — און, דארום איז דיא פליכט פאן יעדען איינעם, וועלכער איז גוט בעקאנט מיט אונזער פאלק'ס היסטאריע, און ליעבט זיין פאלק מיט א הייסען הארצען — צו מונטערן זיין פאלק און וועקען, און איהם ערקלעהרען און עפנען דיא אויגען, ער זאל וויסען וואו ער האלט אין דער וועלט; און איהם ווארנען פאן דיא אלע מעגליכע געפאהרען, וועלכע שטעהען איהם פאר, פיר נאכלעזזיגקייט צום יודענ־טהום. —

דארום, מיינע ברידער! מיט דער הילפע פאן גאטט, דער שומר ישראל, האב איך, דער שרייבער פאן דיזע ציילען, וועלכער האט פערבראכט יאהרען לאנג אין שטודירען דאס יודענטהום מיט זיין תורה און ליטעראטור, מיט זיין וואונדערבארען עקזיסטענץ און רייכער היסטאריע — פערפאסט דיזעס ווערק, וועלכע האט דיא אויפגאבע: צו רופען צו אונזער פאלק, איבערהויפט דיא גרויסע מאסע פאן אידען וועלכע געפינט זיך אין דיזען לאנד; צו וועקען דיא פער־שלאפענע און מונטערן דיא נאכלעזיגע, צו ערקלעהרען דיא פערפיהרטע און שטארקען דיא געפאלענע, צו ערמוטהיגען דיא שוואכע און ערווארמען דיא אב־געקיהלטע, צו טרויסטען דיא פערצווייפעלטע און בעלעבען דיא גלויביגע, און, צו בעקעהרען דיא אבגעקעהרטע הערצער, וועלכע האבען נאך א פונק פאן דער אלטער הייליגקייט, צוריק צו זייער פאלק, צוריק צו זייער תורה און רעליגיאן! —

דיזעס ווערק איז פאלל מיט נאציאנאלע געדאנקען און רעליגיעזע געפיה־לען, איינגעפאסט אין ערהאבענע פארטרעגע, וועגען וויכטיגע היגזיכטען פאן יודענטהום, וועלכע אפעלירען צום הארצען און זיינען אנגענעהם בייא אלע קלאססען פון פאלק, זאגאר דיא וויטסטע, — דיא אלע פאקטען און בעהויפטונגען אין דיזעס ווערק זיינען אזוי פראקטיש און געגרינדעט אויף וואהרע בעווייזע,

דאס קיין רעכט־דיינקענדער לעזער ווערט זייא דיספוטירען, ער מעג יא גאנץ פערשיעדענע מיינונגען האבען אים אלגעמיין. —אין פערלויף פאן דיא רעדען ווערען ערקלהערט, העכסט לאניש, פיעלע פסוקים פאן תנ״ך און שטעלען פאן תלמוד, אין אזא וועג, דאס דער לעזער קען אליין פערשטעהען, דורך דיא פארינע רייד, דעם זינן און לעהרע וועלכע זייא ענטהאלטען, און דיא רייכטהום וואס זייא בעזיצען. —

איך האב אויך זיך גענעבען דיא גרעסטע מיהע צו מאכען דיא שפראכע, וויא מעגליך, קורץ און ריין אידיש, אנציהענד און געשפאנט, לאגיש צוזאמענגע־זעצט, און העכסט אינטערעסאנט, וועלכע בעאיינפליסט אירגענד וועלכען לעזער, צו לעזען ווייטער. —

און אזוי מיינע ברידער, האב איך געגרייט פיר אייך א טיש פאן גייסטיגע שפייזען, וועלכע וועלען ערקוויקען אייער הארץ און בעלעבען אייער נשמה. לעזט דיזעס ווערק, און איהר ווערט זיך ערנעהנטערן צו אייער נאציאן, צו אייער תורה, און, צו גאטט פאן ישראל !—

אויב דיזעס ווערק ווערט בעאיינפליסען אירגענד וועלכע הארץ פאן אונזערע ברידער, און עס ערנעהנטערן צום יודענטהום, וועל איך זיין העכסט בעלאהנט.

דער פערפאסער

בנין ישראל

בונה ירושלים ה׳

(תהלים קמז, ב.)

אונטער דיע מערקווירדיגע פסוקים פון תנ״ך, דיע אלע טיעפזיננינגע אויס־דריקען פאן אונזערע הייליגע נביאים, קען מאן אויך אריינרעכענען דעם אויבענ־דערמאנטען פערז, פאן אונזער קעניג־פאעט בייא דער ענדע פאן תהלים, וועלכען איך האב דא געשטעלט אלס „קאפף״ צו דיזער פארטראגע. „גאטט בויעט ירושלים, דיע פערשטויסענע פאן ישראל ווערט ער פערזאמלען״! דאס ערסטע העלפט פאן פערז איז אין דעם בינוני, אין דער געגענוואַרט: גאטט „בויעט״ ירושלים, דאס צווייטע העלפט איז אין עתיד, אין דער צוקונפט: דיע פערשטוי־סענע פאן ישראל „ווערט״ ער פערזאמלען! און וואס מיינט אין אלגעמיין, גאטט בויעט ירושלים? גאטט וועלכער האט בעשאפען הימעל און ערד, און אלעס וואס געפינט זיך אין זייא, בלויז אין זעקס טעג — אדער וויע דער פאעט זאגט: בדבר ה׳ שמים נעשו, אלעס איז געווארען דורך גאטטעס ווארט — זאל בויען ירושלים, שאן טויזענדע יאהרען, און עס איז נאך אלץ ניט פערטיג?! וואס איז דיע אור־זאכע ווארום עס געדויערט אזוי לאנג? וואס שטייהט אין וועג פאן ירושלים׳ס אויפבויאונג? — דאס ווערט זיין דער ערסטער מאמר.

איין מערקווירדיגען מאטר בריינגט דיע גמרא (בבא בתרא עג.) אמר רבה בר בר חנא: אשתעי לי נחותי ימא, האי גלא דמטבע לספינתא מתחזי כי צוציתא דנורא חיורתי ברישא, ומחינן לה באכוותא דחקיק עלה שם ה׳ צבאות אהי׳ אשר אהי׳, וניח. רבה בר בר חנא, וואהרשיינליך א מאן וואס איז אימער געזעסען אין בית המדרש און געלערנט; דערצו פערשטעהט זיך, איז ער געוועזען־אגרויסער ארע־מאן, און האט געוויס קיין מאהל ניט גענומען א „וואקיישאן״ ארום צו רייזען דיע וועלט, און זעהען וואס עס טוהט זיך אין דיע ימים און מדבריות, אין דיע אלפען־בערג, אדער אין דער „פינסטערער אפריקא״, און דאס גלייבען. מיט איין מאהל, איז דיזער לערנער געווארען א גאנצער „ספארט״, און האט אנגעהויבען צו דערציילען וואונדער פאן דער גרויסער וועלט, אזוי וויע איין אלטער „טראוו־לער״ און האט נאך געהאט דיע זכיה דאס אלע זיינע „מעשיות״ זאלען אריינגע

גומען ווערען אין תלמוד, וואו אלעס איז געוואגען און געמאסטען, און קיין לעערע זאך געפינט זיך ניט! און דאך ווערען קיינע פאן זיינע וואונדער דערצייהלט אין אירגענד וועלכע רייזע בעשרייבונג! — ער דערצעהלט: דאס דיע ווערלע וועלכע פערטרינקט דיע שיף, צייגט זיך פאן אנפאנג מיט העללע ליכטיגע שטראהלען. און ווען מען שלאגט עס מיט איין שטאבע אויף וועלכע עס איז אויס געקריצט דער נאמען פאן גאטט, אהי' אשר אהי', דאן רוהט עס, און טוהט מעהר קיין שאדען!!! וואס פיר א זינן ליגט אין דיזע ווערטער? דאס ווערט זיין דער צווייטער מאמר פאן דיזער פארטראגע. —

א דריטער מאמר. מיר געפינען ווען יעקב אבינו איז אנטלאפען פאן זיין טהייערן ברודער עשו צו זיין ליעב הארציגען אנקעל לבן, נאך חרן, א פלאטץ וועלכער איז אויסער האלב פאן דער צוקינפטיגער ארץ ישראל, האט ער גענעכטיגט אין א געוויסען פלאטץ, און האט געזעהן א מערקווירדיגען חלום. וועמעס גלייכען האט נאך קיינער ניט געזעהען, זינד דיע וועלט שטעהט. ער האט געזעהען ווי א לייטער איז געשטעגט געווארען, גרויס פאן דער ערד ביז אין הימעל, און מלאכים שפאציערען איבער איהם, און גייהען „ארויף און אראפ"! און גאטט שטעהט לעבען איהם, און זאגט איהם: 1) איך בין דער גאט פאן דיינע עלטערן; 2) דיזע לאנד ווערט א מאהל געהערען צו דיר און צו דיינע קינדער; 3) דיינע קינדער וועלען זיין ווי דיע שטויב פאן דער ערד; 4) דוא ווערסט זיך שפרייטען וועסט, אסט, נארד און זיד; 5) אלע פאמיליען פאן דער וועלט וועלען געזעגנעט ווערען דורך דיר און דיינע קינדער; 6) איך בין מיט דיר, און וועל דיר היטען וואו דוא ווערסט געהען; 7) איך וועל דיר צוריק ברייננגען צו דיזען לאנד; 8) איך וועל דיר ניט פערלאזען, ביז איך וועל האבען געטאהן וואס איך האב דיר צוגעזאגט. דיזע אלע צוזאגען זיינען ווירקליך גוטע, אויסער דיע דריטע, וועלכע שיינט ניט צו זיין אזא גליק, און דיע לעצטע, וועלכע איז ניט אזוי פערשטענדליך. אבער, וואס האט דער גרויסער לייטער צו טאהן מיט דיע אלע צוזאגען? ווער זיינען דיע מלאכים וועלכע שפאציערען איבער איהם? פאן וואנען האבען זייא זיך גענומען אויף דער ערד? ווארום גייהען זיי ארויף און נאכהער צוריק? וואס ליגט דא אין דער גאנצער געשיכטע —

א פיערטער מאמר. — דער מדרש זאגט: חמשה ויהי בימי הם, אין גאנץ תנ"ך געפינט זיך בלויז פינף מאהל ויהי בימי: 1) ויהי בימי אמרפל, 2) ויהי בימי שפוט השופטים, 3) ויהי בימי אחז, 4) ויהי בימי יהויקים, 5) ויהי בימי

אחשורוש. דער מדרש זאגט אין קורץ דארויף, נאך דעם זינן פאן אגדה, ווי עס איז געוועהנליך אין מדרש. אין פערלויף פאן דיזער פארטראגע וועלען ער־קלעהרט ווערען דיע סימילאציאן און דיע פינף כאראקטעריסטישע פערזאנען וועלכע זיינען דערמאנט אין דיזע פינף פסוקים; וועלכע שיינען, איבערפלעבליך ניט צו האבען דאס מינדעסטע פערבינדונג איינער מיט דעם אנדערן, דאך ווערען זייא דערמאנט אלע מיט איין גלייכען אנפאנג, וועלכער געפינט זיך ניט בייא קיינע אנדערע אין גאנץ תנ"ך, און צייגט דאס עס וואר א געוויסער אבזיכט צו קלאססיפיצירען דיזע פינף פערשידענע פערזאנען פאן פערשידענע צייטען, צו־זאמען! —

א פינפטער מאמר. — דער לעצטער פאן אלע נביאים, מלאכי, זאגט אם ענדע פאן זיין בוך: הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בא יום ה' הגדול והנורא, והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, פן אבוא והכיתי את הארץ חרם. איך וועל אייך שיקען אליהו דעם פראפעט, בעפאר עס ווערט קומען גאטטעס טאג, דער גרויסער און דער שרעקליכער; און ער ווערט צוריק־קעהרען דיע הארץ פאן עלטערן צו קינדער, און דיע הארץ פאן קינדער צו "זייערע" עלטערן; זאנסט, וועל איך קומען און שלאגען דיע וועלט וויסט! — יעדער איד וואלט ווירקליך געוואונשען דאס דיע ענדע פאן אונזערע נביאים זאל זיך אויסלאזען מיט עטוואס מעהר אנגענעהמעס, מעהר פריילינעס, מעהר איינ־פאכעס, אלס אזעלכע שרעקליכע ווערטער, וואס ווארפען ארויף אויף דעם שטו־דענט פאן דער ביבעל אזא פערציטערונג, און לאזען איהם איבער אין דער העכס־טער, ערנסטער נאכדיינקונג! — מיר דארפען פערשטייהן אין דיזע צוויי פסוקים אייניגע וויכטיגע פונקטען, וועלכע זינד העכסט אינטערעסאנט, אהנע וועלכע דיע ווארטען מוזען פערבלייבען כספר החתום, וויא א פערזיגעלטעס בוך, אין גאנצען אונפערשטענדליך. דיע פונקטען זינד:

1) ווער איז דאס דיזער אליהו הנביא, פאן וועלכער מיר האבען ניט גע־הערט אין תנ"ך זינד דיע צייט פאן קעניג יהורם (דברי הימים ב' כא, יב.), ביז דיע צייט פאן מלאכי, אונגעפער בייא א פיער הונדערט יאהר? 2) דיזער אליהו הנביא ווערט געשיקט ווערען בעפאר עס ווערט קומען "דער גרויסער און שרעקלי־כער טאג", וואס פיר א טאג ווערט עס זיין? ווען ווערט עס זיין? וואס פיר שרעקליכעס ווערט אין דיזען טאג פאסירען? 3) דעם נביא'ס ארבייט ווערט זיין "אומצוקעהרען דיע הערצער פאן עלטערן צו קינדער", דאס איז גאנץ אונפער־

שטענדליך, וואס פיר א סארט אויפגאבע איז דאס? וואס פיר א צוזאמענהאנג האט דיזע ארבייט מיט דיזען שרעקליכען טאג? 4) ווארום שטייהט „דיע הארץ פאן עלטערן צו קינדער און דיע הארץ פאן קינדער צו „זייערע" עלטערן", ווארום שטייהט אויך ניט „דיע הארץ פאן עלטערען צו „זייערע" קינדער? 5) וואס איז דער זינן פאן דיע לעצטע ווערטער „פן אבוא והכיתי את הארץ חרם" אב ניט דיע פעראייניגונג פאן עלטערן מיט קינדער, וועל איך קומען און שלאגען דיע וועלט וויסט, וואס מיינט עס? 6) דיזער קאפיטעל איז גראדע אויסגעקליבען גע־ווארען אלס הפטרה פיר שבת הגדול, וואס איז דיע אורזאכע? ווארום רופט זיך דער שבת בעפאר פסח „שבת הגדול"? —

דיזע מאמרים, צוזאמען מיט דיזע אלע פראגען וועלען, מיט גאטטעס הילפע, ריכטיג ערקלעהרט ווערען אין פערלויף פאן דער פאלגענדע פארטראגע.—

מען האט אמאהל געפרעגט א פערצייטיגען פילאסאף: וואס פיר א בעווייזע ער קען געבען וועגען גאטהייט?" קוקט זיך צו אויף אידען, און איהר קענט וויסען דאס עס גיבט א גאטט אויף דער וועלט" האט ער קורץ און שארף גענטוואר־טעט! פיר טויזענדע יאהרען האבען פילאסאפען פאן אלע פעלקער זיך געבראכען דיע מחות, האבען דעבאטירט און פילאסאפירט צו בעאנטווארטען דיזע פראגע און צו בעווייזען אויף איין נאטירליכען וועג דיע עקזיסטענץ פאן גאט, דער בע־שעפער און פערוואלטער פאן אלעם וואס עקזיסטירט. יאהרען לאנג האבען זיך דיע אלע חכמים ארומגעריסען, און ארומגעקריעגט, אין פערשידענע היפאטהעזען, און בויך־סברות; יעדער איינער האט פרובירט איבערשטייגען דעם אנדערען מיט זיינע טהעאריען און מיינונגען, אבער קיינער פון זייא האט נאך ווען געגעבען אזא וויכטיגען און ריכטיגען אנטווארט, וויע דער אויבענדערמאנטער פילאסאף. און זיין אייןווארט שטעלט אין דונקעלהייט דיע גאנצע פילאסאפיע פון אלע אנדערע. געוועהנליך, אלס פילאסאף האט ער גערעדט גאנץ קורץ; דאך ליגט אין זיינע ווערטער גענוג פערנונפט און ווארהייט, אום פאלקאם צו בעאנטוואר־טען היזע וויכטיגע פראגע. איך וועל פרובירען צו ערקלעהרען וואס ער האט דער־מיט געמיינט. — „אידען זיינען א בעוויז אויף גאטט!" דיזער פילאסאף האט אהנע צווייפעל געמוזט האבען לאנג און פלייסיג געשטודירט דעם אידישען פאלק, בעטראכטעט דיע אלע בעגעבענהייט פאן זיין פיער טויזענד יעהריגע געשיכטע, זיך גוט צו געקוקט צו זיין וואונדערבארען עקזיסטענץ אונטער דיע פעלקער, און איז מיט זיין טיעפזינניגקייט אוי שארפען קריטיק געקומען צום בעשלוס, דאס עס

איז ווירקליך איין וואונדערבארעס פאלק, וועלכעס עקזיסטירט בלויז דורך איין איבערנאטירליכען קראפט, וועלכען מיר רופען „גאט" ! —

ווען מיר זאלען נעהמען איין יונגעס קינד, איהם ערציהען גאנץ איינזאם, אונטער דער אויפזיכט פאן דיא בעסטע לעהרער, וועלכע זאלען איהם לאזען לערנען אלע וויסענשאפט פאן דער וועלט, אבער זאלען גוט אכטונג געבען דאס ער זאל ניעמאלס הערען דאס ווארט „גאט", דאס ער זאל קיין בעגריעף האבען פאן „בעשאפען", „איבער נאטירליכעס", „וועלט-קראפט", „פארזעהונג" און דאס גלייבען; ער זאל גאר ניכטס וויסען פאן אירגענד וועלכע מעטאפיזישע און רעלי-גיעזע טערמינען, און זיין גאנצעס וויסען זאל בעשטעהען בלויז פאן וועלטליכע און מאטעריעלע געגענשטענדע. — דיזעס קינד זאל ווערען גרויס, ארויסגייהען אויף דער וועלט, בעטראכטען אלעס ארום איהם, בעאבאכטען אלעס וואס קומט פאר: ער ווערט זיך קיינע מיהע געבען וועגען: ווער האט געמאכט אלעס וואס ער זעהעט? ווער דירעקטירט אלעס וואס קומט פאר? ער איז געוואהנט צו דיינקען דאס אלעס וואס איז, דארף אזוי זיין, און קען ניט זיין אנדערש, און באסטא! אויף איין מאהל, ווערט זיין געדאנקען פאללען אויף איין מערקווירדיגען געגענ-שטאנד; ער ווערט דערגייהען וועגען א פאלק פאן א צעהן מיליאן פערזאנען, פערשיעדען פאן דער גאנצער מענשהייט אין טויזענדע וויכטיגע פונקטען, וועלכע האבען קיין לאנד, קיין היים, קיין אייגנעם באדען, און זיינען צוזייעט און צו שפרייט צווישען אלע פעלקער אויף דעם גאנצען ערד קוגעל, וואו קיינער האט זייא ניט גערופען און ניעמאלס איינגעלאדען; וועלכע אקערן ניט, זעען ניט, שניי-דען ניט און דרעשען ניט, און לעבען דאך; מיידען אויס אלע געפעהרליכע און שווערע קערפערליכע ארבייט, דאך זיינען זייא מעהר ארבייטזאם, שאפען לייננערע שטונדען, מיט מעהר נעדולד און אונטערנעהמונגס קראפט, און זיינען מעהר מאסען ערפאלגרייך אלס אנדערע מענשען! — ער בעטראכט וויטער, און געפינט אויס, צו זיין ערשטוינען, דאס דיזעס פאלק איז פערהאסט איבעראל, געפיינדעט און פערשפאטעט בייא יעדערן, דיע פאלקס-מאסען פעראכטען זייא, און דיע רע-גיערענדע קלאסען האלטען זייא איבעראל אין צוואנג, מיט מעהר אדער וויינינער אויסנאהמס-געזעטצע, פיר אהנע וועלכע גענינענדע אורזאכע. און דאך זיינען זייא אים אלגעמיין בעסער אב, אלס אירגענד וועלכע קלאסע מענשען, פהיזיש און גייסטיג, מיט וואהלהאבענדע און רייכע אין זייער מיטטע; זיינען געזונדטער, און פערמעהרען זיך, און לעבען לייננער אלס אנדערע נאציאליטעטען, און בעשטע-

העון פאלקאם זייער אייגנעס, אין געגענ־זאַטץ פאן אלע אונגינסטיגע אומשטענ־דען ארום זייא! — דער יונגערמאנן ווערט אלץ מעהר אינטערעסאנט אין דיזען פאלק, און נעהמט א טיעפען בליק אין זיין פערגאנגענהייט, און ווערט איבער־ראשט צו לערנען: דאס פיר דיע לעצטע אכטצעהן הונדערט יאהר האבען אלע אייראפייאישע פעלקער אנגעפיהרט איין העכסט בלוטיגען קאמפף געגען דיזען פאלק, האבען געשטריטען געגען זייא מיט פייער און שווערד, האבען אנגעווענדעט אלע בארבארישע מיטעלן זייא צו פערניכטען; האבען זייא געטריבען פאן לאנד צו לאנד, און פאן שטאדט צו שטאדט: האבען אויף זייא געמאכט שטענדיגע מערדערישע אנפעללע; האבען געראובט זייער פערמעגען, געשענדעט און געמאר־דעט פרויען, מענער און קינדער, פערברענט זייערע הייזער און פערניכטעט גאנצע געמיינדען! דיע רעגירונגען האבען געזויגען זייער בלוט, און דיע קירכען האבען אויפגערייצט אויף זייא דעם ווילדען פעבעל. זייא ווארען איבעראל נאכגעיאגט וויע דיע ווילדע טהירע, און האבען קיין רוהע געפונען; דורך אללערלייא פאלשע בעשולדיגונג ווארען זייא געווארפען אין פייער און אין וואסער, בעגראבען לעבע־דיגערהייט, פערקויפט פיר שקלאפען און פערזעצט אין עווינע קאזעמאטען; און דיע ארעמע און שוואכע שאאף האבען געליטען און געשוויגען, און אלעס איבערגע־טראגען! ביז אייראפא איז געווארען מיעד, און האט מיט שאנדע אבגעגעבען דעם אפענעם קאמפף, אנערקענענדיג דאס דיזעס פאלק איז אונצערשטערבאר!— ער שטודירט ווייטער דיע געשיכטע פאן דיזען פאלק, און געפינט אויס דאס עס איז פיעל עלטער וויע ער האט געדיינקט, דאס עס שטאמט אב פאן איין גאנץ טיעפען אלטערטהום; דאס ער האט בעזעסען איין אייגנעס לאנד פיר דרייצעהן הונדערט יאהר; דאס ער האט בעזיגט אין זיין לאנגען עקזיסטענץ פיעלע גרויסע און שטארקע פעלקער, האט געשטריטען בראוו געגען פיעלע אנדערע, מעכטיגערע פון איהם; האט געוויזען וואונדערבארע מוטה און קראפט, ענערגיע און העלדענטהאט אין קונסט פאן קריעג, פאן וועלכע דיע וועלט האט געשטוינט, און וואונדער איבער וואונדער! ער האט איבערגעלעבט דיע אלע פעלקער וועלכע האבען איהם שלעכט בעהאנדעלט; ער האט געזעהען מיט זיינע אויגען וויע אלע זינד אבגעשטארבען און פערגעסען געווארען, און ער, לעבט נאך ביז היינטיגען טאג. ער איז וויע א דארן אכעמען אין דיע אויגען, און שטייהט וויע דער מעכ־טיגער פעלז אין מיטען מעער, און דיע גאנצע וועלט קען איהם ניט פערניכטען;— אבוואהל דיזער יונגערמאנן האט קיין מאהל ניט געהערט דעם נאמען „גאט“,

און האט קיין אידעע וועגען א בעשעפער פאן דער וועלט, ווערט ער דאך זעלבסט אויסשרייען: עס איז ווירקליך איין וואונדערבארעס פאלק, אונגליך צו אלע אנדערע! איין מיסטירישע קראפט האלט עס אויף פיר א געוויסען ציעל; און דיזע קראפט שאלטעט און וואלטעט אלעס! — דאס איז אין קורצען דער זינ פאן דיע ווערטער פאן דעם אויבענדערמאנטען פילאסאף: דאס אידען זיינען א בעוויז פיר גאט: און דיע וועלט דארף קיינע בעסערע האבען; און דאך, מיר אידען, וועלכע האבען געלערנט דיע רייד פאן אונזערע נביאים, דארפען ניט האבען דיע גאנצע פילאסאפיע! אונזער ישעיהו הנביא האט נאך מיט צוויי און א האלב טויזענד יאהר צוריק עס געזאגט אין צוויי ווערטער: ואתם עדי! נאם ה׳, (מג, י, יב.) איהר זייט מיינע צייגער! זאגט גאט; „אידען זיינען דיע בעסטע בעווייז אויף גאט!" מיט רעכט זאגען אונזערע תלמודיסטען: ליכא מידי בעלמא דלא רמיזא באוריתא! אלעס איז אנגעוואונקען אין דער תורה. —

און אזוי זעהען מיר דאס גאנצע פעלקער, אזוי ווי איינצעלנע פערזאנען, לעבען א געוויסע צייט, שאפען און ווירקען נאך זייער פעהיגקייט, בערייכען דיע וועלט, אין א געוויסער מאסע, מיט קולטור, קונסט און בילדונג, און נאכהער שטארבען זייא אב אלס נאציאן, און ווערען מיט דער צייט אין גאנצען פערגעסען. איין פאלק איז דא אויף דער וועלט, וועלכע איז אונשטערבליך, און דאס איז דאס אידישע פאלק, און וועלכע האט נאך אין מיטען זיינע ארבייט, נאך פאן זיינע אורעלטערן אן האט עס שאן אנגעפאנגען צו בעלעהרען דיע מענשהייט וועגען גאט, מאראל, גערעכטיגקייט און זא ווייטער. עס האט שוין דיע וועלט פיעל אויסגע־בילדעט; אבער עס מוז נאך פיעל לערנען, ביז עס ווערט קומען צום העכסטען גראד פאן פאלקאמענהייט. ווי איך שרייב אויף אנדערע פלעטצער פאן דיזער ווערקע. דיזע מיסיאן פאן אידישען פאלק גייהט אן אימער וועהרענד, אין מאנכע פעריאדען שנעל, אין מאנכע לאנגזאם, ביז הייטע צו טאגע, און ווי שארפזינניג האבען עס אונזערע תלמודיסטען אויסגעדריקט: לא הגלה הקדוש ברוך הוא את ישראל לבין האמות אלא להוסיף עליהם גרים, וועלכע איז גאנץ פערשטענדליך דורך דיע אויבענדערמאנטע ווערטער. — בעטראכט נור דיע צוויי ערהאבענע אידען פאן, איין אלוועלטליכע שפראכע, און איין אלוועלטליכען פריעדען, וועלכע האבען עררייכט, אין א קורצער צייט, אזא פראמינענץ, אלס צו בעשאפען אינטערנאציאנאלע קאנגרעססען אין דיע גרויסע שטעדט פאן איי־ראפא און אמעריקא, און וועלכע האבען שאן אנהייגער אונטער אלע נאציאנען

דיזע אידעען זינד געשטיפטעט געווארען ניט לאנג צוריק. דורך — צוויי אידען! און מיר האבען זייא אין דער ביבעל: ויהי כל הארץ שפה אחת, (בראשית יא, א.) בעפאר דיע מענשהייט ווער קאראפטירט האט עס בענוצט איין שפראכע, און אזוי ווערט זיין אין דער צוקונפט, און: לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה (ישעי' ב' ד,) קיין שטרייט ווערט מעהר ניט זיין אויף דער וועלט. און מיר קענען ווירקליך האפפען, דאס קירצליך ווערט אויך אנפאנגען א פראפאגאנדע פיר איין אלוועלטליכע רעליגיאן, (צייכענס דאפיר זעהען זיך שאן:) און דאס מוז אויך קומען, ווי דער נביא זאגט: כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם בשם ה׳ ולעבדו שכם אחד. — (צפני׳ ג׳ ט.).

און דאס ווער דאס ערשטע ערשיינונג פאן גאט צו אונזער פאטער יעקב. (דריטער מאמר.) יעקב, אזוי ווי אברהם, ווער געצוואונגען צו פערלאזען זיין פאטערלאנד, און אויסוואנדערן, (אלע אידען מוזען וואנדערן!) אין א פרעמדער, אונטער אונבעקאנטע מענשען, מיט א גאנץ אנדערע שפראכע און זיטטען, אליין איז ער ארעם, עלענד, און לויפט פאן פערפאלגונג; ער פאללט מיעד אויפען וועג און שלאפט איין. און גאט צייגט איהם זיין צוקונפט, וואס עס וועט פאן איהם א מאהל ווערען: דא שטעהט א לייטער, דיע צייט פאן דער וועלט, לאנג און הויך, און גרייכט ביז דעם הימעל; און דיע מלאכים פאן גאט (אזוי וויע: עושה מלאכיו רוחות, משרתיו אש לוהט; אלעס וואס דיענט פיר גאטטעס ציעל, אלעס וואס ווירקט אויס גאטטעס וואונש, רופען זיך מלאכים, אין תנ״ך.) אלע נאציאנען וועלכע שאפען און ווירקען פיר דעם פראגרעסס פאן דער וועלט, גייהען „ארויף״ זייא שטייגען הויך, ביז א געוויסען גראד, אויף דעם לייטער פאן ציוויליזאציאן, טוהען אב זייער מיסיאן, און דאן געהען זייא „ארונטער״, זייא לעבען אב זייער צייט, און שטארבען אב פאן דער פאמיליע פאן פעלקער, און ווערען ענדליך פערגעסען.— און דא שטעהט גאט נעבען איהם און זאגט: זעהעסט דוא, מיין טהייערער יעקב, ווי אלע פעלקער איינע נאך דיע אנדערע גייהען אראב פאן וועלט־לייטער און פערשווינדען אין דער פערגאנגנגעהייט? איך בין דער גאט פאן אברהם און פאן יצחק, וועמען איך האב צו געזאגט א גרויסע צוקונפט פיר זייערע נאכקאמענדע, זייא וויסען דאן, דאס דיזע לאנד ווערט א מאהל געהערען צו דיר און דיינע זאמען, איך וועל מאכען פאן דיר א נאציאן וועלכע זאל עוויג עקזיסטירען, ניט אזוי ווי דיע אלע פעלקער וואס **דוא** זעהסט, און זי ווערט בעזיצען, דיזע שעהנע לאנד, און ווערט ווערען גרויס אין דער וועלט, און לעבען גליקליך

פיר א געוויסע צייט. נאכהער אבער, דורך זינד און אונגעהארכזאמקייט וועלען זייא דיע לאנד פערלירען, און ארויסגייהן וואנדערן אין פרעמדע לענדער. דיינע זאמען זעלען דאן ווערען ווי די „שטויב פאן דער ערד", ניעדריג און געטראטען מיט דיע פיס, צו שפרייט און צו זעעט איבער דער גאנצער וועלט, זאגאר צוריסען און צער־שפליטערט, צווישען זיך זעלבסט, גראדע ווי שטויב, וואס האט קיין פערבינדונג מ'ט צוזאמען. (אברהם אבינו האט געזעהען דעם גלות מצרים, יעקב, דעם גרויסען און לאנגען גלות, נאך וועלכען עס ווערט זיין דיע גאולה שלמה!) און, גראדע פאן אזא צושטאנד, — ווי ירמי' הנביא זאגט: ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע! (ל' ז.) — ווערסט דוא, אלס פערקערפערונג פאן דיין פאלק, — ווי דער תלמוד זאגט: יעקב אבינו לא מת. — אנפאנגען זיך צו שפרייטען איבעראל אויף דער וועלט, אין אלע לענדער און פראווינצען, אונטער אלע פעלקער און נאציא־נען, דוא ווערסט בעלעהרען דיע גאנצע וועלט, דיין לעהרע ווערט אריינדרינגען אין אלע פינסטערע געגענדען, און דיע ווייטעסטע ווינקלען וועלען זיך מיט דיר בעקענען, דיע וועלט ווערט שעפפען פאן דיין תורה, דיינע נביאים און פאעטען, דיין ליטעראטור ווערט עפנען דיע בלינדע אויגען, און דיין זשעניע ווערט פערא־דעלן דיע פערשטאפטע הערצער, דוא ווערסט אבשאפען געצענדיענסט און אבער־גלויבען, שטרייטיגקייט און קריעג, אונגויסענהייט און דומהייט, פאלשקייט און נידערטרעכטיגקייט; זא דאס אלע פאמיליען פאן דער ערד זאלען ווערען דורך דיר ציוויליזירט, ערהייבען צו דער העכסטער פאללקאמענהייט, און ווערען געזעגענט און לעבען גליקליך אויף דער וועלט אויף אימער. — דאס ווערט דיר זאגאר ניט אנקומען אזוי גרינג; דוא ווערסט דארפען פיעלע, פיעלע יאהרען ליידען פאן דיינע שלעכטע תלמידים, דוא ווערסט אויסשטייהן נייד און האסס, פערפאלגונג און אונטערדריקונג, פלאגען און מאטערנים, אהן א צאהל. אבער „איך בין מיט דיר, און וועל דיך היטען וואו דוא וועסט גייהען", דוא ווערסט ניט פערפאלען ווערען אין קיין ארט: „כי תעבור במים אתך אני, ונהרות לא ישטפוך, כי תלך במו אש לא תכוה, ולהבה לא תבער בך". (ישעי' מג, ב.) פייער און וואסער וועלען דיר ניט פערניכטען, און שווערד און קאנאנען וועלען דיר ניט צער־שטערען;" יעדע אינקוויזיאנס מאשינע געגען דיר ווערט זיין נוטצלאז, יעדע פער־ליימדונג — אהן ערפאלג"; „וואס מעהר זייא וועלען דיר דריקען אלס מעהר ווערסט דוא זיך שטארקען און שפרייטען", זייא וועלען אלע מיעד ווערען און דוא ווערסט פערבלייבען בייא דייניגעס! און אזוי ווערסט דוא דורכמאכען דיין קא־

ריערע אלס לעהרער פאָן דער וועלט, ביז דוא ווערסט פערטיג ווערען מיט דיין מיסיאָן, און דאַן, „וועל איך דיר צוריק ברייננען צו דיזע לאנד", און דוא ווערסט גניסען דיע פריכטע פאָן דיין ארבייט; „דען איך וועל דיר ניט אבלאזען, איך וועל דיר אימער שטיצען און העלפען אין דיין לאנגער רייזע, ביז איך וועל האבען אויסגעפיהרט מיין וואונש, און מיין ציעל ווערט ערדייכט ווערען, לויט ווי איך האב דיר צו געזאגט! דאס איז אונזער פאטער יעקב׳ס טרוים, וועלכער האט אנ־געהאלטען אין פערווירקליכט ווערען דיזע טויזענדע יאהרען, און ווערט געוויס פערפאלקאמט ווערען, אין רער נאהענסטער צוקונפט! —

צום בעדויערן אבער, איז אונזער פאלק ניט אימער אויף צו זיין מיסיאָן, און ניט איבעראל ארבייט עס צו דיזען צוועק! גאנץ אפט פערגעסען זיך אונזערע ברידער וואס זייא האבען צו טאהן, און גיבען זיך אב אין גאנצען מיט אל־וועלטליכע און אייגענניצליכע בענעהמונגען; זא ווי דער פאעט זאגט: כרמי שלי לא נטרתי. ווי איך שרייב אויף איין אנדער פלאטץ; און דער אידישער מיסיאָן האלט אן א שטיל-שטאנד פיר א געוויסע צייט, און מאכט קיינע פארשריטע, אין מאנכע פעריאדען ווערען אונזערע ברידער נאכלעסיג און ארבייטלאז, און זינקען אין אונוויסענהייט; דיע תורה ווערט ניט געשטודירט, אונזערע נביאים בלייבען אונבעוואוסט, און דיע גרויסע מעננער איגנארירט, ווילען ניט צו הערען צו דיע וואס שטראפען זייא אין נאמען גאטטעס, און פערפאלגען נאך דיע וואס זאגען זייא א גלייכע זאך, דעם יוגענד ווערט גאר ניכטס געלערנט, און בלייבען ווייט פאָן אונזער ליטעראטור און געשיכטע, און פאָן אירגענד וועלכע נאציאנאלע געפיהלען; דיע מאססען ווערען אומגעקלומפערט און פערגרעבט, און, מיט דער אויסנאהמע פאן איינינע, און גאנץ אפט נייע צערעמאניאלע געוואהנהייטען, וויסען ניט פאן יודענטהום פאן רעכטס ביז לינקס, און גיבען ניכטס דארום. —

אין מאנכע פעריאדען ווידער שטעהען אויף אין דער מיטטע פאן אונזער פאלק פערזאנען, וועלכע האבען עטוואס געלערנט, אבער דורך שלעכטע ערציהונג האבען זייא אוועק געווארפען דיע רעליגיעזע וועג פאן זייערע עלטערן, און פערהאססען אלעס וואס איז הייליג; און, ווינשענדיג צו לעבען רייך אויף דעם רעכנונג פאן אנדערע, און בעזיצענדיג א שעהנעם רעדענס-קראפט, בענוטצען זייא זיך מיט דער אונוויסענהייט פאן מאנכע פאלקס-מאססען, און ווערען בייא זייא אנ־געשטעלט אלס פריידיגער און וועג-ווייזער (!). און, זייענדיג זעלבסט פרייע און ווייט פאן אלע רעליגיעזע פרינציפען, און לעהרען פאן ישראל׳ס תורה, מוזען זייא,

אום צו פערדעקען זייער ניעדריגקייט — פריידיגען זייערע אידעען אונטער א כאאס פאן פאלשקייט און פערכיימדונג, און רייסען אפ לאנגזאם זייערע אנהיינגער פאן זייער גאט און נאציאן ! זייא פאנגען אן צו ערקלעהרען זייערע צוהערער, מיט שעהנע פראזען און א זיסע שפראכע, (איבערהויפט ניט אין אידיש !) דאס : ישראל האט שאן אבגעלעבט זיין נוטצבארקייט, און איז שאן אין גאנצען אבגע־שטארבען אלס נאציאן ; דאס ער ברויכט מעהר ניט טרוימען פאן א צוקונפט׳ אדער דאפיר בעטטען, ער דארף נור לעבען אין דער געגענווארט, מיט אלע מענ־שען צו גלייך : דאס אידען דארפען בלויז זיין גוטע בירגער אין דיע לענדער וואו זייא וואהנען, און טאהן אלעס אום זיך צו מאכען געפעלען, זאגאר דער טעמפעל דארף זיין עהנליך אין אלע הינזיכטען צו דער קירכע, אום ניט צו ציהען אויף זיך וועלכע אויפמערקזאמקייט פאן דער בעפעלקערונג : דאס רעליגיאן איז בלויז צו מאכען דעם מענשען וואהלטהעטיג צו זיינע נאכבארען,(איבערהויפט צו צאהלען גוטע נעהאלט צו אזעלכע פריידיגער !) און לעבען מיט זייא אין פריעדען ; דאס דעם יונגענד ברויכט מען ניט צו לערנען דאס אלטע אבגעלעבטע יודענטהום בלויז צו ערצעהלען דיע קינדער איינינע געשיכטען פאן דער פערגאנגענהייט, איין מאהל אין דער וואכע ; (און גראדע אם זונטאג, אום צו זיין עהנליך צו דיע שכנים !) דאס ציוויליזירטע מענשען דארפען זעהען זיך צו אססימילירען מיט דער גרויסער מאססע פאן ארום, דאמיט ווערט די יודענ־פראגע פאן זיך זעלבסט גע־לייזט ווערען, און אלעס ווערט לעבען בשלום ושלוה ; און, זייא ענדיגען דערמיט : דאס דיא גאטהייט איז בלויז איינע מאראלישע אידעע פאן דער אלטער אזיען, און איז גאנץ אוננוטציג אין דעם העכסט געבילדעטען צוונציגסטען יאהר־הונדערט ! — אזעלכע אין עהנליכע אידעען האלטען אן אין פריידיגען דיזע נביאי השקר, דיזע פערפיהרער און פערועטהער, פאן אונזער פאלק, אום צו ענטרייסען אידען פאן זייער גאט, זייער תורה, און פאן זייער צוקונפט, און ווינשען זייא צו־פערגעסען דאס ביסעל וואס זייא האבען געוואוסט פאן יודענטהום פארהער. וויע דער נביא זאגט : וירפו את שבר בת עמי על נקלה לאמר שלום שלום ! (ירמי׳ ח, יא.) החושבים להשכיח את עמי שמי בהלומותם אשר יספרו. (שם כג, כז.) איבערהויפט איז זייער טהעטיגקייט אום דער יוגענד זאל פערבלייבען אין אונוויסענהייט פאן אלעס וואס איז אידיש׳ אום עס זאל זיין גרינג צום פער־ניכטען דעם אידישען גייסט און דעם אידישען נאמען פאן זייער מיטטע. —

אין אנדערע פעריאדען ווידער, ווערען אויסגעקליבען פיהרער בייא אידען—

דורך צווייפעלהאפטע איינפליסע — פאן אונווירדיגע און אונוויסענדע פערזאנען, וועלכע האבען קיין בעגריעף פאן דער ארבייט וואס זייערע עמטער פאדערן, און קיין אידעע וואס זייא דארפען אויפטאהן. פערזאנען וועלכע קענען ניט, און ווייסען זעלבסט ניט, צו זאגען דיא מאססען וואס רעכט און נעטהיג איז; און דיא מאססען קענען אויך קיין רעספעקט האבען, אדער זיך לאזען פאן זייא פיהרען. זייא מאבען בלויז אונארדנונג אין קהל'שע אנגעלעגענהייטען, פעראורזאכען נייד און האס און צערשפליטערונג אונטער זייער פערוואלטונג, און לאזען עס איבער אין א גרעסערן כאאס וויע פארהער. אנדערע פיהרער, וועלכע קריגען בעצאהלט פיר זייער ארבייט, איבערהויפט, וואו קיין בעשטימטע לאהן גיבט ניט, בלויז פיר'ן „מאבען", קענען קיין פרינציפ ניט האבען, מוזען שמייכלען דיא דעה זאגער, דיא שרייער און דיא געלט געבער; מוזען זיך מאבען ניט זעהענדיג און ניט הערענדיג צו אלע אונרעכט און ניעדריגקייט, און טארען קיינעם א ווארט ריידען. מיט דער ציים, און איבערהויפט אין א לאנד וויע אמעריקא, געוואהנען זיך צו אזעלכע פארשטייהער צו האלטען מויל, און טראכטען זיך: זאלען זייא זיך פערדרייהען זייערע קעפף, אבי זייא זאלען געבען געלד! אונטער א זעלבע פיהרער, אנגעשטעלטע און וועג ווייזער קענען אידישע געמיינדען ניט וואקסען וויע עס דארף זיין, און אנשטאלטען מוזען פערבלייבען אין דער פינסטער, געלד גייהט אומזאנסט, דיא מאססען פערגרעבט, דאס יוגענד רייסט זיך אב, און גאטטעס שאאף בלאנדזשעט אהן א הירט. וויע דער נביא זאגט: ישגו צאני בכל ההרים... ואין דורש ואין מבקש! (יחז' לד, ו.) —

זעלבסט פערשטענדליך, ווען אידען לעבען אין אזעלכע פעריאדען ווי דיא דרייא אויבענדערמאנטע, קען קיין רעדע זיין וועגען זייער מיסיאן, און זייער ארבייט ווערט אין גאנצען אונטער בראכען, אדער עס שלעפט זיך גאנץ לאנגזאם אן. דיזע דרייא סארטען אנטיסעמיטיזמוס וואס דאס אידישע פאלק גיבט זעלבסט ארויס, זינד פיעל מעהר געפעהרליך, פיר אידען, אלס דער אנטיסעמיטיזמוס וואס זייא ליידען פאן אלע פעלקער צוזאמען: דען דורך דיא אלע ליידען וואס זייא האבען אויס צו שטייהן פאן דער אויסזייטיגער וועלט, ווערט דער אידישער גייסט אלעס שטארקער, זייא האלטען זיך מעהר פעראייניגט, און קריגען מעהר מוטה און ענטשלאססענהייט זיך צו האלטען פעסט אן זייער תורה און רעליגיאן, ווי איך שרייב אין אנדערע פלעטצער. דער אידישער אנטיסעמיטיזמוס אבער פער־קריפעלט דאס פאלק, טוידטעט זיין גייסט, און ווארפט איהם אריין אין א לע־

טארגיע וועלכע בערויבט איהם אין גאנצען פאן זיין הייליגטהום, פאן זיין זעלבסט בעוואוסטזיין, און פאן פארטזעצען זיין מיסיאן אויף דער וועלט. ווי דער נביא זאגט; מהרסיך ומחריביך ממך יצאו. (ישעי' מט, יז.) — דער אנטיסעמיטיזמוס פאן פעלקער געגען אידען, קען איינגעטהיילט ווערען אין צוויא סארטען: איינע איז, דיא גראבע, אומגעלומפערטע, בעסטיאלע און מערדערישע אנפעללע פאן גאסען־יונגען, און גאנץ אפט פאן גראבען פעבעל, אויף רוהיגע, שוואכע און שוטצלאזע אידען, געשטיפטעט דורך דיא העצערייען פאן דיא רעגיערענדע און פריעסטער קלאססען, וועלכע האבען אימער געשטרעבט, און נאך ביז הייטע, צו פערניכטען דאס יודענטהום, וועלכעס שטעהט זייא ווי א ביין אין האלז, און צייגט אויך זייער פאלשקייט און ניעדערטרעכטיגקייט.

דאס צווייטע קאמט פאן דיא העכערע, געבילדעטע, און אפט פאן דיא גאנץ הויכע קלאססען, וועלכע שטעהען אן דער שפיטצע פאן דער פערוואלטונג פאן שטעדט און לענדער, וועלכע גיבען זיך דיא גרעסטע מיהע צו זוכען פלענער און מיטלען ווי צו האלטען דעם אידען ניעדער, אום ער זאל זיך ניט שפרייטען און פערמעהרען; דיא וועלכע זאגען: הבה נתחכמה לו פן ירבה; דיא שטיפטער פאן בעדריינגונס און אויסנאהמס געזעטצע געגען אידען, וועלכע בערויבען זייא פאן וועלכע מיטלען צו מאכען א לעבען, און צו פערבלייבען אין לאנד; געזעטצע, וועלכע זיינען אזוי געשייט און שלוי אין זייער שפראכע און אויסדריקע, דאס דיא וועלט זאל דארין ניט זעהען וואס בעזאנדערס, וואס אונגערעכטיג, און ניט ארויס־רופען וועלכען בעדויערן פיר דיא לייטע וואס וועלען פאן זייא ליידען; אבער וועמעס ציעל עס איז אויס צו ווארצלען דעם אידען פאן גרונד, און לויז ווערען פאן איהם אויף אימער. — דיזע זיינען דיא צוויי סארטען אנטיסימיטיזמוס, פאן וועלכע אידען ליידען פאן דער אויסזייטיגער וועלט; וועלכער איז נאך אלעם ניט אזוי געפעהרליך, וויע דער וואס קומט פאן אידען זעלבסט, וויע אויבען איז דערמאהנט.

און דאס זיינען דיא גאלדענע ווערטער פאן מדרש, (פיערטער מאמר.) וועלכע ריידען גאנץ קורץ, אבער ענטהאלטען אין זיך דיא אלע אויבענדערמאנטע געדאנקען. „חמשה ויהי בימי הם", פינף צרות זיינען זייא, פאן וועלכע אידען האבען אימער אויסצושטייהן: ויהי בימי אמרפל.... דיא פיער קעניגע, זאגט דער מדרש, זיינען ניט געקומען צו שטרייטען מיט סדום און עמורה, נור מיט דעם ציעל צו פערניכטען אברהם אבינו, אויסצורייסען דאס צוקינפטיגע אידישע פאלק

פאן ערשטען ווארצעל אן. זייא האבען עס אבער אזוי קונציג געוואלט מאכען, דאס דיע וועלט זאל גאר קיין פערדאכט האבען וואס זייער מיין איז; דען אלע האבען שאן דאן פערגעטערט אברהם'ן, „נשיא אלהים אתה בתוכינו", און עס וואלט געוועזען צו שרייעיג ווען יעמאנד זאל וואס שאדען טאהן אברהם'ן, און דיע וועלט וואלט געוויס פיר איהם ראכע גענומען. און דיע תורה שטעלט פאר דיע גאנצע געשיכטע אין איין ערהאבענעם בילד, מיט אלע פינטליכקייט: אמרפל, זאגט דער מדרש, איז נמרוד, דער ערשטער אנטיסעמיט וועלכער האט געהייסען פערברענגען אברהם'ן. אברהם אבער איז גערעטעט געווארען פאן זיינע הענד, האט אויסגעוואנדערט נאך פאלעסטינא, און איז געווארען גרויס איבעראל. נמרוד'ס הארץ האט אבער ניט געשטילט. ער האט צוזאמען גענומען נאך אזעלכע קאמע־ראדען וויע ער, האט זיך געגעבען איין אנדער נאמען, דיע וועלט זאל ניט דיינקען וועגען איהם. (דעם טייפעל קען מאן אבער דערקאנען אונטער דיזען נאמען אויך! „אמרפל, שאמר פול" זאגט דער מדרש, דער וואס האט געהייסען ווארפען!) צווישען זיינע חברים איז ער געוועזען דער גאנצער מאכער, דער שטיפטער פאן דעם גאנצען פלאן, און דיע תורה האט איהם געשטעלט דעם ערשטען; נאכהער אבער ווען זייא ווארען שאן בייא סדום, איז ער שאן דער דריטער, אום דעם טייפעל ניט צו זעהען! זיין פלאן וואר אין קורצען: צו פאנ־גען לוט'ן, און, אברהם ווערט געוויס פרובירען איהם רעטען, ווערט זיין גאנץ גרינג איהם צו טוידטען, און קיינער ווערט צו זייא גאר ניכטס האבען. נור אום דיע וועלט זאל קיין אהנונג האבען פאן דיזען פלאן האבען זייא אבגעמאכט זייא זאלען ניט קומען אלע צוזאמען אויף איין מאהל — דאס וואלט זיין פערדעכטיג — בלויז פאן פערשיעדענע פונקטען, זיך צוזאמען טרעפען ביים עמק השדים, אגרוי־סער טהאל, דער יעצטיגער ים המלח, בייא סדום; פאן דארטען, זייער הויפט־קווארטיער, וועלען זייא ארומגייהען אין קליינע גרופען צו פלינדערן דיע ארומיגע לענדער און קיינעם ווערט גאר ניט איינפאללען דאס זייא מיינען סדום. סדום און עמורה ווידער וועלען געוויס ניט דולדען וואס דיע חברה פאן כדרלעומר שטעהען זייא אונטער דער נאז, און ווייל זייא ווארען מיט יאהרען צוריק אונטער־טהאנען צו כדרלעמר, וועלען זייא געוויס דיינקען דאס זייא זיינען יעצט געקומען ווידער זייא צו פערשקלאפען, און וועלען זיך געוויס שטעלען אנטקעגען זייא. דאן וועלען זייא שאן האבען פיר דער וועלט אגוטע אורזאכע פיר שלאגען זיך מיט סדום און עמורה, און דער בייא פאנגען לוט, און נאכהער אברהם'ן! דער מיט

זיינען גאנץ פערשטענדליך דיע אלע איינצעלהייטען וואס דיע תורה גיבט דא אין דיזען בילד, איבערהויפט דיע ווערטער: ויצא מלך סדום... צייגט דאס דיע סדומער האבען אנגעפאנגען פריהער; נאכהער זאגט דיע תורה: ויקחו את כל רכוש סדום ועמורה... „וילכו", זייא האבען צו גענומען זייער פערמעגען, און זייא זיינען זיך אוועג; צו צייגען דער וועלט דאס זייא מיינען גאר ניט איינצונעהמען דיע לאנד פאן סדום, בלויז צו רויבען, און דאס אלעס; און פערבייגייהענדיג האבען זייא גענומען לוט'ן אויך און „זיין פערמעגען"! און וויע קלינגענד זיינען דיע ווער־טער: ויקחו את לוט „בן אחי אברהם" וילכו, „והוא יושב בסדום", דיזע ווערטער זיינען, אויבערפלעכליך, גאנץ איבריג. מיר ווייסען דאס לוט וואר דער זאהן פאן אברהם'ס ברודער, און אויך דאס ער איז געזעסען אין סדום; דיע תורה צייגט אבער, זייער הויפט אבזיכט; ווייל ער וואר אברהם'ס נעפפע, און געוויס ווערט ער זיך פיר איהם אננעהמען; דען אזוי ווי דאס איז ניט קיין רעגולערע מלחמה, האבען זייא וואהרשיינליך ניט קיין גרויסע ארמעע, און אברהם ווערט זיך ניט פירכטען ארויס צו גייהן געגען זייא. דאס צווייטע איז וואס לוט איז געזעסען אין סדום, דאס מיינט: ער איז געוועזען איינער פאן דיע רוהיגע איינוואהנער, און האט גאר קיין אנטהייל גענומען אין שלאכט, איז, לויט דיע געזעצע פאן קריעג, אין אלע צייטען, האט אזא מאנן גאר ניט געטארט בעריהרט ווערען, (פאן הגאון קאלישער.) אבער דאס וואר דאך זייער איינציגער ציעל, צו פאנגען לוט אום צו פערניכטען אברהם'ען! דאס איז דאס בילד וואס דיע תורה גיבט אונז פאן דעם איידעלען אנטיסעמיטיזמוס, וועלכער ציעלט צו פערניכטען דאס יודענ־טהום און עס אויסצורייסען פאן ווארצעל, אבער אזוי גלאט און געשייט, דאס דיע וועלט זאל עס גאר ניט בעמערקען! —

א צווייטער „ויהי בימי" צייגט שאן דעם גראבען, ברוטאלען אנטיסעמי־טיזמוס: ויהי בימי אחשורוש. דער תלמוד זאגט, דאס אחשורוש האט נאך מעהר ווי המן געוואלט פטור ווערען פאן אידען. האבען זייא ביידע געמאכט א פלאן: להשמיד להרוג ולאבד, גאר אהן קונצען, גייהען בעפאללען אלע אידען, מאכען אויף זייא איין אלגעמיינעם פאגראם, אין איין טאג, אין דעם גאנצען לאנד, אלע־מען אויסקיילען, און פערטיג! — אבער גראדע געגען דיע צווייטע סארטען אנטיסע־מיטיזמוס, שטעהט אימער דער „שומר ישראל", און לאזט ניט אזעלכע פלענער אויסגעפיהרט צו ווערען. אידען האבען שאן דורך געמאכט טויזענדע געפאהרען, און נאך ביז הייטע, און גייהען אימער ארויס אונבעשעדיגט; און דיע אלע יועצים

וועלכע פלאנירען זייא צו טאהן שלעכטעס, ווערען, פריהער אדער שפעטער, אליין בעגראבען! —

מעהר געפעהרליך אבער, זיינען דיע דרייא סארטען פאן אונזער אייגענעם אנטיסעמיטיזמוס, און דא גיבט אונז דיע ביבעל זייערע בילדער. דאס ערשטע: „ויהי בימי שפוט השופטים", דיע צרה פאן פיהרער פערפיהרער און אונגעהארכזאמע געפיהרטע. דער מדרש זאגט: אוי לדר ששופט את שופטיו; ואוי לדר ששופטיו צריכין להשפט! וועה איז צו דעם דור וועלכער ריכטעט זיינע ריכטער און וועהע צום דור, וועמעס ריכטער דארפען געריכטעט ווערען. עס איז זייער שלעכט אין א צייט ווען דיע מאססען פאלגען ניט זייערע פיהרער, ווען זייא זיינען צו גראב, צו אונוויסענד און צו פרעך; וועלכע רעספעקטירען קיין עלטערן, פערשפאטען וואס רעכט איז, און לאזען זיך ניט פיהרען אין א גלייכע וועג; וועלכע געפינען אימער פעהלערן אין דעם וואס זאגט א גלייבע זאך, ער מעג ווי קלוג, געבילדעט און גערעכט זיין; וועלכע האלטען זיך אליין פיר חכמים, האבענדיג דעם טאלער, און פרעגען ניכטס ביי קיינעם! —, און אויך שלעכט איז, אין א צייט ווען דיע פיהרער זעלבסט זיינען אונוויסענד און אונווירדיג: וועלכע רעספעקטירען זעלבסט ניט דיע תורה און רעליגיאן, און פערקויפען זייער יודענטהום פיר'ן טאלער; וועלכע זיינען זעלבסט קאראפטירט און פאלש, און שמייכלען דיע אונווירדיגע, אום צו ציהען אייגענע נוטצען; וועלכע קאמפאנירען זיך מיט דיע ניעדריגסטע, אום צו געווינען פאפולאריטעט, און פערווייבען דעם געבילדעטען, אום זיך ניט ארויס צו געבען; וועלכע האבען קיין אנדער שטרעבונג אין לעבען, בלויז צו פערזאמלען רייכטהום, וועלכע זייא וועלען ניעמאלס געניסען, און פערקויפען זייער נשמה פיר א טאפ לינזען! „אוי לדר ששופטיו צריכין להשפט", אונגליקליך איז דיע צייט ווען אידישע פיהרער דארפען זעלבסט געריכטעט (אדער היננעריכטעט!) ווערען; ווען זאגאר דיע אונוויסענדע מאססען קענען אויך ארויסזעהען זייער פאלשקייט און פערדארבענהייט; ווען זייא גיבען גאר ניכטס אום זייערע אנפערטרויערטע ארעמע שאאף, און ווידען בלויז זיך זעלבסט. ווי דער נביא זאגט וועגען אזעלכע הירטען: הוי רועי ישראל, אשר היו רועים אותם... וירעו הרועים אותם ואת צאני לא דרשו. (יחז' לד. א — י.) זייא ווידען זיך זעלבסט, און מיין שאאף פאססען זייא ניט אויף! —

דאס צווייטע סארט: ויהי בימי אחז, (ישעי' ז. א.) פאן דעם קעניג אחז האבען מיר בלויז בעשריבען אין צוויי קורצע קאפיטלאך (מלכים ב, טז, דברי

הימים ב, כח.), אבער פאן דיע אייניגע ווארטען, קענען מיר זעהען אין אלגעמיין זיין כאראקטער, נעמליך: דאס ער וואר זייער שלעכט; דאס ער האט געליטען פאן אלע נאכבארע פעלקער, זאגאר פאן דיע עשרת השבטים; דאס יע מעהרער ער האט געקריגען געשטראפט, וואר ער אלץ ערגער; דאס ער האט אימער גע־זוכט צו געפעללען זיין דיע גוים ארום; דאס ער האט אבגעשאפט דעם מזבח פאן בית המקדש, און האט נאכגעמאכט איינעם פאן דיע אראמעער אין דמשק; דאס, דאס פאלק וואר אזוי אויפגעבראכט אויף איהם, דאס ווען ער איז גע־שטארבען, גאנץ יונג, האט מען איהם זאגאר ניט בעערדיגט אין דיע קברות המלכים; און זא ווייטער. איין אויסדריקע אין דברי הימים וועגען איהם, ווארפט מעהר ליכט אויף דיזען פינסטערלינג, נעמליך: כי הפריע ביהודה ומעל מעל בד׳, (פסוק יט.) דאס הייסט: ער האט פעראורזאכט דאס יהודה זאל פערווילדעט ווערען, און פעלשען אין גאט. איין אויסדריקע וועלכע איז ניט גאנץ דייטליך, און איז אויך ניט דערמאנט בייא קיין אנדערן פאן דיע מלכי ישראל און יהודה. דער תלמוד און דער מדרש אבער גיבען פאלקאם דעם כאראקטער פאן אחז. זייא זאגען: למה נקרא שמו אחז? שאחז בבתי כנסיות ובבתי מדרשות! אמר, אם אין גדיים אין תישים! אם אין תינוקות שב״ר אין תלמידים, אם אין תלמידים אין תורה, אם אין תורה אין ישראל. אחז, איז בלויז א צונאמען, עס מיינט: פער־האלטען, צו שליסען; ער האט צו געשלאסען אלע לעהר־אנשטאלטען אין יהודה; ער איז געוועזען דער גרעסטער אססימילאטאר פאן אלע אידישע קעניגע: ער האט געפריידיגט דאס אידען דארפען זיך אססימילירען מיט דיע אנדערע פעל־קער, דאן וועט אויסגייהען דער האסס צווישען זייא און דיע אידען, און זייא וועלען פטור ווערען פאן אלע צרות. (אזוי ווי דיע פריידיגער פאן היינט, ווי אויבען איז דערמאנט.) אלזא איז דאס בעסטע מיטעל, מען זאל אין אלעם נאכטאהן דיע גוים פאן ארום; אין בית המקדש זאל מען איינפיהרען דיע צערעמאניע פאן דיע אראמעער (ארם), דיע שטארקסטע פאלק אין זייער נאכבארשאפט, מיט דיע זעלבע פארמע פאן זייער מזבח; איינפיהרען אין לאנד אלערלייא שפיעלערייען און אמוזאנט־פלעטצער, ווי בייא דיע ארומיגע פעלקער, אום דיע יוגענד זאל האבען מיט וואס דיע צייט צו פערטרייבען; איבערהויפט דאס דיע קינדער זאלען גאר ניכטס לערנען פאן תורה, רעליגיאן און יודענטהום. און, „אם אין תורה אין ישראל!״ דיע אלטע וועלען אויסשטארבען, דיע יונגע וועלען גאר ניכטס וויסען פאן זייער פאלק, אידען וועלען מיט דער צייט אויסגייהן, און קיין יודען־פראגע

ווערט מעהר ניט זיין !— און דער יונגער דור האט זיך ווירקליך גענומען צו אזעל־בע אידעען, (שפיעלען איז אימער מעהר אנגענעהם בייא דיע יונגוואַרג אלס לערנען; איבערהויפט ווען דיע שוהלען זיינען צו!) און אין אקורצע צייט האט יהודה געזונקען אין אונוויסענהייט און ווילדקייט. (דאס איז דער זינן פאן „כי הפריע ביהודה ומעל מעל בה”) און נאך איינינע יאהר, און אידען וואלטען ווירקליך אונטערגעגאנגנען אלס נאציאן! אבער גאט טוהט דאך אימער נסים מיט אידען. אחז איז געשטארבען, צו זעקס און דרייסיג יאהר, ער וואר מיט שאנדע בעגראבען, און שנעל פערגעסען, און יחזקיהו, זיין זאהן און טהראן פאל־גער, האט גראדע זיך גענומען מיט אלע קרעפטען צו פעררייבטען דיע אלע פעה־לערן פאן זיין פאטער, האט געעפענט מעהר שוהלען איבעראל; און האט מיט זיין אייפער און ענערגיע געבראכט אזוי ווייט, דאס אין א קורצע צייט „וואר ניט צו געפינען, אין גאנץ ארץ יהודה, איין קינד וועלכעס זאל ניט קענען ריכטיג אלע געזעצע וועגען טמאה וטהרה”, וועלכע ווארען דאן איבעראל געשטודירט און אבגעהיט. ווי דער תלמוד זאגט אויף דעם פסוק „וחבל על מפני שמן”. (ישעי׳ י, כז.) און אידען ווארען דאן ווידער געראטעט, ווי עס איז ווייטער בע־שריבען אין דער געשיכטע פאן יחזקיהו המלך. —

דאס דריטע סארט אידעשער אנטיסעמיטיזמוס: ויהי בימי יהויקים, (ירמי׳ א. ג.) דיזער קעניג וואר פאן דיע לעצטע פאן יהודה, קירצליך פאר דעם חרבן, אידען ווארען שאן דאן אין דעם לעצטען אויסאטהמען פאן נאציאנאלען זעלבסט שטענדיגקייט; דאס לאנד וואר שאן אונטערוואַרפען אנדערע פעלקער, זייערע קעניגע ווארען פאן יענע אויסערוועהלט, דיע עשרת השבטים ווארען שאן איבער הונדערט יאהר פערלארען; יהודה זעלבסט האט שרעקליך געליטען פאן אלע איהרע נאכבארען, און האט זיך געריבט יעדען טאג אין גאנצען פערטריבען צו ווערען פאן לאנד. אין אזא צושטאנדע, פערשטייהט זיך, ווארען שאן אלע נאציא־נאלע בענדער צוריסען, אלע פאטריאטישע געפיהלען פערלארען, און אלע האפ־נונגען אויפגעגעבען; דאס פאלק וואר פערצווייפעלט, אבגעלאזען און האפנונגס־לאז; עס וואר קיין דיסציפלין, קיין ארדנונג, קיין לעהרע און קיין בילדונג, קיינע זיטטען און רעליגיאן, קיינע ריכטיגע פריידיגער, און קיינע וואהרע לעהרער; קיינער האט מעהר געקוקט אויף דער צוקונפט, אלעס האט געלעבט פיר זיך אין דער געגענוואַרט; און דער קעניג זעלבסט וואר אויך ניט בעסער אלס דאס פאלק, אויך אזוי פערפוילט און פערדארבען, אויך אזוי אבגעלאזען, ביז דאס לעצטע. און

זוען דער איין ירמיהו הנביא וואר דרייסט צו זאגען דיע וואהרהייט אפען, און שטראפען זייא פיר זייער שלעכטע אויפפיהרונג, וואר ער פערשפאטעט און פער־האסט, געשלאגען און פערפאלגט איבעראל, און אין לעבענסגעפאהר צו יעדער צייט, און ווען ער האט פערפאסט זיין „איכה", זיין קלאג־געדיכט, איבער דעם באלדיגען אידישען חרבן, און האט עס געלאזט לעזען פיר דאס פובליקום (ירמי' לו.), און אייניגע פירסטען ווארען פעראינטערעסירט דארין, און האבען עס רעקאָ־מאנדירט צום קעניג — דערצייהלט דיע געשיכטע — דאס דער קעניג איז זיך גע־זעסען אין זיין ווינטער הויז בעפאר דאס פייער, און ווען דער מאנן האט אייניגע זייטען געלעזען, פלעגט דער קעניג עס אבשניידען מיט א פענ־מעסער און ארויפ־ווארפען אויפ'ן פייער, ביז ער האט אזוי לאנגזאם, פערברענט דיע גאנצע מגלה! און דער פסוק ל'ייגט נאך צו: ולא פחדו ולא קרעו את בגדיהם המלך וכל עבדיו השומעים את כל הדברים האלה! דאס איז א בילד פאן אבגעלאזענקייט און אויסגעלאסענהייט, גראבהייט און ניעדערטרעכטיגקייט, אין וועלכע דער קעניג און זיין „סוויטע" ווארען געזונקען; זייא האבען ניכטס געגעבען אום דער שרעקליכער צוקונפט וואס ירמיהו האט פארגעשטעלט, און דעם אידישען חרבן וואס דארף באלד פארקומען. ער איז זיך געזעסען, און לאנגזאם געשניטען (דיע אויסדריקע פאן „יקרעה", אין עתיד,) און געוואָרפען אין פייער, דיע זייטען פאן דער מגלה וואס דער נביא האט דיקטירט מיט'ן גאל און בלוט פאן זיין הארצען, און האט פערניכטעט דאס איינציגע קאפיע פאן אזא וויכטיגען דאקומענט! — אט דאס זיינען דיע פינף „ויהי בימי", דיע פינף צרות וואס אידען ליידען פאן פרעמדע און פאן זיך זעלבסט; דאס זיינען דיע אונגליקען וואס האלטען אב דעם גייסטיגען וואוקס פאן פאלק, און קען ניט פארטזעצען זיין מיסיאן אונטער דיע פעלקער און צו ערנעהנטערן דיע גליקליכע צוקונפט פיר דער גאנצער וועלט, וועלכע מוז קומען דורך ישראלס ארבייט, ענערגיע און אינטעלעקט, ווי אויבען איז דער־מאהנט. —

נאך א וויכטיגערע זאך, פאן דיע אויבענדערמאהנטע פינף, קומט אפט פאר אין אידישען עקזיסטענץ, וועלכע, אבוואהל עס איז גוט פיר זיך זעלבסט, דאך האט עס גאנץ אפט זייער קלעגליכע פאלגען, פיר געוויסע און אויך גרויסע מאססען פאן אונזער פאלק, און וועלכע פעראורזאכען איהם, אין פיעלע פעריא־דען, אונצעהליגע פערלוסטען אין זיינער מיטטע. דיע זאכע איז נעמליך: דיע פרייהייט, וואס אונזערע ברידער קריגען צו געניסען, אין מאנכע צייטען, אין

מאנכע נייע לענדער וואו זייא בעזעצען זיך. אונזערע ברידער, וועלכע זיינען גע־
וואהנט פאן באלד צוויי טויזענד יאהר צו ווערען געפלאגט און פערהאסט און
פערפאלגט פאן זייערע נאכבארען, בייא וועמען זייא איז קוים ערלויבט געווארען
צו וואהנען — פיהלען זיך, נאטירליכער ווייזע, העכסט דאנקבאר אין א פלאטץ
וואו מען וויזט זייא א פריילינען פנים, און מען בעהאנדעלט זייא ווי מענשען־
יעדע ערלויבנים, יעדע גלייכ־רעכט וואס זייא ערווערבען זיך, בעטראכטען זייא
אלס גרויסע חסדים פאן דיא „דערדען פאן לאנד“, און בענטשען זייא דאפיר
אויס טיעפען הערצען. מענשען פאן אנדערע ראסען דיינקען ניט וואס בעזאנ־
דערס וועגען „גלייכע רעכטע“; אלס מענשען, ווארען זייא אימער גלייך מיט אלע
אנדערע, און קענען זיך גאר ניט פארשטעלען ווי עס קען זיין אנדערש. אונזערע
ברידער אבער, וועלכע האבען זעלטען געהאט אירגענד וואו זאגאר „מענשען־
רעכטע“, שעטצען זיך גליקליך ווען זייא ווערען א מאהל בעטראכט אלס אזעלכע,
און צייגען דאפיר ארויס דאס העכסטע דאנקבארקייט. — און דא פאנגט אן
דאס אונגליק! אנשטאדט פאן צו בענוטצען זיך מיט דיזע: „חסדים“, דיא פריי־
הייט, און זיך עטאבלירען אין רעכט אידישע געמיינדען, און זיך פיהרען אין
א רעליגיעזען וועג, אין וואהרען זינן פאן דער תורה: אנשטאדט צו גרינדען שוה־
לען פיר דיא יוגענד און לערנען זייערע קינדער דאס וויסען פאן יודענטהום; אנ־
שטאדט פאן צו בעאבאכטען אידישע פייער־טאגען, גאטטעס דיענסט, און אנ־
דערע געבאטע, לויט דיא פרייהייט וואס זייא געניסען; אנשטאדט זיך צו האלטען
פעסט אן זייער אייגענעס, און צייגען דער וועלט דעם אנטליטץ, דיא גרויסקייט
און ערהאבענהייט פאן יודענטהום; אנשטאדט פאן פיעלע, פיעלע זאכען, וואס
זייא וואלטען געקענט אויפטאהן צו גונסטען פאן זייער נאציאליטעט — איז גראדע
דער גענענטהייל אין פיעלע אזעלכע פעללע! אונזערע ברידער, אום צו צייגען
זייער דאנקבארקייט, פאנגען אן זיך צו שמייכלען צו זייערע נאכבארען, פרובירען
זייא צו געפעלען, און נאכאהמען זייא אין אלע הינזיכטען, ווערען נאכלעסיג צו
רעליגיאנס זאכען, ווארפען לאנגזאם אוועק אלעס וואס וואר בייא זייא היילינ און
טהייער, און טוהען נאך אלעס וואס זייא זעהען פאן יענע; און אפט גראדע אזוי
איבערטריבען, דאס דער גוי פאנגט איהם אן אינגערליך צו האסען, ווארום
דער איד טוהט איהם אלעס נאך! — אין א קורצע צייט הייבען אן אונזער ברי־
דער צו דיינקען דאס, זייא פערבלייבען שאן דא אייביגע בירגער: זייא נעהמען אן
דיא לאנדעס שפראכע, דיא נעמען, דיא זיטטען און דיא געוואנהייטען; זייא ווערען

פאללע בירגער, און ערוויטערן זיך פאן אלעם וואס איז אידיש אויפ'ן העכסטען גראד; און דיא יונגענד וואקסט אויף אהנע עטוואס צו וויסען פאן יודענטהום, צוזאמען מיט דיא נאכבארישע קינדער, זייא גייהען צוזאמען, שפיעלען צוזאמען און לערנען צוזאמען; הערען בלויז פאן זייערע געשיכטען, זייערע הייליגע, זייער רעליגיאן; צו הויזע זעהען זייא ניכטס פאן וואס אידיש, פאן וואס אייגענעס; און ווען זייא ווערען גרויס, פערמישען זייא זיך מיט דיא גרויסע מאססען פאן ארום, ווערען גיך אבגעריסען פאן זייער שטאם, און שטארבען קירצליך אב פאן זייער נאציאן! — דאס איז אין קורצען דיא געשיכטע און דיא פאלגען פאן צו פיעל פרייהייט, פיר מאנכע פאן אונזערע ברידער, אין מאנכע צייטען און לענדער! ווער עס וייס ניט פאן אונזער ביזהעריגע געשיכטע וועלכע איז, צום בעדויערן, גאנץ רייך אין אזעלכע ביישפיעלע ברויכט בלויז גוט בעטראכטען דיא צושטאנדע פאן אונזערע ברידער אין דיזען פרייען לאנד, און קען עס זעהען פיר זיך זעלבסט, דיא ביסעל קרעפטען וועלכע שיינען יא, אויבערפלעכליך, ארייניצופליסען אין דעם אידישען לעבען, דא אין לאנד, איז בלויז דורך דעם שטראם פאן אימיגראציאן, וועלכע האלט נאך אן פארלויפיג; קוים ענדיגט עס זיך — און דאס מוז קומען, פריהער אדער שפעטער — און דאס צוקונפט פאן היזיגען יודענטהום מוז קומען צו דיא פאלגען וועלכע זינד אויבען דערמאנט! —

דער בינעזישער געזאנדטער, דער געבילדעטער מיניסטער Wu, צו וואשינגטאן, האט מיט איניגע יאהר צוריק, געזאגט פיר אגרויסע פערזאמלונג, אין נויארק: אייראפא האט פיר אכטצעהען הונדערט יאהר געשטריטען געגען יודענטהום מיט פייער און שווערדט, און האט עס ניכט געקענט פערניכטען; בינא האט אבער איהרע אידען געגעבען אלע פרייהייט, און זייא זיינען פאן זיך זעלבסט אבגעשטארבען; און פיר דיא לעצטע פאאר טויזענד יאהר האבען מיר מעהר קיינע אידען! — מיר מוזען מיט גאל און בלוט, צו געבען, דאס דיא בינעזער האבען, נאך מיט טויזענדע יאהרען צוריק, גוט געוואוסט דעם כאראקטער פאן אידען, און האבען בענוצט דאס ריכטיגסטע מיטעל, פרייהייט, אום צו האבען פערניכטעט דיא טויזענדע אידען, וועלכע ווארען דארט נאך פאן פארן חרבן בית ראשון! — יא, פרייהייט האט פערניכטעט דיא צאהלרייכע עשרת השבטים, וועלכע ווארען פערטריבען נאך אססיריען, אלס בעזיעגטע, אבער וועלכע האבען געהאט אלע פרייהייט, אין דיא ברייטע און רייכע לענדער פאן יענע הערשער; פרייהייט האט נאכהער פערניכטעט דיא טויזענדע פאן יהודה און בנימין, אין באבילאניען, פאן

וועלכע בלויז א קליינע צאהל האט זיך שפעטער צוריק געקעהרט נאך פאלעס־טינא; פרייהייט האט פערניכטעט, זייט דאן מיליאנען אידען אין פערשיעדענע צייטען און לענדער, וואו נור זייא האבען עס געגאסען; און, פרייהייט פערניכ־טעט יעצט א טהייל פאן יודענטהום אין דער פרייער אמעריקא! ווי דר. נארדוי זאגט: אמעריקא רעטעט דעם מאנן, און טוידטעט דעם אידען. און דיע תורה זאגט עס אין קלאהרע ווערטער: וישמן ישרון ויבעט... וישבח אלה עשהו...! (דברים לב׳ טו.).

וואס איז אבער דער מיטעל צו דיזען אונגליק? ווי אזוי קען מען אבהאל־טען דעם גרויסען פערלוסט פאן אידען אין די פרייע לענדער? וואס איז דיע ריכטיגע מעדיצין פיר דיזע געפעהרליכע קראנקהייט אין אידישען קערפער? דער מיטעל דער צו איז: דאס אונזער פאלק זאל לערנען צו וויסען, דאס דיע פריי־הייט, וואס זיי געניסען אפט, איז ניט פאן לאנגען דויער; דאס קיין פרעמדע לאנד קען ווען ווערען פיר אידען איין אייביגע היים; דאס קיין נאציאן קען ניט פערזיכערן איין אידישען עקזיסטענץ אין איהר מיטטע אויף לאנגע יאהרען; דאס פריינדשאפט פאן גוי צום אידען קען לאנג ניט אנהאלטען — דער ערשטער מעג ווי גוטמיטהיג זיין, און דער לעצטער מעג וויע פריינעזאנען זיין; דאס דיע וועלט איז נאך וויט, גאנץ וויט פאן ציוויליזירט, און הארמאניע האט נאך קיין פראק־טישעס וועזען; דאס זאלאנג דאס מענשהייט האט נאך פערשיעדענע נאציאנא־ליטעטען, אזוי לאנג ווערט האסס און נייד און פיינדשאפט געפיהלט ווערען פאן איינעם צום אנדערען, און פאן אלעמען צום אידען. אונזער פאלק מוז וויסען, דאס אין פערלויף פאן אונזער לאנגען וואנדערן האבען מיר שאן געהאט פיעלע אזעלכע ליכטיגע האפענס, ווא עס ווארען אונז צו געזאגט גאלדענע בערג, און זאגאר פיעלע לענדער וועלכע האבען אידען העכסט פריינד־ליך איינגעלאדען זיך צו בעזעצען, און פערשפראכען אלע רעכטע און פריוויליג־יען; אבער, מיט דער צייט האט זיך פאן אלעם אויסגעלאזען א נעכטיגער טאג! נייע צייטען זיינען אנגעקומען, און נייע הערשער האבען זיך געזעצט צום טהראן— ווי דיע תורה זאגט: ויקם מלך חדש—וועלכע האבען אבגעשאפט איינע נאך דיע אנדערע פאן דיע אלע אידישע רעכטע, און אדער אידען ווארען ענדליך העכסט ברוטאליש ארויסגעטריבען, אדער, עס וואר פיר זייא געמאכט אזוי איינג, דאס זייא האבען זעלבסט פאן דארטען געמוזט אויסוואנדערן, און זוכען א נייע היים. און אונזערע ברידער זאלען זיך ניט נארען און ניט ווערען פערבלענדעט דורך דיע

"ליכטיגע שטראהלען פאן פרייהייט וואס זייא בעגעגנען אירגענד אין אנפאנג פאן זייער בעזעצען זיך", און זאלען ניט דיינקען דאס עס ווערט אימער אנהאלטען, און דאדורך זיך שאן רעכנען פיר פאלע בירגער, זיך שמייכלען צו זייערע נאכבארען און נאכטאנצען אלעס וואס זייא טוהען, פערנאכליסיגען זייערע אייגענע לעהרע, רעליגיאן און טראדיציאנען, אברייסען זייערע קינדער פאן אידישען וועג, ערציהען זייא אין אונוויסענהייט פאן אלעס וואס בייא אידען איז הייליג, מיט דיע קינדער פאן דיע מאססען פאן ארום, און לאזען זייא אין גאנצען אבשטארבען צו זייער פאלק. ניין! אזעלכע האפענס זיינען ניט קיין עווינע פיר אונזערע ברידער, און מען קען גאר ניט וויסען ווי לאנג זייא וועלען אנהאלטען, אדער ווי גיך עס קען פיר זייא דא איינג ווערען; און דאס אונזער פאלק מוז נאך לאנג וואנדארן פאן פלאטץ צו פלאטץ, ביז עס ווערט אם ענדע קומען צוריק אין זיין פערשפראכענע לאנד, און דארט פערבלייבען אויף אימער און עוויג. — ווען אונזערע ברידער וועלען אט דאס אלעס ריכטיג וויסען, וועלען זייא פערבלייבען טרייע צום יודענטהום, וועלען זיך ניט אססימילירען מיט זייערע שכנים פאן ארום, וועלען ערציהען זייערע קינדער אין אידישען וועג, און רעטטען גרויסע מאססען פאן אונטערגייהען! —

דאמיט קענען מיר ריכטיג פערשטעהן דיע הייליגע ווערטער פאן רבה בר בר חנא (דער צווייטער מאמר) וועלכע איז אויבען דערמאנט: אשתעי לי נחותי ימא, דיע רייזענדע פאן ים, דאס אידישע פאלק, דיע גרויסע וואנדערער פאן אלע פעלקער, וועלכע וואנדערן ארום פאן טויזענדע יאהרען אהן א היים, אויף דיע ברויזענדע ימים, און געפינען ניט קיין פלאטץ — דער צייהלען פאן זייערע עקספערימענטען, פאן זייער לאנגען פראקסים: האי גלא דמטבע לספינתא, דיע וועלען וועלכע פערטרינקען דיע שיף, דיע גרעסטע געפאהר וואס שטייהט צו פערטרינקען דעם אידישען גייסט, דאס אידישע נאציאנאליטעט, דיע שיף מיט וועלכע מיר רייזען ארום אויף דעם ים פאן גלות, „מתחזי כצוציתא דנורא חורתא ברישא", איז דאס, וואס עס זעהט זיך פיהלע מאהל פיר אונזערע ברידער אין העלע ליכטיגע שטראהלען אין אנפאנג, אין מאנכע פלעצער וואו זייא בעזעצען זיך, דיע פרייהייט און פאלע רעכטע וואס ווערען זייא צו געזאגט; און זייא דייכקען דאס עס ווערט זייא אימער ליכטיג זיין, און זייא פערבלייבען שאן דארט גליקליכע בירגער; זייא פערגעסען אן זייער לאנגען וואנדערן, אססימילירען זיך באלד מיט זייערע שכנים, און גייהען פערלארען צו זייער פאלק.... ומחינן עליה

באלותא דחקיק עלה...״ דאס איינציגע מיטעל צו שטרייטען געגען דיזע געפעהר־ ליכע וועלען, וועלכע פערטרינקען גרויסע מאסען פאן אונזער פאלק, איז דיע שטאבע, דער וואנדער שטעקען, דער גלויבען אין גאט, וועלכער לייטעט אונז אין פיהרט אונז, און לאזט אונז ניט אונטערגייהען דיזע טויזענדער יאהרען; דער וועלכער רופט זיך „אהיה אשר אהיה״, וועלכער איז מיט אונז היער און דארט און איבעראל ווי מיר געפינען זיך, (אני עמם בגלות זה ואני אהיה עמם בגלות אחר, זאגט דער תלמוד,) דער גלויבען דאס דיע פרייע לענדער בלייבען ניט אויף לאנג זיכער פיר אונז; דאס זא לאנג עס איז א פרעמדע לאנד, איז גענוג אונז צו דערמאנען דאס ווי ליכטיג עס איז, איז עס דאך ניט אונזערע, און פיעלע נייע וואנדערונגען שטייהען נאך פאר אונז — דאן, „וניח!״ — דאס קען שטילען דיע וועלען, דאס קען אבהאלטען אונזערע ברידער פאן אססימילאציאן, און רעטטען זייא פאן אונטערגאנג! —

דער מאנן וועלכער איז געוואקסען און ערצויגען געווארען אין דעם אלטען דור, האט מיט געמאכט און דורכגעלעבט זיינע מיטעלע יאהרען אין דעם מיטע־ לען דור, און איז יעצט אויף דער עלטער, און זעהט פיר זיך א גאנץ נייעם דור — פיר א״א מאנן, אויב ער האט נור אויגען צו זעהען, איז גאנץ גרינג צו בעטראכ־ טען דיע רעליגיעזע צושטאנדע פאן אידען אין דיע אלע דרייא צייטען וואס ער האט מיט געלעבט. ער וועט באלד צו געבען, דאס דער אלטער דור וואר זייער פרום, דיע קלויזען און בתי מדרשים ווארען פאל טאג און נאכט, עס וואר אימער צו געדאווענט און געלערנט; צו הויזע וואר יעדער שטרייננג אידיש, און אלעס וואר אבגעהיט מיט יעדע פינקטליכקייט; זאגאר אין גאס וואר צו פיהלען דעם אידישען גייסט, און דיע לופט זעלבסט וואר רעליגיעז. אין זיין מיטעלען דור, האט ער שאן געזעהען אגרויסען אונטערשיעד: דער לערנען און דאוונען איז פיעל ארונ־ טער, דיע רעליגיעזע שטרייננקייט איז בייגאהע פערשוואונדען; דער גייסט פאן דיע יונגע לייטע איז געווארען פרייע, דער גערדאנקען און שטרעבען איז שאן פער־ נומען מיט מאטעריעלע בענעהמונג; אידישע רעגעלן בלויז מעכאניש נאכגעטאהן, און אין אלגעמיין איז ער פערשיעדען פאן אלטען דור ווי טאג פאן נאכט.

דער נייער דור איז שאן אין גאנצען אנדערש פאן דעם אלטען, עס איז שאן בייגאהע גאר ניט צו דערקענען דאס ער בעלאנגט צום אידישען פאלק; דיע יוגענד לערנט פאן אידיש גאר ניכט, און ווערט ערצויגען אין אלע הינזיכטען גלייך צום גוי; דיע יונגע לייטע זינד וויים פאן רעליגיאן אין אלגעמיין, און זיינען

איבערגעבען אין גאנצען צו געשעפט און גענוס פאן לעבען ; דיע אלטע שעהמען זיך נאך און היטען אייניגעס יא, אויס געוואהנהייט, און גיעבען ניכטס דארום דאס זייערע קינדער גייהען פאן זייא אוועק ; דאס יודענטהום שיינט צו האלטען ביין אויסגייהען, און אט אט שטארבט עס אב אין גאנצען. — אט דיזע צושטאנדע פאן אידען, דיזער גרויסער קאנטראסט וועלכען יעדער אלטער מאנן זעהעט אין דיע דרייא דורות וואס ער לעבט דורך, קען ברייגגען פיעלע צו פערצווייפלונג, און צוריינקען דאס נאך א קורצע צייט, נאך אפאאר דורות און— איין ענדע מיט'ן יודענטהום, איין ענדע מיט אידען, איין ענדע מיט אלעס! אבער דיזע לייטע מוזען ניט פערגעסען דאס דיע זעלבע פערשיעדענהייט פאן דרייא דורות האט אנגעהאלטען אין אלע דורות, און גראדע דיע זעלבע וואר צו זעהען אין אלע צייטען. מיט פינף הונדערט אדער א טויזענד יאהר און נאך פריהער צוריק איז אויך געוועזן גראדע דיע זעלבע ; און דאך לעבט נאך דאס יודענטהום, און אידען זיינען ניט אונטערגעגאנגען! — דיע אורזאכע דערפון איז: דאס אבוואהל עס גייהען א וועק געוויסע פעריאדען אין וועלכע דער פראצעסס פאן „אימער ערגער" גייהט אן רעגולער, אהנע וועלכען צייכען אויף בעסערס, דאך — גאר פלוצלונג קומען פאר בעגעבענהייטען אין אידישען לעבען, וועלכע בייטען איבער א זעלכע צו שטאנדע אין גאנצען, און דיע אידישע מאססען קריגען אזא שטויס צוריק, דאס זייא בעקעהרען זיך ווידער צו זייער אלטעס, צוריק צו זייער פרומקייט פאן א מאהל, מיט מעהר היטץ, און מיט מעהר פינקטליכקייט! אזעלכע צוריק שטויסע, קעהרען איבער דיע צייט מיט הונדערטע יאהרען צוריק, און ברייגגען אידען צו א גאנץ פריהערדיגע צו שטאנדע, ווי אונזער קעניג־פאעט זאגט: תתחדש כנשר נעוריכי! אונזערע אידען האבען שאן אזא מזל, דאס זייא קענען ווייט ניט אוועקגייהען. זייא קריגען גאנץ אפט אזעלכע קלעפף, דאס זייא קעהרען זיך צוריק צו דיע אלטע צייטען, און ווערען ווידער ווי געוועזען. ווי עס איז צו געפינען אין דיזער ווערקע. —

אזעלכע פעריאדישע צוריק שטויסונגען האבען שאן אידען געהאט טויזענדער מאהל אויף זייער לאנגען וואנדערן, און זייא האבען אימער אבגעהאלטען אידען פאן אונטערגייהן. בייא שפיעלע קען מאן געפינען, נאך פאן אונזער צייט, אין דער פארטראגע „ישראל בין העמים". דיזע בעהויפטונג געפינט זיך פיעלע מאהל אין תנ"ך, און עס איז ניט נעטהיג היער צו ווידערהאלען. אין גרויסע און גאנץ וויכטיגע פעלע אין אונזער היסטאריע, ווען גאנץ נייע עפאכען האבען געדארפט

נעהמען פלאטץ, און ווען דאס גאנצע פאלק וואר שאן וויט פערדארבען, זיינען אזעלכע „צוריקשטויסונגען" פארגעקומען מיט דאס גרעסטע געוואלד און שרעקליכקייט, מיט דעם גרעסטען פערלוסט פאן זינדיגע און פערברעכער, און מיט א פאללער איבערקעהרעניש און אויסרייניגונג („קקין סוויפ") פאן שמוטץ און פערדארבענהייט. ביישפיעלע האבען מיר גענוג דערפון אין תנ"ך. איך וועל היער בלויז ברייננען אייניגע, צום בענעפיט פאן דיע וועלכע זיינען ניט בעקאנט אין אונזער געשיכטע. ווען עס איז געקומען דיע צייט פיר אונזער פאלק צו ערלעזט ווערען פאן מצרים, איז פארגעקומען איינע פאן אזעלכע „אויסרייניגונג", דאס דער תלמוד זאגט: דאס מעהר שלעכטע פאן אידען זיינען אויסגעשטארבען אין דיע „ימי אפלה" אלס דיע גוטע וועלכע זיינען ארויס פרייע; (בעטראכט יחזקאל כ. דמ.) — אין דיע צייטען פאן אחאב מלך ישראל, זיינען איבערגעבליבען פאן אלע צעהן שבטים בלויז זיעבענטויזענד, (מלכים א׳ יט. יח.) "כי אבדם מלך ארם, וישמם כעפר לדוש", דער קעניג פאן ארם האט געמאכט פאן זייא אבארג אש, זאגט דער פסוק אויף איין אנדער פלאטץ, (מלכים ב׳ יג. ז.) — אין דיע צייטען פאן אחז און יחזקיהו, דיע קעניגע פאן יהודה, זיינען דיע עשרת השבטים אין גאנצען פערניכטעט געווארען, און גאנץ ארץ יהודה איז בייגאהע געווארען א וויסטע — „ונותרה בת ציון כסכה בברם..." „כי כלה ונחרצה שמעתי מאת ה׳..." „ועוד בה עשיריה ושבה והיתה לבער..." זאגט ישעיהו הנביא. אין זיין בעשרייבען יענער צייט. — אין דער לעצטער צייט פאן אידישען רייך, ביין חרבן בית ראשון, האט נבוזראדן, דער שלאבט מייסטער פאן נבוכדנצר מלך בבל, אויסגעשלאכטעט ביי דיע הונדערטע טויזענדער אידען, אין בית המקדש, ווי דער תלמוד דערציילט אין גטין, און דיע געשיכטע אין דברי הימים (ב׳ לו׳ יב־כח) זאגט עס אין קורצען, מיט דער צוגאבע: ויגל השארית מן החרב אל בבל, דיע „איבריגע פאן שווערד" ווארען פערטריבען נאך בבל! — אין דעם צווייטען אידישען רייך, ביז נאך דעם חרבן בית שני, געפינען מיר אין יוסיפון פיעלע אזעלכע שרעקליכע פערניכטונגען און „אויסרייניגונג", דאס, דאס הארץ ווערט ערציטערט לעזענדיג; און דיע געדאנקען מוזען ערשטוינען, צו זעהען וויע גרויס עס וואר אימער דאס אידישע פערמעהרונג, דאס עס האט געקענט אויסשטייהן אזעלכע גרויסע פערלוסטען, און ניט אונטערגייהן! — און זייט דאן זיינען אידען צושפרייט איבער אלע לענדער, וואו זייא געפינען זיך אין קליינע גרופען, און אזעלכע פערלוסטען קענען מעהר ניט פארקומען; אבער קלענערע, און אין מעהרערע

פלעטצער, קומען זייא גאנץ אפט פאר, וועלבע, אלס שטראפע, דערמאנען זייא דעם אידען וואו ער האלט, און לאזען איהם ווייט ניט אוועקגייהן. —

ווי אויבען איז דערמאהנט, מוז דאך א מאהל ערפיללט ווערען דער „והשיבותיך אל האדמה הזאת", ווען עס ווערט קומען דיע ריכטיגע צייט, און יעקב'ס פאלק ווערט ערלעזט ווערען פאן זיין לאנגען וואנדערן און פלאגען זיך, ווען זיינע פערשטויסענע קינדער וועלען צוריק קומען אין זייער אייגענע היים, בילדען דארט א נייע, ערהאבענע און פאלקאמענע יודען־שטאאט, וועמעס צענטער, ציון, "ווערט ארויסגעבען לעהרע און ציוויליזאציאן פיר אלע פעלקער". אזא פאר־פאלל, ווי נאטירליבער ווייזט, און ווי מילד און איינפאך עס זאל פארקומען — לויט מאנבע פאן היינטיגע „חכמים" ווילען זיך פארשטעלען — ווערט דאך מוזען אויפרודערן דיע גאנצע מענשהייט, ערציטערן אלע פעלקער און נאציאנען, און מאכען איין איבערקעהרעניש איבער דער גאנצער וועלט. — און בעפאר אזא וויכטיגע עפאכע אין אונזער פאלקס עקזיסטענץ ווערט נעהמען פלאטץ, מוז, זעלבסט פערשטענדליך, פארקומען „איין גרויסער און שרעקליבער טאג"! א טאג פאן קעהרען און ראמען, וואשען און רייניגען, שייערן און פוטצען דעם גרויסען שמוטץ וואס איז אנגעוואקסען אויף אונזער פאלק; א טאג פאן אבקלייבען אלע ווערימדיגע און פערפוילטע, ניעדערטרעכטיגע און פערדארבענע, פאלשע און שמייכלער, און זא ווייטער. עס מוז בלייבען דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, דאס ריינסטע און דאס אדעלסטע פאן גאנצען פאלק, וועלכעס זאל ווערטה זיין דאס זעגען און גליק וועלבע ערוואדטען דעם אידישען צוקונפט. (ציטירען פסוקים איז ניט נעטהיג; דיע ביבעל איז פאלל דאמיט).

דאס איז דער „יום הגדול והנורא" וואס דער נביא מלאכי דערמאנט! דער טאג פאן רייניגונג וועלבער ווערט פארקומען, דיע צוקינפטיגע ערלעזונג פאן אונזער פאלק. און מיט דער פארינער בעשרייבונג ווערט זיין פיעל פערשטענדי־גער דער גאנצער קאפיטעל, אין וועלבען ער רעדט פאן דיזען הינזיכט, מיט דער אויסנאהמע פאן אייניגע פסוקים, וועלבע געהערען צו זיין צייט. אם ענדע גיעבט אויך דער נביא אטרויסטענדען פונקט וועגען דיזען יום הגדול והנורא, און זאגט, אין נאמען גאטטעס, דאס אום צו מאכען גרינגער דיזע „רייניגונג" און אראפ־נעהמען א טהייל פאן איהרע שרעקען, ווערט ער, אויס מיטלייד מיט זיין פאלק, שיקען זיין געזאנדעטען בעפאר, אום פאר צו בערייטען דיזע ארבייט, און ער וועט מאכען אין ארדנונג וואס נור מעגליך איז, ווי ער זאגט אין אנפאנג קאפיטעל:

הנני שולח מלאכי ופנה דרך לפני, איבערהויפט ווערט זיין, זיין אויפגאבע, אויס־צוגלייכען, ערנעהנטערן און צוזאמענברייננגען דיע פערשידענהייט און צו שפאלּ־טונג פאן דיע דרייא דורות, ווי אויבען איז דערמאנט, „דיע הארץ פאן עלטערן צו קינדער — ניט זייערע קינדער — דיע קינדער, וועלכע זיינען ווייט אוועק פאן דעם וועג פאן דיע עלטערן, און דיע עלטערן קענען זייא מעהר ניט אנערקענען אלס אידישע; און צו בעקעהרען „דיע הארץ פאן קינדער, דיע פערפיהרטע און פערדארבענע, צוריק צו זייערע עלטערן", צוריק צו זייער נאציאן און זייער גלויבען. אום עס זאל קענען גערעטעט ווערען, אין דיזען שרעקליכען טאג, זא פיעל וויע מעגליך, און דער פערלוסט זאל ניט זיין אזוי גרויס. „פן אבא והכיתי את הארץ חרם", זאנסט, ווערט מוזען פערניכטעט ווערען אגרויסע טהייל פאן אידישען פאלק, און א גאנץ קליינע צאהל ווירדיגע וועלען זיך אבשטעלען! —

דיע תורה דערצעהלט (במדבר כה.) דאס פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן האט גערעטעט אידען פאן אונטערגייהן אין דער צייט פאן מדין; ער האט זיין אייגענעם לעבען ריזיקירט אום אבצוהאלטען דאס פאלק פאן זינדע, און דורך זיין ענערגיע און קוראזש וואר דיע מגפה פאן זייא אבגעווענדעט; און גאט האט גע־זאגט: איך גיעב איהם דאפיר מיין בונד פאן פריעדען! דיזע ווערטער זיינען אונדייטליך, דער תלמוד און מדרש ערקלעהרען עס אבער בעסער. זייא זאגען: פינחס ראש לקנאים, פינחס וואר דער ערשטער פאן דיע יעניגע וועלכע אפפערן זיך פיר דיע עהרע פאן גאט און ישראל; און דארום וואר איהם צו געזאגט, דאס ער ווערט אימער אנהאלטען דען פריעדען צווישען גאט און זיין פאלק. זייא זאגען אויך, דאס פינחס איז אליהו, וועלכער איז דערמאנט אין מלכים און אויך, אין מלאכי; דאס ער לעבט אייביג, ווירקט אין פיעלע הינזיכטען צום וואהל און בעסטען פאן אידען, און, דאס ער ווערט אויך זיין דער פערמיטעלער פיר אידען בעפאר דעם יום הגדול והנורא, ווי אויבען איז דערמאנט. אין תלמוד און מדרשים געפינען זיך פיעלע פלעטצער וואו דיע חכמי ישראל האבען זוכה געווען איהם צו זעהען, און מיט איהם צו ריידען. — אונזערע היינטיגע „חכמים" וועלכע ווילען עס ניט גלויבען, האבען קיין בעגריעף וועגען דיע פערזענליכקייט פאן דיע חכמי ישראל! — איין מערקווירדיגעס קומט פאר אין יענע פסוקים, נעמליך: פינחס איז מיט אקליינעם יוד, און „שלום" איז מיט איין איבערגעהאקטען ו'! דאס מוז דאך אויף וואס צייגען; אין אונזער תורה איז קיין זאך ניט אומזאנסט. וואהר־שיינליך, אזוי ווי אונזער ביבעל האט געוואלט פערדעקען דיע אידענטיפיצירונג

(פערזענליכקייט) פאן אזא וואונדערבאר־ען און מיסטירישען פערזאן, ווערט ער דערמאנט אין צעהען דורות שפעטער, נאך דיזער געשיכטע, אונטער איין אנדער נאמען — עס איז גראדע צעהען דורות פאן פינחס ביז יהושפט מלך יהודה, ווען ער ערשיינט צוריק, אונטער דעם נאמען „אליהו״; צו געפינען אין תנ״ך — דאן וואר ער ווידער ענטצויגען פאן דער מאטעריאלער וועלט, און זיין פערזענליכקייט איז געבליבען א בלאנק.... ביז ער ווערט צוריק ערשיינען, ווי מלאכי זאגט. און דאס איז, פיללייכט, דער אנמערקונג מיט דעם איבערגעהאקטען ו׳ פאן שלום, דיע צייט פאן זיין ניכט ערשיינען; — (מיר קענען אויך דאמיט פערשטייהן דיע אונפערשטענדליכע און מערקווירדיגע פסוקים אין מלכים א׳, יט. ט־טז. „לא ברוח ה׳... לא ברעש ה׳... לא באש ה׳, ואחר האש קול דממה דקה לך שוב.. ואת אלישע בן שפט תמשח לנביא תחתיך..״ אזוי ווי אליהו, אדער פינחס, איז געוועזען זייער אייפריג וועגען גאט, און האט זיך בעקלאגט קנא קנאתי לה׳.... און האט בערעדט אידען צו שטריינג — האט מאן איהם ערקלעהרט, דאס גאט האנדעלט ניט מיט ווינד, מיט שטורם, און מיט פייער, בלויז מיט א „שטילע, רוהיגע שטימע״. און ווען ער האט נאכהער ווידערהאלט זיין בעשולדיגונג אין דיע זעלבע ווערטער — האט מען איהם געזאגט: לך שוב! ציהע דיך צוריק... און מאך איין אנדער נביא אויף דיין פלאטץ) והמשכיל יבין בדברי אלה, כי לא הרשתי להאריך;)

וויע אויבען איז דערמאנט האט דיע גאולה פאן מצרים אויך געהאט בעד־פאר איין יום הגדול והנורא. און, אום צו געבען א ווארנונג צו אונזער פאלק זייא זאלען ווייט ניט פערקריכען אין ניט דארפען ליידען צו פיעל פאן דעם קינפטיגען גרויסען און שרעקליכען טאג, האבען אונזערע חכמים געארדענט דאס דער שבת בעפאר פסח, דער יום טוב פאן ערלעזונג, אין מיניאטור, (אין קליין פערמאט) זאל זיך רופען „שבת הגדול״. און לעזען אלס הפטרה דיזען קאפיטעל פאן מלאכי וועגען דער קינפטיגער פאלקאמענער ערלעזונג, מיט איהר פאריגען יום הגדול והנורא, אום אידען זאלען זיך צוגרייטען דאפיר, און וויסען וואו זייא האלטען מיט זייער יודענטהום! —

נאך דיזע אלע רייד קענען מיר שאן פערשטעהען דעם ערשטען מאמר פאן דיזער פארטראגע, דעם פסוק „בונה ירושלים ה׳״, ווארום עס געדויערט אזוי לאנג דער אויפבויען פאן ירושלים, ווען בייא אונז זעלבסט איז דא דיע דרייא פארטען אנטיסעמיטיזמוס, וועלכע זיינען פיעל געפעהרליכער פיר אונזער פאלק,

אלס דער אויסזייטיגער אנטיסעמיטיזמוס פאן אלע אנדערע פעלקער צוזאמען : און דיא אלע אנדערע פעהלערן, אין וועלכע מיר זיינען אליין שולדיג — האלטען אב אידען פאן פראגרעסירען און נאכפאלגען זייער מיסיאן, אום צו ערנעהנטערן דיא ריכטיגע צייט פאן דער פאלקאמער ערלעזונג פאן אונזער פאלק. וויא דער נביא זאגט : מה תזעק על שברך, נחלה מכתך ? על רב עונך, עצמו חטאתיך, עשיתי אלה לך ! (ירמי' ל. טו.) וואס שרייעסט דוא אויף דיין אונגליק, דיינע געפעהרליכע קלעפ ? איבער דיינע פיעלע זינד, דיין מיינגע פעהלערן, האב איך עס דיר אנגעמאכט ! אין דען א וואונדער דאס דיא גערייערע ווערט אזוי לאנג ניט פערטיג ? ! ווען איין טאג בויעט, און דער אנדערער צערשטערט ! אויף איין זייט ווערט וואס אויפגעטאהן, און אויף דער אנדערער פערניכטעט ! דא ווערט א וואנד אויפגעשטעלט, און דא ווערען צוויי צוריסען ! דארום דויערט דיא ארבייט זא לאנג, און עס נעהמט קיין ענדע ; דארום וועלגערן מיר זיך נאך אלץ אין דער פרעמד, אהנע צו זעהען א שטראהל פאן האפנונג ; דארום פינסטערן מיר זא לאנג, און דער טאג פאן היקלפע איז וויט. עס איז אונזער אייגענער שולד ! —

פיר דער לעצטער צייט האט זיך אנגעפאנגען א בעוועגונג אונטער מאנכע פאן אונזערע ברידער וועגען ציון, איין ערמונטערונג וועגען דער אויפבויאונג פאן אונזער לאנד ; פיעלע פאן יונגען דור שרייבען זיך צו „צו העלפען גאט בויען ירושלים". עס איז זייער שעהן, דער געדאנקען איז גוט, און דיא אידעע ערהאבען ; אונזער גאנצעס פאלק דארף זייא ווינשען ערפאלג אין זייער אונטערנעהמונג, זיך איינשליסען אין זייערע רייהען, און מיטווירקען מיט ראטה און טהאט ! צום בע־דויערן, אבער, ווערט מעהר דעבאטירט וויא געווירקט, און מעהר גערעדט ווי גע־טאהן ; צייט און געלט ווערט פערבראכט אויף זייטיגע זאכען, און ענערגיע און מיהע גייהען אומזאנסט פערלארען ; אונאייניגקייט הערשט אונטער דיא רייהען נאך איידער עטוואס ווערט געשאפען, און מיינונג - פערשיעדענהייט פעראור־זאכט דעם הויפט-ציעל אין גאנצען צו פערגעסען ! און דער נביא בעדויערט דיא פריינדע פאן ציון אוים טיעפען הערצען, און זאגט : (ירמי' ל. יב־יד.) אה ! „אנוש לשברך, נחלה מכתך ! אין דן דינך למזור, רפאות תעלה אין לך. כל מאהביך שכחוך, אותך לא ידרשו. ..!" אה, ציון ! ווי גרוים איז דיין אונגליק, ווי געפעהר־ליך דיין ניעדערלאגע ?! קיינער ברייגגט פאר דיין ריכטיגע מעדיצין, קיין ווירקלי־בע הייל מיטעל פיר דיר ! אלע דיינע פריינדע פערגעסען דיר, „וועגען זיר זעלבסט" דערמאנען זייא גאר ניט !... אבער דיא תורה זאגט יא דיא ריכטיגע מעדיצין פיר

ציון, און דעם וואהרען היילמיטעל פיר אידען: „והיה כי יבאו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה... ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו... בכל לבבך ובכל נפשך. וישב ה' את שבותך ורחמך, ושב וקבצך מכל העמים... והביאך אל הארץ אשר ירשו אבותיך והיטיבך והרבך...." און דער תלמוד זאגט: כלו כל הקצים, ואין הדבר תלוי אלא בתשובה! (סנהדרין צז:) אומזאנסט אלע מיטעלן, בלויז תשובה קען עס טאהן! — אה, פריינדע פאן ציון! אויב איהר ווילט יא זיין דיע פיאנערע פאן אייער פאלק, צו ערווערבען פיר איהם זיין היי־מאט, און ער זאל קענען דארט רוהיג לעבען — דאן ווארפט אוועק דיע פארלא־מענטארישע דיספוטען און פאליטישע דעבאטען, און אגיטירט צווישען פאלק ער זאל זיך צוריק קעהרען צום יודענטהום, צוריק צו זיין גאט, צוריק צו זיין תורה, פאן וועלכע ער האט זיך שטארק דערווייטערט אין דיזען לאנד. ארבייט ענער־גיש צו פערשפרייטען אידישע לעהרע צווישען דער יוגענד, עס זאלען אויסוואקסען טרייע קינדער צו זייער פאלק; גרינדעט רעליגיאנס־שוהלען איבעראל, און אידי־שע קינדער זאלען לערנען אונזער ערהאבענע ליטעראטור און רייכע היסטאריע, אום זייא זאלען זיין שטאלץ מיט זייער אבשטאמונג, און ליעבען און שעטצען דעם אידישען נאמען; אום, דורך דיע מאדערנע בילדונג און אונזערע פיער־טויזענד יעהריגע לעהרען זאלען זייא אויסוואקסען אידען און מענשען, וועלכע דיע וועלט זאל רעספעקטירען, און פערשאפען עהרע צו אונזער פאלק. דער אלטער דור, וועלכער איז היער אריבער געקומען, און איז פערדארבען געווארען דורכ'ן אמעריקאניזמוס, קען שאן ניט אויסגעבעסערט ווערען; בויעט אויף, דא־רום א נייעס יודענטהום פאן דעם נייעם דור, פאן דעם נייעם מאטעריאל, וועלכער לאזט זיך בייגען, און קען אננעהמען אירגענד וועלכע פארמע, און פליסט אין איהם אריין דעם גייסט פאן יודענטהום, אין פאללען זינן פאן דער תורה און אונזער הייליגע פראפעטען. אזוי ווי דיע אנשי כנסת הגדולה, דיע שטערען פאן ישראל, האבען געטאהן מיט דער אונוויסענדער און דורכ'ן גלות פערדארבענער יוגענד פאן זייער צייט; פאן וועמעס מאטעריאל זייא האבען אויפגעבויעט איין יודענטהום, וועלכעס האלט אן שאן איבער צווייטויזענד יאהר! בעלעהרנט אויך דיע אידישע מאסען, דאס זייא זאלען אונבעדינגט האלטען זייערע קינדער ווייט פאן יענע אלע הייזער, וועמעס צוועק איז צו פאנגען דיע אידישע יוגענד אין נעטץ פאן קריסטענטהום; וועלכע זיינען פערמאסקירט אונטער פערשיעדענע נעמען פאן פילאנטראפיע און וואהלטהאט; וועלכע ווענדען אן אלע מיטלען אום

אפצורייסען דיע קינדער פאן זייערע עלטערן, זייער גלויבען און זייער נאציאן. (דיע תורה גיבט אונז איין אנמערקונג וועגען דאס: „וירא כי לא יכל לו, ויגע בכף ירכו". (בראשית לב. כו.) ווען אונזערע שכנים זעהען דאס דעם אלטען אידען קענען זייא ניט בעקעהרען צו זייער גלויבען, נעהמען זייא זיך צו זיינע יוצאי ירכו.. מיט זייא איז דיע זאכע פיעל גרינגער!...) ערקלעהרט זייא דעם געפאהר וואס ליגט אין דיזע הייזער פיר דעם צוקונפט פאן אונזער פאלק אין דיזען לאנד, און זייא זאלען אבהיטען זייערע קינדער פאן בעטרעטען זייערע שוועלן, פיר קיין פרייז. — אזעלכע און פיעלע עהנליכע זאכען זיינען נעהטיג צו אגיטירען צווישען פאלק; און פיר אייך, פריינדע פאן ציון, איז דא א גאנץ ברייטע פעלד צו ארבייטען ענערגיש און ניטצליך; און מיט אזעלכע ארבייט קענט איהר בעקעהרען אונזער פאלק צו גאט, אויסגלייכען דיע לבות אבות ובנים, און ערנעהנטערן דיע וואהרע ערלעזונג! — ליידער, אבער, זיינען אזעלכע רעדען „בקול קורא במדבר" וועלכע קיינער הערט ניט; און אבוואהל, אונזער פאלק איז יעצט, און איבער הויפט אין דיזען לאנד, העכסט בענאבט מיט רעדענס־קראפט, און מיטינגען און קאנפערענצען ווערען אבגעהאלטען בכל עת ובכל שעה — דאך ווערען ערנסטע און נעהטיגע ווארטען זעלטען געשפראכען אין פערזאמלונגען; דיע מאסען פערבלייבען אין אונוויסענהייט ווי פאראהער, און, ירושלים, ווערט געבויעט, און איז אלץ ניט פערטיג! —

בייא אזעלכע טרויעריגע געדאנקען, מוז ארויפקומען דיע פראגע: ווי לאנג קען עס אזוי אנהאלטען? ווען קען זיין דיע ענדע פאן אזא צושטאנדע? עס לויפען אוועק צעהנדליגע און הונדערטע יאהרען, אונזער פאלק, אבער, מאכט קיין פראגע אין „צוריקקעהרען זיך"! עס איז וואהר זייא ווערען ניט ערגער, דען זייא ווערען גאנץ אפט דערמאנט, און דיע „וועכטער" לאזען זייא ווייט ניט פערגעהען ווי אויבען איז דערמאנט. וואס זיינען אבער די נוטצען פאן דעם לאנגען פלאגע זיך? ווען דיע געביידע ווערט ניט גרעסער, און עס האלט אימער בייא דאס זעלבע? און וואס טהוט ווירקליך גאט וועגען זיין בויען ירושלים? ווען דיע ארבייט איז, אויבערפלעכליך, ניט צו זעהען? — דער זעלבער מלאכי זאגט: מי גם בכם ויסגור דלתים, ולא תאירו מזבחי חנם. אין לי חפץ בכם, אמר ה'!.. כי ממזרח שמש עד מבואו גדול שמי בגוים!.. (ב׳ י. יא.) פערמאכט ווער פאן אייך דיע טיהרען; פייערט ניט מיין מזבח אומזאנסט! איך דארף אייך ניט!!! מיין נאמען איז גענוג גרויס בייא אלע פעלקער, אהן אייך!.. ווען יעמאנד זאל זאגען אזעלכע

ווארטען אין א אידישע פערזאמלונג, הייטע צו טאגע, וואלט מאן איהם ארויס־ געוואָרפען מיט צובראכענע ביינער. אונזערע געטליכע נביאים, אבער, האבען אונ־ ערשראקען געזאגט דיע ווארהייט פיר דער וועלט, און האבען אום קיינעם געגע־ בען! און צום בעדויערן, קענען מיר זעהען פאן זייערע רייד, דאס מיר זיינען ניט אימער אזעלכע „יחסנים", און אפט איז ווירקליך א שאנדע, ווען מיר לויפען אריין אין שוהל און „שעפּצען" אב א סוד אין דער שטיל: אתה בחרתנו מכל העמים. וואס זיינען מיר, און ווער זיינען מיר, צו זאגען אזעלכע ווערטער? וואס טוהען מיר צו זיין ווערטה צו טראגען אזא טיטעל? „איך דארף אייך ניט! פאן מזרח ביז מערב איז מיין נאמען גרויס איבעראל, אהן אייך!" דאנערט דער נביא אין נאמען גאטטעס, צו אונזער שאנדע און שמאך! —

אבער, אויב אונזער פאלק טהוט ניט זיין רעכט פיר דעם מאראלישען פראגרעס פאן דער וועלט; אויב אונזער פאלק איז פערזונקען אין מאטעריאליז־ מוס, און וויל ניט פארטזעצען זיין מיסיאן צו פערשפּרייטען לעהרע און ליכט אונ־ טער דיע מענשהייט — גייהט דאך אן דיזע ארבייט אימערוועהרענד, און דיע וועלט ווערט מעהר געבילדעט, און מעהר ציוויליזירט פאן יאהר צו יאהר! א מאהל איז דיע וועלט געוועזען פינסטער: געטצענדיענסט וואר פולל איבעראל, און בייזע גייסטער האבען געהערשט אומעדום; מענשען האבען געאפּפערט איינער דעם אנ־ דערן פיר אויסגעטראכטע געטטער, און קליינע קינדער ווארען געברענט אויף זייערע אלטארען; שטאדט געגען שטאדט, און פאמיליע געגען פאמיליע האבען געש־ טריטען אהנע אויפהער פיר דיזע דומהייטען. לענדער ווארען פערוויסטעט און פעלקער פערניכטעט דורך מיינונג־פערשיעדענהייט, און בלוט און מארך האט גע־ פלייצט אויף בארג און טהאל. ארבייט פאן יאהרען איז פערניכטעט געווארען אין איין שלאכט, און מענשען פאן גאנצע דורות ווארען פערלארען דורך איין קאפּריז פאן א ווילדען בארבאר. לענדער ווארען געשלאסען איינע פיר דיע אנדערע, פעלקער האבען זיך געהאסט ביז אין טויט, און קיין פרעמדער וואר צו געלאזען אויף קיין פלאטץ. שטעדט ווארען בעפעסטיגט מיט הויכע מויערן ארום, באלד דערבייא וואר שאן דאס גרענעץ פאן פעאדאל (לאנד־מאגנאט), בעהיט מיט בעוואפענטע וועכטער, און געצוואונגען יעדען איבערגייהער מיט גרויסע צינזען. דיע וועגען פאלל מיט רויבער, דיע ימים מיט פיראטען (זעערויבער), און קיין רייי־ זענדער וואר זיכער מיט זיין לעבען, דיע מאסען ווארען פערארעמט, אייגענטהום האט געמוזט זיין בעהאלטען פאן אייגענע און פרעמדע באנדיטען. קיין רעכט וואר

ניט אנערקענט, און מאכט האט איבעראל געטאהן וואס עס האט געוואלט. וויא דער נביא זאגט: ותעשה אדם כדגי הים, כרמש אין מושל בו. (חבקוק א. יד.) און מעהר פאר אלעמען האט דער איד געליטען; ער האט אין קיין ארט קיין שוטץ געקריגען, ער וואר הפקר איבעראל, ער וואר געראובט און געפלינדערט, גע־שלאגען און געמערדערט, און האט ניט געהאט צו וועמען צו שרייען, און האט זיך געשעצט גליקליך ווען מאן האט איהם שפעטער אבגעשלאסען אין דיא גהעטאס, וואו ער וואר עטוואס געשיצט, בייא צאהלען קאפ־שטייער צו דער שטאדט־רעגיע־רונג. און אזוי איז דיא וועלט געוועזען פינסטער און וויסט, ארעם און ניעדריג, דום און ווילד, אבערגלוביג און בארבאריש, צוריסען און צערשפליטערט, אהן מאראל און אהנע געזעטצע, אהן ארדער און אהנע מענשען־רעכט! — אבער דיא וועלט האט פראגרעסירט, דיא מענשהייט האט געלערנט, דיזע טויזענדע יאהרען; און איז געווארען אויסגעבעסערט אין טויזענדע הינזיכטען. און פיר דעם אידען איז אויך געווארען ליכטיגער, און ער אטהעמט פרייער וואו ער געפינט זיך. עס איז וואהר, דיא וועלט איז נאך גאנץ וויט פאן פאלקאמענהייט, עס האט נאך פיעל, זייער פיעל, זיך אויסצובעסערן; אבער עס האלט אן אין לערנען, און עס ווערט אימער מעהר פעראייניגט און אויסגעגלייכט; פערשיעדענהייט פערשווינדעט, פרעמדקייט גייהט אונטער, און אונגלייכהייט פאלט אב מיט דער צייט. און דיא צייט מוז קומען ווען דיא גאנצע מענשהייט ווערט זיין ברידערליכקייט, פער־איינינגט און איינשטימיג, רעפינירט און פערפאקאמט, ביז צום העכסטען גראד!—

און דיזע אלע ארבייט פיר דעם מאראלען פראגרעס פאן דער וועלט, האבען אידען געדארפט טאהן, אלס זייער מיסיאן, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען באלד פאן אונזער ערשטען פאטער, אברהם, אן; און ווען זייא העטען געארבייט פלייסיג אין דעם זעלבען וועג, וואלט דיא גליקליכע צייט פאן פאלקאמענהייט געקאמען פיעל שנעלער, און דאמיט צוזאמען דיא געביידע פאן ירושלים; ווען אבער ניט, מוז עס גייהן לאנגזאם און נאטירליכער וויזע. און דאס איז דער זינן פאן „בעתה אחישנה“ (ישעי׳ ס. כב.), ווי דער תלמוד ערקלעהרט דיא צוויא צייטען פאן דער גאולה: עס קען קומען שנעל, און עס קען נעהמען א געוויסע צייט. „היום! אם בקולו תשמעו“. וואס לייגנער עס נעהמט, אלס מעהר מוזען אידען ליידען; אלס מעהר טויזענדע רייסען זיך אב, און שטארבען אב צו זייער פאלק; אלס מעהר פערצווייפעלונג, גנב׳עט זיך אריין אין דיא הערצער פאן דיא אנהי נגער, און פער־שוואכט זייער גלויבען; אלס מעהר ווערען דיא מאסען אבגעקיהלט, און זינקען אין

נאכלעסיגקייט; אלס מעהר ווערט פערוואָרפען דיע תורה, און אונזערע הייליגע ביכער ווערען ניט געשטודירט; אלס מעהר דערוויטערט זיך דער נייער דור פאן יודענטהום, און וואקסט אויף אין אונוויסענהייט; אלס מעהר פערשפרייט זיך פאלשקייט, שמייכלעריע, געלט גייץ, גראבהייט און ניעדערטרעכטיגקייט אין אונזער מיטע; אלס מעהר קאנדידאטען פיר דיע לייטע וועמען מלאכי רעכנט אויס אין זיין לעצטען קאפיטעל; און אלס גרעסער און שרעקליכער ווערט מוזען זיין דער "יום הגדול והנורא," אבצווייניגען אזא גרויסען שמוטץ פאן אונזער פאלק, ביז עס ווערט זיין ווערטה צו געניסען פאן דער גליקליכער צוקונפט, וועלכע איהם ער־ווארטעט! —

אבער גאט בויעט ירושלים! און, אבוואהל אונזערע ברידער, אין דיע פרייע לענדער, פערנאכלעסיגען דיע תורה, און ווילען אליין איהר ניט שטודירען, אום צו זיין אימשטאנדע צו פערשפרייטען איהר ליכט און מאראל אונטער דיע פעלקער — דאך ווערט דיזע ארבייט, דורך גאטעס פארזעהונג, פארט־געזעצט איבעראל, און דער פראגרעס פאן ציוויליזאציאן גייהט אן אימער וועהרענד! גאטעס לעהרע, אבוואהל אריגינאל געגעבען צו אונזער פאלק, ווערט מיט דער צייט, פערשפרייט אין אלע ברעגען פאן דער וועלט; זיע דרינגט אריין אין דיע פינסטערסטע געגענ־דען, און דיע ווילדעסטע ראססען ווערען מיט איהר בעקאנט; זיע ווערט איבער־זעצט אין אלע שפראכען, און אלע רעליגיאנען קופירען איהר; איהרע טעקסטען ווערען ערקלעהרט אויפ'ן קאנסעל, און פלאטפארמען ווידער האלען איהרע פער־זען; ביבעל־פעראיינען קומען צו אימער מעהר, און טויזענדע שליסען זיך אן איהר צו שטודירען; זיע דערגרייכט אלע נאציאנען, און אלע פעלקער געניסען פאן איהר זיסקייט. און וואס מעהר דיע וועלט ווערט בעקאנט מיט גאטעס לעהרע, אלס מעהר ווערט זיע ציוויליזירט, און דיע מענשהייט — אדעלער און מאראלישער; אלס מעהר ווערט דיע ריינע גאטהייט אנערקענט, און אבערגלויבען און פאנאטי־ציזמוס פערשוואונדען; אלס מעהר ווערט געטצען־דיענסט אבגעשאפט, און ריטור־עלע ווילדקייט אבגעגעבען; אלס מעהר ווערט אויך יודענטהום געגומען אין אנ־בעטראכט, און אידען קריגען מעהר ווערט; אלס מעהר ווערען פערשיעדענע ראס־סען צוזאמען געשמאלצען, און ווייטע פעלקער פעראייניגט; און אלס מעהר ער־נעהנטערט זיך דיע צייט, אויף וועלכע דער נביא זאגט: כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה, לקרא כלם בשם ה', ולעבדו שכם אחד, (צפני' ג. ט.) ווען אלע

נאציאנען וועלכען ווערען פערייניגט מיט איין זינן, איין שפראכע, און איין גלויבען אין איין גאט, דער בעשעפער און פערוואלטער פאן אלעס! — און צוזאמען מיט דעם מאראלען פראגרעס פאן דער וועלט, וואקסט אויך דער מאטעריעלער; דער גאנצער ערדדקוגעל איז שאן הייטע צוזאממען פערבונדען; טעלעגראפען און טעלעפאנען פעראייניגען לענדער, און דאמפפ־שיפען און אייזענבאהנען שאפען אב ווייטקייט; נייע ערפינדונגען אין אלע צווייגען פאן מענשליכע טהעטיגקייט, מאכען אימער ארבייט גרינגער; און דורך דער ענטדעקונג פאן דיע געהיימניסע דער נאטור ווערט דאס לעבען אימער מעהר אנגענעהם, אימער מעהר גליקליך. און אויך דארויף מוז דיע צייט קוממען, ווען אללעס ווערט זיין אין דער העכסטער פאלקאמענהייט: ווען מאנגעל און נאטה וועלען פערשווינדען, און ליידען און טרויער וועלען זיין אונבעוואוסט; ווען דאס לעבען ווערט זיין בעקוועם, גרינג און אנגענעהם, און צופריעדענהייט און גליק וועלען הערשען איבעראל; ווען אלעס ווערט זיין אין דעם בעסטען ארדנונג, און דיע מענשהייט ווערט זיין געזעגנעט אויף אימער. —

אבער אזא צושטאנד מוז קוממען, דורך יעקב׳ס זאמען — ווי עס איז אויבען געבראכט: ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך, דורך זייער זיין פערשפרייט איבעראל און בעלעהרען דיע וועלט. ווי דער תלמוד זאגט: לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא להוסיף עליהם גרים. און ווען עס גייהט דיע ארבייט לאנגזאם, איז עס זייער אייגענער שולד. אבער ירושלים בויעט זיך, און אלעס פיהרט צו איין ציעל! און נאך דעם „יום הגדול ותנורא", ווען יעקב׳ס זאמען ווערט רעפינירט ווערען, און עס וועלען בלייבען פאן זייא דיע בעסטע און דיע פיינסטע, ווי אלע נביאים האבען עס פאראויס געזעהען, און אלע פעלקער וועלען ווערען געגנוג דארויף ציוויליזירט און אדעל — דאן ווערט ישראל אנערקענט ווערען, אלס דיע פריסטער גאטעס, דיע טרעגער פאן וואהרהייט, מאראל און גערעכטיגקייט; זיין לאנד ווערט, איינשטימיג, איהם אבגעגעבען ווערען; (דאס איז דער זינן פאן יחזק׳ לח. ח.) זיינע פערשטויסענע קינדער, מיט דאס גרעסטע עהרע, צוריק געבראכט ווערען; און ירושלים ווערט ווערען דער צענטער פאן ציוויליזאציאן און גאטעס־לעהרע. און אלע פעלקער וועלען שיקען דארטען זייערע רעפרעזענטאנטען צו לערנען וואהרהייט און גערעכטיגקייט, ווי דער נביא זאגט: כי מציון תצא תורה, ודבר ה׳ מירושלים. —

אמן!

ישראל

— א ווערק —

וועלכע אפעלירט צום אידישען פאלק אין נאמען פאן
גאט פאן ישראל

— ענטהאלט —

ערהאבענע פארטרעגע וועגען פיעלע געגענשטענדע פאן
יודענטהום

גייסטיגע שפייזע

פיר אלע קלאססען פאן פאלק

צווייטער טהייל.

— שבתות ישראל —

פאן

א פריינד פאן ישראל

א. י. בוך

ניו יארק—1911

דרוק פון א. ח. ראזענבערג, 131 הענרי סט. ניו יארק

צוא דיע לעזער!

דיעזער באנד **שבתות ישראל** איז דער צווייטער טהייל פאן מיין גרויסע ווערק אונטער דעם נאמען **ישראל** און ער ענטהאלט גאנץ רייכע און וויכטיגע רעדען וועגען דיע ערהאבענע אינסטיטוציאן פאן אונזער שבת, דער אורשפרונג, בעדייטונג און דער צוועק, דיע מאראל און דיע הייליגקייט, דיע גייסטיגע און קערפערליכע פערגניגען פאן דיזען טאג, וועלכער דיענט אלס שפיעגעל פיר דאס גאנצע יודענטהום און דעם פערלוסט פאן זיין נאכלעסיגקייט.

דער לעזער ווערט געפיהרט אלס וויטער צו א העכערע ספערע וואו ער ווארפט אראפ פאן זיך דיע אלטעגליכע קליינליכקייט און פיהלט זיך אלס נייעם וועזען אין הימלישען פערגניגען.

פערפאסער,

שבתות ישראל

ביני ובין בני ישראל
אות היא לעולם
(שמות לא, יז).

שבת! דיזער קליינער אבער פיעלזיניגער נאמען, מיט וועלכען מיר רופען אונזער רוהע טאג, געהערט אויסשליסליך צוא דער העברייאישער שפראכע, און פאלגליך, דער אידישער נאציאן! אנהערע שפראכען האבען קיין בעזאנדערען נאמען פיר אזא טאג, און האבען עס אדאפטירט פאן דעם העברייאישען. דאס ציינט, דאס דיע אלטע פעלקער האבען ענטוועדער גאר ניט געוואוסט פאן א רוהע טאג, איין מאהל אין וואך, אדער זייא האבען עס נאכגעטאהן אידען, אין קליין פארמאט, נאך זייערע בעגריפען און נאטהווענדיגקייט, און האבען עס גענומען צוזאמען מיט זייער נאמען. און זא איז עס פערבליבען אין מאנכע שפראכען, און קיין פאלק האט אירגענד ווען פרובירט שאפען איין אייגענעם נאמען פיר דיזען טאג. דאך, מעגען יא אלע פעלקער האלטען איין רוהע טאג, מעגען זייא עס יא בעאבאכטען מיט אלע פינקטליכקייט, מעגען זייא יא צווינגען זייערע אונטערטהאנען צו פערהייליגען דיזען טאג—דער שבת בלייבט דאך אריגינאל העברייאיש, און — אידיש! — און ווירקליך, אונזער שבת איז העכסט פערשיעדען פאן דעם רוהע טאג פאן אנדערע פעלקער, אין פיער הויפט פונקטען, נעמליך: קערפערליך, גייסטליך, פערזענליך און נאציאנאליש, וויע עס ווערט ריכטיג ערקלעהרט ווערען אין דיע וויטערע בלעטער. —

אום גענוי צוא בעשפרעכען דעם גאנצען אינהאלט פאן שבת, לויט דעם זינן פאן דער תורה, וועלכע האט געשאפען דיזען אינסטיטוציאן פיר אידען, מוזען בעטראכטעט און ערקלעהרט ווערען דיע פאלגענדע פונקטען:

1, דיע בעדייטונג פאן דעם ווארט „שבת".

2, דער אורשפרונג פאן שבת.

3, דיע בעווייזע פיר שבת.

4, דער ציעל פאן שבת.
5, דיע ווירקונג פאן שבת.
6, דיע הייליגקייט פאן שבת.
7, דיע אבאכטונג פאן שבת.
8, דיע קערפערליכע פערגניגען פאן שבת.
9, דיע גייסטליכע פערגניגען פאן שבת.
10. שבת אין פערשיעדענע פעריאדען פאן אידישען עק-זיסטענץ.
11, שבת אין דיע לענדער פאן אידישע בעדריקונג אדער פרייהייט.
12, שבת אין דער אלטער היימאטה, און אמעריקא.
13, דיע נאכלעסיגקייט פאן שבת, און איהרע פאלגען.

.1

ד י ע ב ע ד י י ט ו נ ג פ א ן ד ע ם ו ו א ר ט ש ב ת. — דער ארגינא־לער זינן פון דעם צייטווארט, אדער פעל „שבת", אין דער העברייאישער שפרא־בע, מיינט, אויפהערען, אויפהערען צוא זיין, אויפהערען צוא טאהן; אלעס וואס ווערט אונטערבראכען אין מיטען ווערט בענוצט מיט דעם פעל שבת, וויע: ויום ולילה לא ישבותו, וישבות המן ממחרת, שבת משוש לבנו, און פיעלע אנדערע. דער מיינונג פאן „שבת וינפש" איז: ער האט אויפגעהערט דיע ארבייט, און האט זיך ערהאלט. רוהען, אבער, הייסט אין העברייאיש „נוח", דער פון איז „מנוחה" רוהע. הנפש, מיינט: אויפאטהמען, ערהאלטען זיך פאן ארבייט, וינפש בן אמתך והגר, א. ד. ג. מיט דער צייט, אבער, איבערהויפט פאן דער תלמודישער פער־יאדע און ווייטער, האט מען אנגעפאנגען צו בענוצען דעם פעל שבת פיר רוהען, אויך פיר האלטען שבת אין א געוויסען פלאטץ. און אזוי איז ענטשטאנדען בייא אונז איין נייע בעדייטונג פיר דעם ווארט שבת, רוהען פאן ארבייט; **אבער דער**

אריגינאלער און ריכטיגער זינן פאן דעם ווארט מיינט, וויע פארהער געזאגט: אויפהערען, אויפהערען צו ארבייטען. דאמיט וועט בעסער ערקלעהרט ווערען דער הויפט ציעל פאן שבת. וויע עס וועט פארקומען אין דיע וייטערע קאפיטלען. —

2.

דער אורשפרונג פאן שבת. — אין דער אלטער היסטאריע פאן דיע אלטע פעלקער געפינען מיר ניט קיין אהנונג פאן איין בעשטימטען רוהע טאג. וואהרשיינליך האבען דיע מענשען אין דער אלטער צייט ניט געהאט קיין בעגריעף פאן בעשטימטען איין רוהע טאג פיר אלעמען גלייך; יעדער מענש האט גערוהט ווען ער האט געפיהלט מיעד, און האט געהאט דיע געלעגענהייט זיך אויס צו רוהען, און דיע פיהרער אדער רעגיערער האבען ניכטס געגעבען, אום ווען דאס פאלק ארבייט אדער רוהט. זאגאר אין דער אלטער ציוויליזירטער עגיפטען ווּאר אויך קיין אינסטיטוציאן פאן איין אלגעמיינען רוהע טאג; יעדער האט געטאהן אין דיזען הינזיכט וויע זיין הארץ געלוסט. אונגליקליך ווארען דאן דיע שקלאפען פאן פאלק, איבערהויפט דיע רעגיערונגס שקלאפען; זייא האבען געארבייט טאג איין און טאג אויס, אהנע ווען צו רוהען; זאגאר אין שלאף ווארען זייא ניט פרייא, דיע הערען האבען מיט זייא געשאפט ווען נור זייא האבען געוואלט; זייא ווארען געאכטעט וויע דיע פיה, ווארען געקויפט און פערקויפט, און האבען געצויגען אויף זיך קיינע מענשליכע ערבארמונג. שווער און ביטער וואר זייער לעבען, און האבען געמוזט טאהן דיע שווערסטע ארבייט אונטער דיע אונ־ערטרעגליכע היטץ פאן דיע טראפישע לענדער, אהנע יעמאנד זאל דיינקען וואס שלעכטעס דאפאן. דער איינציגער טרויסט און אויפאטהמונג וואס שקלאפען האבען געקענט ערווארטען וואר, ווען א שטיקעל וואלקען האט פערדעקט דיע ברענענדע זונן, און אזאנפטער שאטען האט אבגעקיהלט זייערע הייס־פערשוויצ־טע געזיכטער.... דאמיט פערשטעהן מיר דיע אויסדריקע פאן „כעבד ישאף צל" (איוב ז. ב.), דאס ווארדער איינציגער וואונש פאן א שקלאף; אויף מעהר האט ער ניט געקענט האפען. אין דיע יעצטיגע צייט, וויע דיע וועלט איז מעהר ציוויליזירט, און דיע מענשען מעהר הומאניש, איז גאר אונמעגליך זיך פארצושטעלען דיע שרעקליכע לאגע פאן יענע אונגליקליכע שקלאפען; און אבוואהל דיע אלטע

לייטע פאן פאריגען דור געדיינקען נאך דיע שקלאפען פאן זייער צייט, דען שקלאפערייא האט נאך עקזיסטירט דען פאריגען יאהרהונדערט, דאך וואר דער שקלאף אין זייער צייט ניט אזוי מערדערליך בעהאנדעלט, וויע אין דיע אלטע בארבארישע צייטען, וואו דער שקלאף האט קיין מענשען־ווערטה געהאט, און דאס קלענסטע מיטלייד מיט איהם וואר בעטראכטעט אלס אונפאסענד און אונזינן. — מיר קענען דערפון בעגרייפען דיע שרעקליכע לאגע פאן אונזערע פער־שקלאפטע אור עלטערן אין דער בארבארישער מצרים, זייערע שמערצען און ליידען, און זייער טיעף־נעזונקענע צושטאנדע, קערפערליך און גייסטליך! — און ווען אונזער הייליגער פאטריאט, משה, האט בעטראכט דעם עלענד פאן זיינע ארעמע ברידער, און איהם האט זייער געקריינקט דאס הארץ, אבוואהל ער זעלבסט וואר ערצויגען אין קעניגליכען פאלאטץ, האט ער באלד אנגעפאנגען צו דעבאטירען מיט דעם קעניג, און איהם אויפצייגען מיט עקאנאמישע רעכנונגען, דאס עס איז אונזינן צו לאזען דיע שקלאפען ארבייטען אהנע אויפהער; און האט אויסגעווירקט ביין קעניג (אזוי זאגט דער מדרש) מען זאל זייא געבען א גע־זעצליכען, בעשטימטען רוהע טאג יעדע וואכע; און ער, משה האט אויסגעקליבען דעם זיבעטען טאג פאן וואך, וועלכע איז געוועזען צוטהיילט אויף זיבען טעג, נאך פאן אור אלטע צייטען, פיר א רוהע טאג! — און אזוי וואר משה רבנו דער ערשטער פערזאן אין אונזער פאלק, וועלכער האט ערפונדען דעם שבת — איין גייסטליכע און קערפערליכע ערפינדונג, מיט וועלכע מיר איבערהויפט, און דיע גאנצע וועלט אויך, מעגען שטאלצירען. שפעטער, באלד וויע אידען זיינען ארויס פאן מצרים און אריבער דעם ים, גלייך אויף זייער ערשטער סטאנציאן, מרה, איז דיזער שבת־טאג אנגענומען געווארען אלס נאציאנאלער אינסטיטוציאן, און נאכהער, ביין בארג סיני, ערקלעהרט געווארען, בייא גאטט זעלבסט, אלס איינע פאן דיע צעהען הויפט פונקטען פאן יודענטהום און ציוויליזאציאן! —

3.

דיע בעווייזע פיר שבת. — זייט דיע ערפינדונג פאן טעלעגראף האבען נאציאנען אנגעפאנגען מעהר צו קומען אין בעריהרונג איינע מיט דיע אנדערע, פעלקער זיך בעקענען צוזאמען, און לענדער צו ווערען נעהנטער איינע

צו דיא אנדערע. דיא טעלעגראפישע דראטען האבען פערבונדען אלע ענדען פאן דער וועלט צוזאמען, און דאס גאנצע מענשהייט איז, אין פיע־ע הינזיכטען גע־ווארען איין קערפערשאפט, און פיעלע זאכען דער וויסענשאפט זינד הייטע צו טאגע אלוועלטליכעס איינגענטהום. איינע פאן דיזע איז דער דאטום, אדער דאס טאגעס־רעכנונג, וועלכעס איז ביינאהע אויף דער גאנצער וועלט איינס און דאס זעלבע. און אבוואהל דער מאנאטליכער דאטום איז נאך אין מאנכע לענדער פערשיעדען, אבער דער דאטום פאן דער וואך איז איבעראל איינס. מיט טויזענדע יאהרען צוריק, ווען פעלקער זיינען געוועזען ווייט איינע פאן דיע אנדערע, און איין לאנד האט ניט געוואוסט פאן דער צווייטער, ווארען אידען דיא איינציגע וועלכע האבען אנגעהאלטען דעם ריכטיגען צאהל פאן דיע טעג פאן דער וואך, נאך פון אור אלטע צייטען — דיע קריסטליכע פעלקער און נאכהער דיע מאחמאדאנישע האבען עס איבערגענומען פאן זייא — יעצט אבער ווייסט שאן דיע גאנצע וועלט דעם צאהל פאן דיע טעג, און זאנטאג איז איבעראל דער ערשטער טאג פון וואך, מאנטאג דער צווייטער, און זא ווייטער, ביז שבת; שבת איז דער זיעבטער טאג. מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק וואר עס אבער ניט בעוואוסט; און דארום האט איין מאהל דער רוימישער גאווערניער, טורנוסרופוס, געפרעגט רבי עקיבא'ן, איינער פאן דיע העכסט געבילדעטע און איבעראל בעקאנטע אידישע מעננער פאן יענער צייט: „מי יאמר דהאידנא שבת?„ (סנהדרין סה.) ווער קען בע־שטימט זאגען דאס הייטע איז שבת? ר' עקיבא האט איהם געגעבען א פאקט, וועלבער אהנע צווייפאל בעווייזט דעם ריכטיגען טאג שבת; ער זאגט צו איהם: „נהר סבטיון יוכיח!" דער טייך סבטיון בעווייזט עס; דיזער טייך וואר גוט בע־וואוסט אין יענער צייט אלס איין מערקווירדיגע נאטור ערשיינונג, דאמיט וואס ער רוישט און ברויזט דיע גאנצע זעקס טעג, און איז שטיל און רוהיג אום שבת. דער נאמען זעלבסט: סבטיון, פאן דעם ווארט שבת, צייגט אויף זיין נאטור! יאסיפוס פלאוויוס בעשרייבט אין זיין בוך גאנץ ברייט וועגען דיזען טייך; און גיבט אן דעם פלאטץ וואו ער געפינט זיך. (Wars of the jews. b. 7, ch. 5, 1.) אויך דער רוימישער היסטאריקער, פליני, בעשרייבט דיזען טייך. (Nat. History 11, 30.) דיזער טייך איז יעצט ניט בעוואוסט; מעגליך דאס ער עקזיסטירט ניט מעהר, און עס איז בלויז געבליבען אלס א לעגענדע פאן דיע אלטע צייטען. אבער ר' עקיבא, דער גרויסער געבילדעטער מאנן, ווערט ניט דערצעהלען א באבע־מעשה צו א רוימישען דעספאט, אלס בעווייזע פיר אזא וויכטיגע פראגע! (מעגליך דאס

קריסטענטהום, וועלכע האט אנגעווענדעט אלע מיטלען צו פערניכטען אירגענד וועלכע בעווייזע געגען זיך, האט אויך אין איהרע פריהערע יאהרען צערשטערט דיזען טייך, וועלכער צייגט דייטליך פיר דען אידישען שבת!) פיעלע טויזענדע זאכען, פאן דער אלטער וועלט, זיינען מעהר יעצט ניט דא, זייא האבען אבער עקזיסטירט אין דיא אור אלטע צייטען; טויזענדער סארטען פלאנצונגען און טהירע זיינען אויסגעגאנגען, אין דיא גרויסע איבערקעהרונגען פאן דער וועלט, אין איהר לאנגען עקזיסטענץ; און עס איז דום אבצולייקנען דיע היסטארישע פאקטען פאן א מאהל, דאדורך וואס מיר זעהען זייא ניט מעהר. דאך האבען מיר הייטע צו טאגע אזעלכע וואונדערבארע און אונפערשטענדליכע נאטור־ערשיינונגען גראדע וויע אין דער אלטער וועלט, און מעגליך, דאס דיע צוקינפטיגע מענשען וועלען זייא אויך ניט גלויבען נאכהער וויע דיזע וועלען אויפהערן צו עקזיסטירען. איין עהנליכער וואונדער צו יענעם אלטען טייך געפינט זיך יעצט אין דיזען לאנד אין דעם נאציאנאל־גארטען, אין דער שטאאט וויאמינג: א קוואל פאן אונטער דער ערד, וועלכער שפריצט ארויס הייסע וואסער אין א גרויסע מאסע אין גאנץ הויך, אלע האלבע שטונדע! דאס אויסברוך פאן דעם וואסער איז אזוי פינקט־ליך, יעדע דרייסיג מינוטען, דאס דיע בעזוכער רעגולירען זייערע אוהרען נאך דיזער ערשיינונג! און אזוי קענען מיר גלויבען דאס זא איין טייך וויע דער אוי־בענדערמאנטער סבטיון האט אויך ווירקליך עקזיסטירט, און וואר גוט בעוואוסט אין דער אלטער וועלט; און מיט זיין פינקטליכען רוהען יעדען זיעבטען טאג האט ער ווירקליך געמעגט דיענען אלס בעווייז פיר דער וואהרהיים פאן אונזער רעכנונג וועגען דעם יום השבת. —

4.

דער ציעל פאן שבת. — מיר געפינען אין דער תורה דרייא פער־שיעדענע פלעצער וועלכע גיבען דרייא פערשיעדע אורזאכען, אדער צוועקען, פיר בעאבאכטען דעם שבת. אין דיע ערשטע עשרת הדברות (שמות כ. ח. יא.) שטייהט: זכֹר את יום השבת לקדשו.... כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ... וינח ביום השביעי, על כן ברך ה׳ את יום השבת ויקדשהו. מאן זאל געדיינקען דעם שבת טאג צו פערהייליגען; קיינע ארבייט זאל אן איהם געטאהן

ווערען... ווארום זעקס טעג האט גאטט געמאכט הימעל און ערד און אלעם וואס אין זייא געפינט זיך, און האט גערוהט דעם זיעבטען טאג... דאס הייסט: שבת איז איין עראינערונג פאן בריאת העולם! — אין א צווייטען פלאטץ (שמות כג, יב) זאגט דיע תורה: וששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות, למען ינוח שורך וחמורך וינפש בן אמתך והגר. זעקס טעג מעגסט דוא ארבייטען, ביין זיעבטען טאג מוזט דוא אויפהערען דיינע ארבייט, עס אונטערברעכען, זאגאר ווען דוא האלטסט אין דער מיטען דערפון — אום דיין אקס, דיין עזעל, וועלכע ארבייטען דיע גאנצע צייט אין פעלד, זאלען קענען האבען א טאג רוהע; אויך דאס קינד פאן דיין שקלאפין, וועלכעס האט קיין ווערטה, און ווערט אימער בע־שעפטיגט, זאל אויפאטהמען און זיך אויסרוהען; אויך דער פרעמדלינג דער „גרינער", וועלכער איז בייא דיר אנגעשטעלט, און וועלכער ארבייט מיט'ן גאל אום ער זאל זיך צו וואס ארויפארבייטען, און איז העכסט צופריעדען צו ארביי־טען „אווער טיים", מוז אויך „סטאפ'ן" און האבען א טאג רוהע. דאס איז א צווייטע אורזאכע פיר שבת: אום דיע ניעדריגע, דיע עלענדע, זאגאר דיע לאסטפיה, זאלען קענען זיך אויסרוהען איין טאג אין דער וואכע. — אין א דריי־טען פלאטץ (דברים ה, יב־טו) געמליך, אין דיע צווייטע עשרת הדברות, שטייהט שמר את יום השבת לקדשו... ששת ימים תעבוד... למען ינוח עבדך ואמתך כמוך, וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים ויציאך ה' משם ביד חזקה... על כן צוך... לעשות את יום השבת. מען זאל בעאבאכטען דעם שבת טאג... אום דיינע שקלאפען זאלען רוהען גראדע וויע דוא; און דוא זאלסט געדיינקען דאס דוא ווארסט זעלבסט א שקלאף אין מצרים, און גאט האט דיר ארויסגעבראכט פאן דארט וואונדערבארער וויעזע, דארום האט ער דיר פארזאגט צו האלטען דעם שבת טאג. דאס איז שאן א דריטע אורזאכע פיר שבת: איין אנדיינקונג פאן יציאת מצרים. — דער תלמוד זאגט: דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר, דיע ווארטען פאן דער תורה זיינען ארעם אויף איין פלאטץ און רייך אויף איין אנדערן. אין אנדערע ווערטער: זייא זיינען קורץ, אדער גאר אונפערשטענד־ליך, אונדייטליך אויף איין ארט, אבער א צווייטער פלאטץ ערפיללט, פערפאל־קאממט און ערקלעהרט דעם ערשטען, און אלעס צוזאמען מאכט איינע גאנצע, ערהאבענע און געטליכע זאכע. (און דאס מיינט אויך דער משורר: משפטי ה' אמת צדקו יחדו, גאטטעס ארדנונגען זינד וואהר און רעכט, אלע צוזאממען: אלס איינצעלנע זיינען זייא אונפערשטענדליך.)

דיזע אויבענדערמאנטע דרייא שטעלען פאן דער תורה וועגען דיא אור־זאכען פאן שבת, זיינען ניט ווידער שפרעכענד איינע דיא אנדערע; פערקעהרט, זייא פערפאלקאמען זיך זעלבסט אלע צוזאמען, און גיבען ארויס דאס העכסטע מאראל און דעם גאנצען זינן פאן שבת. און דאך פאססען דיזע דרייא אורזאכען צו זיין צוא ווארפען אין פערשיעדענע פלעצער, זא וויא עס זיינען פערשיעדען דיא אומשטענדען פאן גאנצען פאלק אדער איינצעלנע פערזאנען, וועלכע דארפען אב־היטען דעם שבת. צום ביישפיעל, ווען יעמאנד איז אליין ארעם, ער פערמאגט ניט קיינע אייגענע פעלדער אדער אירגענד וועלכע אייגענטהום, ער האט קיינע לאסט־פיה אדער שקלאפען וועלכע ארבייטען פיר איהם, און וועלכע זאלען דארפען רוהען מיט איהם צוזאמען — זאל אזעלכער ניט דארפען האלטען שבת? אבער נייז, דיזער מוז האלטען שבת וועגען דיא אנדערע צוויי אורזאכען! אדער ווען יעמאנד איז נאך אין איין ערגערע צושטאנדע: ער איז זעלבסט פער־שקלאפט, און מוז ארבייטען שווער און ביטער, זיין קערפער איז אזוי צובראכען, זיין זעעלע אזוי ניעדער געשלאגען, דאס ער קען זיך גאר קיין בעגריף מאכען פאן דאס גליק פאן אונזערע עלטערענס בעפרייאונג פאן מצרים — זאל דיזער זיין פרייע פאן שבת, ווען ער האט א מאהל דיא מעגליכקייט עס אבצוהיטען דארויף קאמט דאס ערשטע אורזאכע און ערקלעהרט: אויך זא איין פערזאן מוז האלטען שבת — דען גאט זעלבסט האט גערוהט אם דיזען טאג! דיא ער־האבענע לעהרע, אבער, פאן דיזע דרייא אורזאכען, און דעם מאראל וואס זייא ענטהאלטען, ווערט גרינדליך ערקלעהרט ווערען אין נעקסטען אבטהיילונג. —

5.

דיע ווירקונג פאן שבת. — דער מענש איז גייציג פאן דער נא־טור; ער ווערט געבארען שוואך, הילפלאז און נאקעט — ניט וויא אלע אנדערע בעשעפניסע — זיין ערוואקסען איז לאנגזאם, זיין רייף ווערען נעהמט צייט; זיין מאנגעל איז גרויס, און זיינע בעדירפניסע אהן א צאהל. ער שוועבט און שטרעבט, און ארבייט און שאפט, אום צו ערווערבען וואס איהם פעהלט. וואס עלטער ער ווערט ברויכט ער אלץ מעהר, פארהער פיר זיך, נאכהער פיר פאמיליע, ער מעכטע ארבייטען טאג וויא נאכט, ווען זיינע קרעפטען זאלען ניט ערשעפפט ווערען, ער מעכטע מיהען אהנע אויפהער, ווען ער זאל ניט אונטער זיין יאך אהנ־

מעכטיג ניעדערפאללען! דאמיט איז דער מענש ניעדריגער אלס דיע טהירע: ווען זייא זעטיגען זייערע געגענוואַרטיגע בעדירפניסע, נעהמען זייא זיך רוהע, אהנע צו בעקימערן זיך פיר דאס צוקונפט; דער מענש אבער ווערט ניעמאלס זאט, וואס ער האט אין געגענוואַרט איז פיר איהם גאר ניכטס; ער שטרעבט אימער פיר דאס צוקונפט, און בלייבט ניעמאלס צופריעדען! — און ווען דער איד איז אין רעכטען מיטען ארבייטען, און איז אזוי פערהאָרעוועט און פערהאבעוועט, גיט דיע תורה איהם א וואונק און זאגט, האלט! זייא ניט קיין בהמה! כאפ ניט אריין דיע גאנצע וועלט! לאז פיר אנדערע אויך וואס צו טאהן! זעה נור, זאגאר גאט זעלבסט, ווענען עס וואר גאנץ גרינג אלעס צו פערפאלקאמען, אלעס צו פערפערטיגען, האט אויך „געסטאפט" זיינע ארבייט, און האט ניט אריינגעכאפט אלעס: ער האט געלאזען פיר אנדערע נאכצופאלגען זיינע ארבייט, יעדער נאך זיין וואונש, נאך זיינע פעהיגקייט: (און דאס איז אויך דער מיין פאן „אשר ברא אלהים לעשות": פיר אנדערע צו שאפען!— ער אליין האט אונטערבראכען זיינע ארבייט אין דער מיטע, און האט גערוהט. גיעב אויך אב, דוא מענש, דיינע ארבייט, און רוהע דיך אויס. איין טאג אין דער וואכע! בעמיהע דיך ניט אלעס צו בעזיצען, אלעס צו ערווערבען, דען דיין מיה איז אום זאנסט, דיע וועלט איז ניט דיינע, און אלעס וואס דוא זעהסט געהערט גאט, וועלכער האט אלעס גע־מאכט: דוא אבער ביזט היער געקאממען מיט ניכטס, און גייהסט וועג מיט ניכטס. וואצו צו ארבייטען היער אהן אויפהער אויף איין פרעמדער וועלט?!

דאס איז דער מאראל פאן ערסטען ציעל פאן שבת, וועלכער איז העכסט ערהאבען און פאסענד פיר דיע ערשטע עשרת הדברות. און, מעגליך, אז דאס איז דיע אורזאכע וואס דא שטעהט דער ווארט „זכר" אנשטאדט „שמר" פאן דיע צווייטע עשרת הדברות, עס בעדייטעט: געדיינקען, אדער נאכדיינקען, מען זאל גוט בעטראכטען דיע ווארהייט, דעם גייסט און דעם זינן פאן דיזען ציעל פאן שבת, אום עס אימער צו פערהייליגען און צו בעאבאכטען.—

דער צווייטער ציעל פאן שבת, ערקלעהרט דעם מענשען צו האבען מיט־לייד מיט דעם שוואכען, דעם עלענדען אין דעם הילפלאזען; דער מענש זאל ניט האבען א שטיינערנע הארץ און זארגען בלויז פיר זיך. ער מוז וויסען אז ער איז ניט אליין אויף דער וועלט: אלע מענשען, זאגאר אלע בעשעפניסע זיינען אויך בערעכטיגט צו געניסען דיע גוטעס פאן דער נאטור. אלע אלטע פעלקער האבען בעטראכטעט אלס א שוואכקייט צו האבען מיטלייד מיט **אירגענד וועמען; דעם**

אידען אבער זאגט דיע תורה: רוהע אום שבת, אום דיינע ארעמע שקלאפען דיע וועלכע ארבייטען פיר דיר, זאלען אויך האבען א רוהע טאג, זאגאר ד׳יע שטומע פיה וועלכע טראגען דיין יאך, מוזט דוא לאזען רוהען! דיא מוזט אויס־איבען ערבארמונג מיט אלע בעשעפניסע, זא וויע גאט, וועלכער ערבארמט זיך, איבער אלע זיינע ווערקע. דער טענדענץ פאן דיזער אידעע איז צו בעאיינפלוסען אין מענשען אלע גוטע זיטטען, וועלכע קענען איהם מאכען פיר דאס העכסטע פאן אלע בעשעפניסע אויף דער ערד: ער זאל זיין נאבעל, ערהאבען אין געטט־ליך, גוטמוטהיג אין גוטהערציג צו אלעס, מיטפיהלען און מיטהעלפען מיט ראטה און טהאט, מיט האנד און געלט, אין אלע מעגליכקייט, און אלע הינזיכטען, וואו נאר הילפע איז נעטהיג. זא וויע איוב בעשרייבט פאן זיינע גוטע זיטטען און טהאטען, (איוב כט. לא.) וועלכע קענען ווירקליך דיענען אלס מוסטער פיר דער גאנצער מענשהייט. — דאס איז דער צווייטער ציעל פאן שבת, דער ציעל פאן מיטלייד מיט מענשען און פיה, אין אלע אייגנצעלהייטען; וועגען וועלכע, דיע תורה, און נאכהער אלע נביאים, האבען ווידערהאלט אין הונדערטע פלעטצער, און האבען זאגאר עס ערקלעהרט צו זיין דיע הויפטזאכע פאן אלעס. — דיע קריסטליכע פעלקער, וועלכע ריהמען זיך דאס זייא פערהייליגען דיע ביבעל, פרע־טענדירען אויך צו בעזיצען דיזע ערהאבענע אידעע, פאן מיטלייד. עס איז אבער ליידער, בייא זייא בלויז פערוואנדעלט געווארען אין מאנופעקטירען „פערייאנען פיר פערמיידען גרויל־טהאט צו טהירע״, פעראיינען וועלכע פערקלינגען א וועלט מיט זייערע נאבעלע אונטערנעהמונג; אין דער ווירקליכקייט, בעשטייהט זייערע גאנצע טהעטיגקייט אין אנהאלטען אייניגע בעאמטע, אין דיע גרויסע שטעדט אויפצופאססען דאס אייניגע סארטען הויז טהירע זאלען ניט מיסגעברויכט ווערען! און, וועהרענד זייא פראקטיצירען מיטלייד מיט פיה, פערגעסען זייא אין גאנצען צו האבען מיטלייד מיט מענשען! דער מענש זאל זיך אליין העלפען זאגען זייא, און ווען ניט, איז ער ניט ווערטה קיין מיטלייד! דורך אזא בענריעף פאן מיטלייד, איז קיין וואונדער ניט וואס אידען ליידען אם העכסטען; זאגאר אין דיע אלע זא גענאנטע ציוויליזירטע לענדער, וויע עס איז יעדען גוט בעקאנט. דאס צייגט: וויע וויים זייא פערהייליגען דיע ביבעל, וויע פיעל זייא פערשטעהען דעם זינן דאפאן, און וויע פיעל בארבאריזמוס זייא בעזיצען נאך ביז הייטע צו־טאגע! —

דער דריטער ציעל פאן שבת, איז אויך ניט וויניגער גרויס און ערהאבען.

„דוא זאלסט געדיינקען דאס דוא ווארסט א שקלאף אין מצרים, און גאט האט דיר וואונדערבארער וויזע בעפרייעט פאן דארט!“ מענשען פערגעסען זיך אין זייער אמאליגע צושטאנדע; זייא שעהמען זיך צו דערמאנען דיע אלטע שלעכטע צייטען: יענע יאהרען ווען זייא ווארען ארעם, עלענד, נאטהליידענד און ווערטה־לאז; דיע טעג וואס זייא האבען געליטען הונגער און קעלט, און געגאנגען נא־קעט און בארפוס; ווען זייא האבען געוואהנט אין איין קליינעם, פינסטערן און נאסען צימער פאן א הינטערהויז פאן א שמוציגע געסל, און האבען קוים פער־דיענט אנצוהאלטען דאס לעבען; יענע צייטען, ווען זייא האבען דאס מויל ניט געעפענט אונטער מענשען, און ווארען שטום, ביין טיהה, אין וועלכע פערזאמלונג, ווען עס וואר בייא זייא איין עהרע ווען יעמאנד האט צו זייא איין ווארט גערעדט. דיזעם אלעס ווערט פערגעסען. ווען דער שיקזאל דרייהט זיך איבער, דיע צייט ווערט בעסער, און דיע זונן שמייכעלט זייא; ווען זייא בעזיצען שאן א פאאר טאלער, און האבען אייגענע הייזער; ווען זייא וואהנען שאן וויע מענשען, און קליידען זיך מיט לייטען גלייך; ווען דער בויך איז שאן זאט, דער קערפער דיק, דאס געזיכט רויט און דיע הארץ צופריעדען און מונטער. דאן פאנגען זייא אן זיך צו שטופן אויבען־אן, זיך מישען אין שטאדט זאכען און זאגען א דעה; זוכען עהרן־אמטען און פיהרען א וועלט; דאן ווערען זייא שאן קלוג, געשייט און גע־שיקט, רעדנער אויף פערזאמלונגען און פיהרער אין פעראיינען. דאן פאסט זייא ניט צו ריידען מיט איין ארעמען, און דער בעדירפטיגער קען צו זייא ניט צוקומען; זייא זיינען ווייט פאן מיטלייד, פאן ערבארמונג ווילען זייא ניט וויסען. זייא ווילען ניט דערמאנען דיע אלטע צייטען, און מאכען אלעמען גלויבען דאס זייא זיינען געבארען רייך און אדעל ערצויגען. — אזוי איז מיט איינצעלע פערזאנען, און אזוי אויך מיט גאנצע נאציאנען! פעלקער ווערען אויך געבארען קליין, שוואך און אונ־בעדייטענד; מאנכע מאטערען זיך אב יאהרען לאנג ביז זייא געפינען דאס קלענסטע אנערקענונג; זייא האבען קיין לאנד, קיין רייכטהום, קיינע פראדוקטען און קיינע מענשען; זייא זיינען צוריסען און צושפאלטען אויף קליינע גרופען, אהנע געזעצע, אהנע ארדנונג: אפט ווערען זייא פערשקלאפט און אונטערדריקט פאן גרעסערע מעכטע. זייערע נאציאנאלעס לעבען האלט זיך קוים אן, און שטעהען יעדען טאג אונטערצוגייהן. אויף איין מאהל פאנגען זייא אן זיך צו ערמונטערן, קלייבען צוזאמען מוטה, ענערגיע און קראפט, ערובערן זייערע נאכבארען איינע נאך דיע אנדערע, פערגרעסערען זייערע טעריטארען, זייער מאכט און ארמעען;

דיע רעגיערונג ווערט צענטראליזירט, מיט גוטע געהירן אן דער שפיטצע, מיט פאללער ארדנונג און פעסטער דיסציפלין; זייא ווערען גרעסער און שטארקער מיט יעדעס יאהר, און ווערען וועלט מעכטע, און פיהרען אלס נאך זייער פאלי־טיק; זייא ווערען א שרעק פיר לענדער, און נאציאנען שמייכלען זייא; זייא ווערען דעספאטיש, פרעך און הארטנעקיג, און פערשפאטען דיע גאנצע וועלט מיט זייער מאכט. דאן פערגעסען זייא זייער ארעמע צושטאנדע פאן א מאהל, זייער קליינליכקייט אונד ווערטהלאזיגקייט פאן דיע ערשטע צייטען; זייא ווילען ניט מעהר ערגינערען יענע פינסטערע טאגען, ווען זייא האבען קוים געאטהעמט מיט זייער עקזיסטענץ, ווען זייער נאציאנאלעס לע־בען האט זיך געהאלטען אויף איין האאר, און האבען קיין ווערטה געהאט אונ־טער נאציאנען! —

און דאס זאגט אונז דיע תורה „וזכרת כי עבד היית במצרים", אלס נא־ציאן און אלס איינצעלע פערזאן, זאלסט געדיינקען דיין אמאליגע צושטאנדע, זאלסט ערגינערען ווען דוא ביזט גרויס און שטארק, רייך און מעכטיג, דיע צייט ווען דוא ווארסט קליין און אונבעדייטענד; דוא זאלסט ניט זאגען „כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה", מיין מאכט, מיין חכמה, מיין ענערגיע האט מיר פערשאפט מיין רייכטהום, מיין גרויסקייט און מיין עהרע; דוא מוזט וויסען „כי ה' אלהיך הוא הנותן לך כח לעשות חיל", דאס אלעס איז פאן גאט, וועלכער גיבט דיר דיע מעגליכקייט אלעס צו ערווערבען, און דוא דארפסט איהם זיין דאנקבאר פיר אלעם וואס דוא בעזיצט; און זא וויע דוא ווארסט ארעם און עלענד, און גאט האט דיר געהאלפען, זא מוזט דוא אויך ניט פערגעסען דיע ארעמע, און זייא העלפען. על כן צוך לעשות את יום השבת! —

6.

דיע היילינקייט פאן שבת. — פאן דיע פאריגע קאפיטלען קענען מיר האבען עטוואס א בעגריעף פאן דיע ערהאבענע געדאנקען און היילינע אידעען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דעם שבת. מיר קענען שאן מעהר ניט בע־טראכטען אונזער שבת אלס איין ארדינערען רוהע־טאג, וועלכען אלע פעלקער האבען אדאפטירט אין זייערע אינסטיטוציאנען; א טאג וועלכער בעזיצט קיינע בעזאנדערעס היילינטהום, בלויז איין צייט פיר רוהע פיר דיע מיהע און ארבייט

פאן דער וואך; און וועלכע קען אויסגעטרישט ווערען אויף אירגענד וועלכע צייט, צו דיזען צוועק. בייא אלע פעלקער איז דער טאג דאס מיטעל, און דיא רוהע — דער ציעל; בייא אונז אידען איז עס גראדע פערקעהרט: דיא רוהע איז בלויז דאס מיטעל און דער טאג — דער ציעל! מיר רוהען פאן ארבייט, מיר ווארפען א וועק אלע געשעפטען, מיר ענטציהען זיך פאן אלע וועלטליכע געדאנקען, אום, מיר זאלען קענען בעאבאכטען דיזען הייליגען טאג; אום, פיר איינע פיער און צוואנציג שטונדען אין דער וואכע זאלען מיר קענען זיך אברייסען פאן קערפער־ליכע קלייגליכקייטען, פאן ניעדריגע, שמוטציגע, און גאנץ אפט פעהלערהאפטע בענעהמונגען, אין וועלכע מיר פערגלייכען זיך מיט אלע ארדינערע בעשעפנים, מיט דיא חיות און בהמות פאן דער וועלט, און — זיך צוא ערנעהנטערן צו עטוואס העכערעס, שעהנערעס און הייליגעס: צו מאכען פאן זיך עטוואס מעהר הימלי־שעס וועזען, און צו טראגען אויף זיך דעם ווירדיגען נאמען — מענש! דיזעס מערקווירדיגע בעשעפנים, וועלכע שטעהט אליין, אהנע גלייכען, צווישען דיא הימלישע און אירדישע וועזענס, וועלכעס קען, דורך פרייען ווילען און אייגנער מיהע מאכען פאן זיך איינס פאן דיא ערשטע אדער פאן דיא צווייטע! — און זא פיעל קען דיזער הייליגער טאג מאכען פאן דעם איינפאכען, ניעדריגען מענשען! און וויפיעל קען עס מאכען פאן א גאנצעס פאלק, וועלכע אלע צוזאמען בעא־באכטען עס אין דיזען זינן? ! גיעבט נאך אויף דער וועלט אירגענד וועלכע זעגען וואס האט זא פיעל געלעגענהייט וויע אונזער שבת? קען זיך פערגלייכען אירגענד וועלכער רוהע־טאג פאן אנדערע פעלקער מיט ישראלס רוהע טאג? גאנץ רעכט דריקען זיך אויס אונזערע הייליגע תלמודיסטען, וועלכע האבען דיזען חינזיכט ריכטיג פערשטאנדען: „מתנה טובה יש לך בבית גנזי ושבת שמה, ואני חפץ לתנה לישראל; לך והודיע להם". (שבת י.) גאט זאגט צו משה'ן איך האב א טהייערע גאבע אין מיינע שאטצען, און וואלל עס שיינקען צו ישראל; גייהע, מאך זייא בעקאנט דאמיט, אום צוא וויסען וויע עס צו שעטצען! און אונזערע פאעטען, זייט דאן, האבען עס בעזונגען מיט דעם שעהנעם נאמען „שבת המלכה", דיא רייצענדע קעניגין, וועלכע בעצויבערט אלעס מיט איהר אנוועזענהייט! —

דאמיט קענען מיר בעסער פערשטעהען דעם הייליגען ישעיהו הנביא, ווען ער זאגט: (ישעי' נח. יג, יד.) „אם תשיב משבת רגלך, עשות חפציך ביום קדשי", ווען דוא ווערסט צוריק ציהען דיין פוס פאן שבת, פאן טאהן דיינע ווינשע אין מיין הייליגען טאג, „וקראת לשבת ענג, לקדוש ה' מכבד". און דוא ווערסט ער־

קלעהרען שבת אלס פערגניגענד־צייט, גאטטעס הייליגען אלס געעהרטעסטען טאג, „וכבדתו מעשות דרכיך, ממצא חפצך ודבר דבר“, און ווערסט איהם בע־עהרען פאן שאפען ווענען געשעפטע, אויספיהרען דיינע נוטצען אדער וואס דאפאן ריידען — „אז תתענג על ה׳“, דאן ווערסט דוא האבען געטליכע פערגניגען, „והרכבתיך על במתי ארץ“, און איך וועל דיר לאזען איבערשטייגען דאס העכסטע פאן דער וועלט; דאס מיינט: צו זיין ערהאבען איבער אלע אירדישע וועזענס, וויא אויבען איז דערמאנט. „והאכלתיך נחלת יעקב אביך“, און גניסען דיא ערבע דיין פאטער יעקב׳ס; דאס מיינט: צו זיין איין ערהאבענעס פאלק, דאס אויסער־וועהלטעס פאן דער גאנצער מענשהייט! זא ווייט איז דאס ווירקונג פאן שבת פיר איינצעלנע פערזאנען, און פיעל מעהר פיר דאס גאנצע פאלק! —

7.

דיא אבאבטונג פאן שבת. — נאך דיא פאריגע רייד ווערט שאן קיין פערנינפטיגער מענש דיינקען פאן שבת אלס איין דעספאטישעס אינס־טיטוציאן, וועלכער איז געשטיפטעט צו בינדען דיא הענד פאן מענשען, בערויבען זייא פאן זייער פרייהייט, און צווינגען זייא אין א געוויסען ריכטונג. צום בעדויערן זייער אונוויסענהייט, גיבט פיעלע, זאגאר פאן אונזערע ארטהאדאקסישע ברי־דער, וועלכע האלטען יא פאן שבת, וועלכע ערגערן זיך דאך וועגען דעם "שווערען לאסט" וואס איז ארויפגעווארפען אויף זייערע ארעמע שולטערן, און וועלכער שטערט זייא זייער פיעל אין בענוטצען דיא צייט צו מאכען געלד, איבער־הויפט אין דיזען לאנד! מאנכע ווידער, בעקלאגען זיך וואס דער שבת שטעהט זייא אין וועג פאן פיעלע פערגניגען, און קענען ניט זעטטיגען זייער צופריעדענ־הייט אין אזא פרייע צייט! ווענען דיא ערסטע, וועלכע ארבייטען אימער צו, אום צו מאכען געלר און אנזאמלען רייכטהום, האב איך שאן אויבען געשריבען: דאס דיזע לייטע דארפען זיין העכסט דאנקבאר דעם שבת, זאנסט העטטען זייא גע־ארבייט אהנע אויפהער, און ניעמאלס זיך פערגונען צו נעהמען עטוואס רוהע. „אוהב כסף לא ישבע כסף“ זאגט קהלת, ווער עס ליעבט געלד קען דאמיט ניעמאלס זאט ווערען! ער ארבייט ביז אין טוידט אריין, קלייבט אן א פערמעגען“, און לאזט עס איבער פיר פרעמדע, וויא מיר זעהען עס איבעראל.

זייא דארפען דאנקען דעם שבת, וועלכער רייסט זייא אב מיט גוואלד פאן דעם אונענדליכען שאפען און לויפען, און גיבט זייא א געלעגענהייט אויס צו רוהען זייערע מידע ביינער; זאנסט העטטען זייא געפאללען אין מיטטען דער ארבייט, וויא דער אקס אין שפאן, מיט ניעמאנד צו בעדויערן! — דאס צווייטע קלאסע מענשען וועלכע בעדויערן דאס דער שבת שטערט זייא פאן פערגניגען, דיא וויסען וירקליך ניט פאן א וואהרען גייסטיגען פערגניגען! זא וויא דער בלינדער קען ניט האבען קיין בעגריעף אדער פיהלען דאס געשמאק פאן ליכט — דאס קערפערליכעס זענגען גאטטעס אויף דער ערדע — זא קען דער אונוויסענדער מענש קיין בעגריעף האבען פאן דאס הימלישעס ליכט — גאטטעס זענגען פיר דעם גייסט—; דאס ליכט פאן לעהרע און וויסען, פאן דיינקען און שטודירען; דאס ליכט וועלכע ערשיינט אויף א געזעלשאפט פאן געבילדעטע מענשען, וועלכע דיסקוטירען וואס ערהאבענעס, וואס הימלישעס; (עשרה שיושבים ועוסקים בתורה שכינה שרויה ביניהם!) דאס ליכט וועלכע האבען געגאסען אונזערע פראפעטען, געלעהרטע און גרויסע מעננער, דיא שטערנע פאן ישראל, פאן אלע צייטען, ביז הייטע.

נאך דיזע ווארטען איז קיין וואונדער ניט וואס מיר זעהען פאן אונזער אלטער געשיכטע וויע דאס בעאבאכטונג פאן שבת וואר זא וויט איינגעזויגע און דעם מארך פאן אונזער פאלק פאן טויזענדע יאהרען, דאס זאגאר דיע ערנסטע אין דיע זינדיגסטע אין אלע צייטען האבען אויך אבגעהיט דעם שבת מיט אלע פינקטליכקייט. וויע דער נביא עמוס דערציילט פאן זיין צייט, אין וועלכער דער אידישער מאראל וואר זייער ניעדריג, און ער האט דאפיר זייא געשטראפט מיט דיע בייסענדסטע ווערטער, און געשימפפט מיט דיע שענדליכסטע נעמען, פארגעוואגט פינסטערע און ביטערע שטראפע פאן גאטט, אין גיבען צוקונפט, פיר דאס גאנצע לאנד פאן ישראל — דאך, זאגט ער אין זיין סאטירע: „שמעו זאת השואפים אביון, ולשבית עניי ארץ! לאמר, מתי יעבור החדש ונשבירה שבר, והשבת ונפתחה בר, להקטין איפה ולהגדיל שקל ולעות מאני מרמה!" (עמוס ח. ד־ו.) הערט נור, איהר, וועלכע פערשלינגען דיע נאטהליידענדע און פערניכטען דיע ארעמע! וועלכע קענען זיך קוים דערווארטען דאס דער נייעמאנד (ראש חדש, וועלכער וואר הייליג ביי אידען דאן אזוי וויע שבת.) און דער שבת זאלען אריבער, אום צוא עפנען דיע געשעפטען און פערקויפען וואארע, צו פערקלענערן דיע מאס און פערגרעסערן דעם פרייז, און פערפעלשען דיע בעטריע־

געריישע וואג...! זאגאר יענע לייטע האבען זיך ניט ערלויבט צו האלטען אפען זייערע געשעפטען אם שבת! — אויך אין יוסיפוס ווערט דערמאהנט פיעל מאהל דאס דיע אידען האבען זיך ניעמאלס געוועהרט געגען זייערע פיינד, ווען זייא פלעגען זייא בעפאלען אום שבת, אום ניט צו פערשוועכען דעם היילינגען טאג! זא וויט וואר דיע בעאבאכטונג פאן שבת בייא דיע מאסען, דאס זאגאר סיין לעבען'ס געפאהר האט זייא דערפון ניט אבגעהאלטען. דיע איינצעלנע פרומע ווארען זא וויים אבגעהיט, דאס זייא האבען זאגאר ניט צוגעלאזען קיין פרעמדעס געדאנקען צו זייער זינען אם שבת. דיע גמרא בריינגט (שבת קנ. ב) דאס בייא איין חסיד איז איינגעפאלען דער צוים פאן זיין פעלד אם שבת, און ער האט אנ־געפאנגען צו דיינקען וועגען וויע אזוי עס צו פיקסען; ער האט זיך אבער באלד געכאפט דאס עס איז הייטע ניט רעכט צו דיינקען וועגען דעם. ער האט, אלס שטראפע פיר זיך זעלבסט, דעם צוים זיין גאנצען לעבען ניעמאלס געפיקסט! — עס איז אויך קיין וואונדער וואס דאס פאלק האט פערגעטערט דעם שבת, דען באלד פאן אנפאנג האט דער שבת אריינגעטרעטען בייא אידען מיט אזא וואונ־דערבארקייט. דאס קיינער האט געקענט צווייפלען אין זיינע געטליכע ערשיינונ־גען: פיר פערציג יאהר אהנע אונטערברעכונג האט גערעגנט פיר זייא „הימלישעם ברויט”, יעדען פריהמארגען, זעקס טעג אין דער וואכע, אבער ניעמאלס אם שבת! און יעדען פרייטאג האבען זייא געקריגען א דאבעלטע פארציאן, פאלקאם גענוג אויך פיר שבת! קיין וואונדער וואס דיא תורה דערציייהלט: „וישבתו העם ביום השביעי”. זאגאר דאס גאנצע אונוויסענדיע מאסע האט גערוהט אם זיבטען טאג. וויע הארטנעקיג זייא ווארען געגען משה'ן, וויע אונגעהארכזאם געגען זיינע וואר־טען, האבען זייא דאך געמוזט צוגעבען דיע איבערנאטירליכקייט און ערהאבענ־הייט פאן שבת דורך דיזע פאקטען, וועלכע האבען זיך ווידערהאלט יעדע וואכע פיר פערציג יאהר! — אזוי איז ענטשטאנדען בייא דאס גאנצע פאלק דער העכסטער רעספעקט און עהרענפורכט פיר שבת, וועלכע זינד פערבליבען אויף טויזענדער יאהרען. דער צו איז נאך, זייט דאן אויך איינגעפלאנצט געווארען דער גלויבען בייא יעדער אידען אין הארצען, דאס דער פרייטאג פערזארגט דעם שבת מיט אלע נאטהווענדיגקייט, און ווער נור עס האלט שבת מיט זיין גאנצען הארצען שיקט איהם גאט צו אם פרייטאג פיר שבת. דיזער גלויבען איז נאך שטארק בייא פיעלע פאן אונזערע ברידער ביז הייטע צו טאגע, און ווערט גאנץ אפט ריעאליזירט אלס פאקט אויך אין פיעלע היגזיכטען, פיר דיע וואס ווילען

זעהען וויטער פאן אנדערע. מאן דארף ניט זיין פיעל געבילדעט אום צו לייקע־
נען אין איבערנאטירליכעס ! אבער פערשטייהען מיר וואס נאטירליכעס איז ?
וייסען מיר דאס מינדעסטע וואס עס קומט פאר אין דער נאטור ? רעכט זאגען
אונזערע קלוגע תלמודיסטען : ווען דיא גאנצע וועלט מענשען, מיט אלע זייערע
חכמות און ערפינדונגען, זאלען זיך צוזאממען קלייבען, וועלען זייא ניט קענען פראָ־
דוצירען זאגאר איין מילב ! יא, מיר ווייסען גאר ניט וואו נאטור ענדיגט זיך און
איבער־נאטור פאנגט זיך אן. דער יעניגער וועלכער גלויבט אין גאט אלס בעשע־
פער און פערוואלטער פאן אלעס, גלויבט אויך גאנץ נאטירליך דאס גאט קען
טאהן אלעס און זיין וואונש האט קיין אבהאלט ; און דאס ער קען אויך צו
שיקען פרייטאג פיר שבת אהנע שטערונג. און דיא תורה זאגט עס אין קלאהרע
ווערטער : ראו ! כי ה' נתן לכם השבת, על כן הוא נותן לכם ביום הששי לחם
יומים, זעהט נור ! דאס גאט האט אייך געגעבען דעם שבת, דארום קריגט איהר
פרייטאג ברויט פיר צוויי טעג ! ווער עס גלויבט ניט, דער קריגט אויך ניט ; און
מוז זיך זעלבסט בעזארגען, און ארבייטען זיבען טעג אין וואך, אויב ער קען ! —

8.

דיא קערפערליכע פערגניגען פאן שבת. — אזוי וויא דער גאנצער אינסטיטוציאן פאן שבת איז אריגינאל אידיש, וויא אויבען איז דער־
מאנט, אזוי איז אויך דער פערגנינען פאן שבת אריגינאל אידיש ; און דאס קען
ניט איבערגעגעבען ווערען אין ווערטער אדער נעמאהלט אין קאהלירען צו קיין
פערזאן וועלכער וויים ניט פאן שבת. דאס קען נור פיהלען דער יעניגער וועל־
כער האט זיך ערצויגען און נעוואקסען אין א אידישע הויז, און האט אבגעהיט
דעם שבת מיט אלע איינצעלהייטען פאן זיין יוגענד אן, לויט ער האט געזעהען
בייא זיינע עלטערן, און — אויף איין מאהל ווערט ער טראנספערירט אין א גאנץ
אנדערע ספערע, פאן ניט אידען, און וואו ער קען קיין שבת ניט האלטען : דיזער
מאנן קען פיהלען דעם פערלוסט פאן יענע פערגניגען פאן זיין א מאליגען שבת,
וועלכען ער קען ניט אויסבייטען אויף קיינע אנדערע, ער מעג וויא רייך זיין, זאגאר
אויסגעלאסען זיין, אויף זיין נייען פלאטץ ! יא, בלויז דער איד וועלכער האלט
שבת דער קען האבען פאלקאם דעם פערגניגען פאן שבת. דיזען געדאנקען בריינגט

דער תלמוד אין נאמען פאן רבנו הקדוש: ער האט א מאהל איינגעלאדען צו זיך, שבת אויף מיטטאג, אנטאנינוס דעם קייזער פאן רוים, וועלכער פלעגט איהם אפט בעזוכען, און מיט שפייזען אין זיין הויז: צוליעב שבת האט מאן געגעסען קאלטע שפייזען: דער קייזער וואר אבער זא ענטציקט פאן זייער גוטען געשמאק, דאס ער האט בעמערקט: דיזע שפייזען שמעקען בעסער אלס יענע הייסע אין פרישע וועלכע איך האב היער פיעל מאהל גענעסען. רבי האט איהם געאנט־וואָרטעט: מיר האבען א געוויסען געווירץ וועלכער מאכט דיע שפייזען פאן שבת זא געשמאקפאל. אויב אזוי, זאגט דער קייזער, מעג איך אויך פיליכט וויסען פאן דיזען געווירץ? עס טהוט מיר לייד, זאגט רבי, אבער דאס קען נור נוטצען בלויז דיע יעניגע וועלכע האלטען שבת!...

מעהר פאן אלע קלאסען אידען, אין דער אלטער היימאטה, האט גענא־סען דאס העכסטע פערגניגען פאן שבת דיע ארעמע קלאסע. דער ארעמער איד וועלכער האט געוואהנט איינג, שמוטציג, אין פוכט און פינסטערניס; וועמעס פאמיליע איז געגאנגען אין צוריסענע קליידער, און האבען אבגעקומען אגאנצע וואָך מיט ברויט און גרויפען, און האבען זיך ניט פערגונען א ביסען פלייש אדער אלעפעל זופף; וואו מאנן און ווייב זיינען געוועזען פערהארעוועט טאג און נאכט, ער אין גאס, צו פערדיענען אויף א שטיקעל ברויט, און זיא, אין הויז, צו זעהען אויסקומען מיט זיינע ארעמע פערדיענסטען; וועמעס געזיכטער ווארען אימער פער׳צרה׳עט און פערפינסטערט דורך זייער ארעמען לעבען, און זייער קליינער צימער איז געוועזען א גרויסער גיהנום א גאנצע וואך! — פרייטאג פארנאכט, אבער, ווערט דיזער גיהנום פערוואנדעלט, זא וויע דורך א צויבער־קראפט אין א וואהרען ליכטיגען גן עדן! אלעס איז זויבער, ריין און ציכטיג, אלעס איז אויף איין אדם, און דער צימער איז געווארען צוויי מאהל אזוי גרויס; דיע שבת־ליכט בע־לייכטען דיע גאנצע הויז, דער טיש געדייעט מיט אלעס גוטעס, דיע חלות פער־דעקט — אום ניט צו זעטיגען דיע אויגען פאן דעם הייליגען פערגניגען פאר קידוש —, אין צימער איז ווארעם, דיע לופט פערפיומירט מיט דעם גערוך פאן שבתדיגע שפייזען, (דער רייכער פריץ גיט אוועק א גאנצען קויף קארן פיר א אי־דישע שטיקל פיש!); דיע פרויא זיצט אן א זייט, איינפאך, אבער ריין געקליידעט, פערטראכט אין הימלישע געדאנקען, דיע קינדערלאך אלע ארום טיש, ריין ארומגעוואשען, זייערע געזיכטער שטראהלען, זיצען רוהיג, שטיל, מיט עהרענפורכט, ערווארטען דעם פאטער׳ס קומען פאן שוהל! ... און דא קומט ער; בעגלייטעט

פאן צוויי מלאכים: איינער, דיא פערזענליכקייט פאן ארמוטה, עלענד, פינסטער־
קייט און ביטערנים פאן א גאנצע וואך, (דער מלאך רע אין תלמוד, שבת קי"ט,)
דער צווייטער, דער מלאך טוב, רע פרעזענטירט: דיא גוטע האפנונג, דיא פרייה־
ליבע ערוואַרטונג, און דיא הימלישע פערגניגען פאן א הייליגען, רוהיגען און זא־
טען טאג, וועלכען ער גייהט עמפפאנגען. ער זאגט א ברייטען „גוט שבת" צו
דער פאמיליע, און אלע ענטפערן מיט א הימליבע שטימע, אין זיינע ווערטער.
ער זעטיגט זיינע אויגען מיט דער הערליכקייט וואס הערשט אין אלע ווינקעלעך,
און נעהמט בעגריסען זיינע גייסטליבע בעגלייטער, זינגענדיג דעם „שלום עליכם",
שפאצירענדיג איבער דעם צימער הין און צוריק, דיא הענד אויף הינטען, און
פיהלענדיג וויא א קעניג אין זיין אייגנעם קאבינעט!... און דער מלאך טוב, דיא
גוטע לוינע, דער צופריעדענער געפיהל, דיא פרייהליבע הארץ, ווערט בעגייסטערט
מיט'ן פראכט און גלאנץ פאן ארום, און זעגנעט איהם מיט: א פערגניגענדען
שבת, און ווינשט, דאס דער נעקסטער רוהע טאג זאל אויך אזוי זיין, און דער
מלאך רע, דער פינסטערער גייסט פאן אגאנצע וואך, „בעל כרחו יענה אמן"
מוז פערשווינדען, און געבען פלאטץ צו דאס געזעגנעטע צופריעדענהייט פאן
ארום, און וועלבע ווירקט מיט איין איינפלוס־רייכע קראפט אויף דעם נייעם
פרינץ, צו לינדערן דיא ארמוטה און ליידען פאן דער נעקסטע וואבע, צו פער־
לייכטען דיא פינסטערקייט פאן זיין שיקזאל, און איהם ערמוטהיגען פארט צו
זעצען זיין — מיט דערנער פערוואקסענע־וועג מיט א גרינגע הארץ ביז דעם נעקס־
טען גליקליבען שבת טאג. — און אבוואהל ער איז העבסט הונגריג — איין ארע־
מאן עסט פרייטאג קיין מיטטאג! — נעהמט ער זיך נאך צייט צו בעזינגען זיין
ווירטהין מיט דעם פאסענדען „אשת חיל", וועמעס ווערטער פערמעהרען זיין
פערגניגען פאן מינוט. (איך רייד געוועהנליך פאן אזעלבען, וועלבער פערשטייהט
דעם פרוש המלות.) ער פערגעסט אן דער גאנצער וועלט, זיין ארעמקייט, זיין
ביטערע פרנסה, פאן א גאנצע וואך, און ווערט טראנספפערירט אין א גאנץ אנדע־
רע אטמאספעהרע, אין א הימלישעס עקסטאז, און זיין קערפער ווערט פערטרונ־
קען אין א ים פאן זעלען לעבען מיט דיא זיססע טעננער פאן איין ענגעל־
קאהר!.. אונאין דיזער הייליגקייט און בעגייסטערונג, זינגט ער זיין קדוש, הויך
און זאנפט, און דיא קינדערלעך ענטפערן אין א כרובים־שטימע: אמן! וואו איז דער
מיליאנער וועלבער קען פיהלען דעם פערגניגען פאן דיזען ארעמאן אין דיזע היי־
ליגע מינוטען? וועלבער וועלט־הערשער קען זיך פערגלייבען מיט דער גרויסקייט

פאן דיזען זאהן פאן ישראל ? און וואס פיר א בעטראף קען האבען א גאנצער וועלט'ס לעבען נעגען דיע געצייהלטע, אבער דאך עווינע זעקונדען פאן דיזען אי־דישען קדוש אם שבת אבענד ?...ער גיבט אלעמען פערזוכען פאן דעם הייליגען וויין, מיט נייגיערדע און געשמאק נעהמען זייא צו זייערע ליפען, בייא דיע קינדערלאך ווערען דיע אויגלאך רויט, דיע הערצלאך דערקוויקט, און אין דעם איין טראפען וויין פיהלען זייא מעהר געשמאק אלס דער גביר פאן א גאנצער פלאש שאמפא־ניער!... ער וואשט זיך, און פיר דאס ערסטע מאהל זעטיגט ער זיינע אויגען מיט דעם אויסזעהן פאן דיע צוויי שעהנע, פערברוינטע שמעקענדע חלות, — זיין וויב'ס אייגנע ארבייט, פיר וועלכע זיע האט פאריגע נאכט ניט דערשלאפען — און וועלכע שיינען וויע א שעהנער צווילינג, אויף וועלכען דיע מוטער קוקט מיט ליעבע און פערגניגען... ער הויבט זיי ביידע אויף און מאכט „המוציא", גיבט יעדערן דער פאן, און אלע מאכען א ברכה מיט גרויס ערנסט... דיע פרויא דער־לאנגט דיע פיש, פריש און שמעקענד, אלע דערקוויקען זייערע פערשמאכטע זעעלען מיט דיע אנגענעהמע שפייז, און פערזוכען דעם ערסטען פערגניגען פאן שבת'דיגער עסען!... נאך דיע פיש, פאנגט אן אונזער נייער גביר צו זינגען מיט גרויס ברייטקייט: „כל מקדש שביעי כראוי לו... ברוך ה' אשר נתן מנוחה לעמו ישראל... לנוח בו ולשמוח בתענוג אכל ושתה... ה' אלהי ישראל תשועת עולמים!" און דיע קינדערלאך העלפען צו מיט אכרובים שטימע. ער פערשטעהט גאנץ גוט וואס ער זינגט, און דער פערגניגען איז אונבעשרייבליך. עס נעהמט א מאן מיט איין עבטע אידישע הארץ צו פיהלען דעם עקסטאז פאן דיזע הייליגע ווערטער. ער נעהמט זיך צייט, צו פערדייען דיע שארפע פיש, און, זיך צו באדען אין הימלישע פערגניגען... דיע פרויא דערלאנגט ווידער, הייסע, פעטע און זיסע לאקשען־זופּ... עס שמעקט אין שטוב א ריח גן־עדן.... פיר דאס ערסטע מאהל אין זעקס טעג פערזוכט דיע פאמיליע פליישיגעס עסען... דיע קינדערלאך לאבען זיך מיט יעדער לעפעל, און שטיקער געזונד קומט זייא צו מיט יעדער מינוט.... און ווידער ברעכט אויס ארום טיש א נייע מעלאדיע מיט לעבענדיגע ווערטער, „מנוחה ושמחה אור ליהודים... שבת קדש חמדתו... יזכו לרב טוב המתענגים בה, בביאת גואל לחיי העולם הבא!" זיין פריידע פאן דעם מאמענט ווערט נאך הונדערטע מאהל גרעסער מיט דער האפנונג, דאס מיט זיין עהרען דעם שבת יעצט ווערט ער נאך ווערטה זיין בייא צו וואהנען יענע הייליגע שבתים, אין דער גליקליכער צוקונפט פאן זיין — ביז יעצט — געפלאגטעם פאלק אין איי אייגנעם

לאנד!... נייע געריכטען קומען יעצט צום טיש: פלייש, גרינס, קאמפאט או זא פארט, דיע קינדערלאך עסען מיט א פעטיט... און ווידער ווערט געזונגען, א נייעס ליעד, אין דער אראמעאישער שפראכע: „יה רבון עלם ועלמיא.... ואפיק ית עמך מגו גלותא.... בירושלם קרתא דשופריא!" דיע מכאבים קענען ווירקליך גיט פערשטייהן (אין מכאבי השרת מכירים בלשון ארמי, זאגט דער תלמוד) דיזע ווערטער, וויא דיזער ארעמער אבער גליקליכער זאהן פאן ישראל פערשטעהט זייא; און זיין זעעלע ווערט איללומינירט מיט א הימלישעס ליכט וועלכעס האט אויף דער מאטעריאלישער וועלט קיין גלייבען; און דיע קינדער־לאך זינגען מיט, און גיבען זיך מיהע אריבער צו שטייגען איינע דיע אנדערע, און זייערע הערצעלאך טאנצען פיר פריידע!.... יעצט קומט דער געקראנטער געריכט פאן גאנצען באלל: דער פערברוינטער פעטער צימעס, וועמעס געשמאק צוטראגט זיך אין אלע ווינקעלאך, דיע פאמיליע עסט ווידער; עס שיינט נאך צו זיין פלאטץ פיר דעם נייעם געריכט, (רוחא לביסומא שכיחא!) און עס ווערט אויסגעפיללט דיע ליידינקייט פאן א גאנצע וואך... מיט דעם לעצטען געריכט ווערט אויך בע־זונגען דער גאנצער אבענד־מאהל (סאפער) מיט א פאססענדעס ליעד: „צור משלו אכלנו... יבנה המקדש עיר ציון תמלא.... הויך און לעבעדיג זינגט דער קאהר, און דיע גאנצע פאמיליע קוועלט פאן פריידע און פערגניגען... דער לאנגער בענטשען גייהט אויך צו מיט הארץ און בעגייסטערונג, און אלע פיהלען א זעטיגקייט אין קערפער און זעעלע, וועלכע זייא האבען ניט געהאט זייט לעצטען שבת!—

ביז צוויי שטונדען האט פערבראכט דיזע ארעמע אידישע פאמיליע בייא דעם ערשטען שבת־מאהלצייט! אזוי פיעל צייט וועלכע זעלטען דיע רייכע לייטע פערגינען זיך צו פערברייגגען בייא איין מאהל עסען! און דיזער אבענד ברויט האט זא גאר ניט געקאסט פיעל אין געלט! קען אבער יעמאנד אבשאטצען זיין ווערטה אין פערגניגען? קען זא פיעל גליק און צופריעדענהייט געקויפט ווערען פיר אירגענד וועלכע סומע? קען רייכטהום פערשאפען זא פיעל זעגען און גליק? ניין! דאס קען נור דיע הייליגקייט פאן איין עכט אידישען שבת בעשיינקען זיינע עכט אידישע אנהייגגער! — עס איז ניט נעטהיג צו מאהלען נאך איין בילד פאן צווייטען מאהלצייט פאן שבת מיטטאג. דיזעס קומט אויך מיט לאנגע פארבע־רייטונג, פערשיעדענע און שמאקהאפטע שפייזען, מיט פאסענדע אין זיססע גע־זענגע, און ווידער פערברייגגט דיע פאמיליע א פאאר גליקליכע שטונדען ארום

דעם גליקליכען שבת־טיש. און אזוי גייהט פאראיבער דער גאנצער טאג ביז שפעט אין אבענד, ביז נאך דער הבדלה צערעמאניע. דער זמירות זינגען, און דער „מלוה מלכה״ צובייסען: א דרייסיג שטונדען יעדע וואכע, אין וואהל זיין און פערגניגען, און דיא ארעמע פאמיליע שעפט אן אין דיזע שטונדען גענוג גע־זונד, גליק און צופריעדענהייט, ענערגיע, קראפט און מוטה, פיר דיא נעקסטע זעקס טעג, דורך דעם הייליגען און וואונדערבארען שבת־טאג! מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, ואני נותנה לישראל! —

.9

דיא גייסטיגע פערגניגען פאן שבת. — פאן דעם פא־ריגען קאפיטעל איז צו זעהען, וויא דיא קערפערליכע פערגניגען פאן שבת זיינען העכסט פערבונדען מיט דיא גייסטליכע; און וואס אנבעלאנגט צו גוט עסען טרינקען, שלאפען און רוהע פאן שבת, האט דער גייסט פערגניגען צוזאמען מיט דעם קערפער. און דאך איז דאס ניט אלעס. דאס גרעסטע טהייל, דיא גייסטי־גע פערגניגען, קומט פאן דער אריגינאליטעט פאן שבת, און בלויז דיא יעניגע קענען עס געניסען, וועלכע בעבאכטען דעם שבת אין זיין ריכטיגען זינן. דאס געגצליכע ענטציהונג פאן אירגענד וועלכע קערפערליכע ארבייט, דאס אבשטייהן פאן וועלבע אירדישע בעשעפטיגונג, דיא בעפרייאונג פאן וועלכע עס איז אונטער־נעהמונג, און דיא רוהיגקייט פאן זאגאר דיינקען וועגען אלטעגליכע קלייגליכקייט — גיעבען דעם וואהרען אידען דאס מעגליכקייט זיך אין גאנצען איבער צו געבען צו וואס גייסטיגעס, צו וואס הימלישעס. ער פערבלייבט פיר גאנצע פיער און צוואנציג שטונדען איין גאנץ אנדער פערזאן, א וועזען פאן איין אנדער וועלט, פאן איין אנדער ספעהרע. ער האט צייט צו דיינקען וועגען וואס ערהאבענעס, וועגען וואס עוויגעס; ער האט צייט צו לערנען דיא אונענדליכע און אונערשעפפליכע לעהרע גאטטעס, אין איהרע טויזענדארטיגע פערשיעדענהייט און פארמען, אין וועלכער יעדער מאנן, פאן דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען, קען געפינען וואס נייעס, געשמאקעס, ערהאבענעס און הייליגעס, לויט זיינע נייגונג, אינטעלעקט, צושטאנדע און ווערטה; אט דיא תורה, וועלכע גאטט האט אנפערטרויט צו ישראל, אלס איין אויסערוועהלטעס פאלק, און האט אונז אנגעהאלטען אין

אונזער לאנגען עקזיסטענץ דיזע טויזענדע יאהרען, און ווערט נאך הערשטעלען אידען אן דער שפיצע פאן אלע פעלקער אין דער גליקליכער צוקונפט, וויא איך שרייב אויף אנדערע פלעטצער פאן דיזער ווערקע; דיא תורה, וועלכע איז בע־קליידעט מיט א קערפער, וועלכער איז זעלבסט אונענדליך, וויא דער פאעט זאגט: „ארכה מארץ מדה ורחבה מני ים", אבער וועמעס זעעלע איז דיא וויזהייט גאטטעס זעלבסט, צו וועלכעס קיין שטערבליכער קען ניט צו קומען, „כי לא יראני האדם וחי!" און דאד ווערען איהרע געהיימניסע ענטדעקט, פאן צייט צו צייט, צו אייניגע ווערטה פאללע, און פיר וועלכע דער הייליגער דוד האט געבעטען: גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך. עס נעהמט ווירקליך א דוד, וועלכער האט פער־זוכט פאן יענע „נפלאות", צו זאגען „הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ונפת צופים"! און דיזע תורה צו שטודירען האט יעדער זאהן פאן ישראל דיא געלעגענהייט אם בעסטען אין דעם הייליגען שבת טאג! ער האט אויך צייט צו שטודירען דיא וואונדערבארע בעשעפונג, דיא קערפערליכע נאטור וואס מיר זע־הען איבעראל, און וועלכע איז אפען פיר יעדער מענשענ'ס פערשטאנד, צו בע־טראכטען און נאכדיינקען און זעהען דערפאן דיא גרויסקייט, דיא ערהאבענהייט און דאס אונענדליכע וויזהייט פאן איהם וועלכער האט אלעס בעשאפען! וויא דער נביא זאגט: שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה! און נאך הונדערטע פסוקים אין תנ"ך, וועלכע וועקען דעם מענשען צו זעהען גאטטעס וואונדער אויף דער וועלט. — אזעלכע הימלישע געדאנקען גיעבען דעם מענשען דיא מעגליכקייט צו געניסען געטטליכע פערגניגען, וועלכע מאן קען ניט קויפען פיר קיין פרייז אויף דער וועלט, וויא דער נביא זאגט: אז תתענג על ה'! און נור דיא רוהיגע שטונ־דען פאן שבת ענטהאלטען אין זיך אזעלכע גייסטיגע פערגניגען; און דיא יעניגע וועלכע קענען און וויללען, האבען דאס בעסטע געלעגענהייט מיט זייא זיך צו בענוטצען, וויא אויבען איז דערמאנט. — מענשען פאן אנדערע נאציאנען, וועלכע בעטראכטען זייער שבת אלס א רוהע־טאג פאן קערפערליכע ארבייט און מיהע, קענען פאן אזעלכע גייסטיגע פערגניגען ניט וויסען.—

דיא מאססען פאן פאלק, דיא אונגעבילדעטע, וועלכע זיינען ניט פעהיג פיר דיא אויבענדערמאנטע גייסטליכקייט, קענען אויך האבען זייער פערגניגען פאן שבת, יעדער נאך זיין גונסט און צושטאנדע. מאנכע, בייא גייהען הערען בעלעה־רענדע פארטרעגע פאן גוטע רעדנער, אין וועלכע עס ווערען ערקלעהרט פסוקים פאן תנ"ך, מאמרים פאן תלמוד, און זאגען פאן מדרש, דורך שעהנע בייאשפיע־

לע און ערהאבענע געדאנקען, וועלכע ערנעהנטערן דעם אידען צו זיין תורה און רעליגיאן, וועקען אין איהם נאציאנאלע געפיהלען, און בלייבט טרייע צו זיין פאלק. איך געדיינק נאך דעם פערגניגען פאן מיין יוגענד, ווען מיר פלעגען גייהן שבת פארטאג, זאגאר אין דיע ערנסטע ווטערען, צו הערען דרייא שטונדען־לאנגע דרשות פאן גוטע „מגידים״ פאן יענער צייט; מיר האבען ניט געפיהלט מידע, לאנגוויל אדער שלעפעריג. עס וואר א גייסטיגעס פערגניגען אין פאללען זינען דעם ווארטעס! — מאנכע ווידער, קענען האבען זייער שבת׳דיגען פערגניגען אין הערען א גוטען חזן, עכט אידישע געזעגגע דרינגען איין דעם אידען טיעף אין הארצען, וועלכע פערשאפען איהם גייסטיגע פערגניגען, וואס קיין אנדערע קענען ניט פיהלען. דער ניט איד האט קיין מאהל פרובירט הערען רעליגיעזע געזעגגע פאר פריהשטאג, ער גייהט אימער אין קירכע נאכען עסען; דער איד אבער קען זיין זאט מיט א גוטען חזן, און זעהט ניט וויא דיע צייט לויפט א וועק — איך געדענק פאן א פאלל, וואו א חזן האט אבגעהאלטען דעם עולם, שבת, ביז צוויי אוהר נאכמיטטאג, און ניעמאנד האט געפיהלט הונגער! —

נאך א סארט גייסטיגע פערגניגען אם שבת פיר איינפאכע מענשען איז, בעזוכע פאן פריינדע און בעקאנטע. דיע אויסדריקע פאן פסוק (מלכים ב׳ ד׳ כג.) „מדוע את הולכת אליו היום, לא חדש ולא שבת? ״ צייגט אז בעזוכען פריינדע וואר אין יענער צייט אבגעלייגט פיר ראש חדש און שבת. ראש חדש וואר דאן בייא אידען א יום טוב, אין וועלכען זייא האבען גערוהט פאן ארבייט און געשעפט, וויא עס שיינט פאן פיעלע פלעטצער אין תנ״ך. וואהרשיינליך, האבען זייא פיר בעזוכע קיין צייט געהאט אין דיע דרייע גרויסע ימים טובים, דען דיע מענער האבען געמוזט „עולה רגל״ זיין נאך ירושלים, און דיע פרויען האבען געהאט נענוג צו טאהן צו הויזע, און דארום וואר שבת און ראש חדש דיע בעסטע צייט פיר וויזיטען. און אזוי קענען א זעלבע קלאסען מענשען האבען זייער פערגניגען אין אונטערהאלטען זיך מיט א פאסענדע קאמפאניע, לויט נאך זייערע פעהיגקייט און אינטעליגענץ. — דאס צוקלייבען און נאכזוכען פאן בעסטע מאטעריאלען, און זייא צו בערייטען אין געשמאקע שפייזען פיר שבת, קען אויך פערשאפען א זעלבסט צופריעדענהייט פיר דיע ניעדריגסטע קלאסע, ביים עסען, און שפרעכען וועגען זייער פעהיגקייט אין גוטען געשמאק. דער תלמוד ברייננט פאן פיעלע לייטע וועלכע האבען דיע גאנצע וואך געזוכט אימער דאס בעסטע פאר צו גרייטען פיר שבת; אייניגע פאן זייא זינד העכסט רייך געווארען פאן

צופעללע בייא אזעלכע· אונטערנעהמונג. (וויע יוסף מוקיר שבא, און נאך.) — און אזוי ענטהאלט אין זיך דער שבת גענוג גייסטיגע פערגניגען פיר אלע קלא־ סען פאן פאלק, פאן דעם איינפאכסטען אונגעבילדעטען, ביז דאס העכסטע פערזאן, וועלכער ערדייכט דיע הימלען מיט זיין אינטעליעקט. אזא „מתנה טובה" פערמאגט קיין רוהע טאג פאן אנדערע פעלקער; דאס געהערט בלויז ישראל'ם שבת! —

10.

שבת אין פערשיעדענע פעריאדען פאן אידישען עק־ זיסטענץ. אזוי וויע דער שבת איז פאן דיע ערסטע אינסטיטוציאנען פאן אונזער פאלק, איז דארום קיין וואונדער דאס מיר בעגעגנען איהם אין דיע צייטען פאן אונזער היסטאריע פאן אלע צייטען און אלע פעריאדען פאן אונזער לאנגען עקזיסטענץ. עס איז ווארי, דאס אין אנפאנג האט עס געמוזט איינגעפיהרט ווערען אונטער דיע מאססען, דורך א שטרענגע דיסציפלין; וויע מיר זעהען דעם ביישפיעל פאן „מקושש" (במד' טו, לב - לו.) וועלכער האט בעצאהלט מיט זיין לעבען, פיר איבערטרעטען דאס געזעץ פאן שבת. איבערהויפט אין אזא צו־ שטאנדע, וויע דיע אין וועלכע דאס נייע געבארענע פאלק האט זיך דאן געפונען: אלע צוזאמען אין איין לאגער, אין א וויסטען געגענד, אהנע מיטלען פיר א גע־ וועהנליכעס לעבען, און עקזיסטירענד וואונדערבארער וייזע, אונטער דער אויפ־ זיכט פאן איין מאנן, וועלכער ווער צוזאמען: פאטער, פיהרער, פערזארגער, ריכטער און פערוואלטער פאן אזא אונגעהייערער מאססע — אין אזא צושטאנדע, ווער טאטדעס שטראפע פיר אונגעהארכזאמקייט, דער איינציגער מיטעל, אום אנצוהאלטען א פעסטע דיסציפלין איבער דיע מאססען; זאנסט וואלט געווארען א תהו ובהו צווישען דער גאנצער פערזאמלונג, און דאס נייע פאלק וואלט אונ־ טערגעגאנגען באלד נאך זיין געבורט! נאכהער אבער, ווען דיע מאססען האבען זיך שאן צוגעוואהנט מיטען שבת, ווער עס אבגעהיט מיט מעהר אדער ווייניגער פינקטליכקייט, אין דיע קומענדע גענעראציאנען, אומגעפער נייןהונדערט יאהר, פאן ישראל'ס ערשטע וואהנונג אין פאליסטינא. און מיר געפינען ניט אין תנ"ך.

ביז דעם חרבן בית ראשון, קיין דירעקטען רעקארד װעגען אלגעמיינער ברעכונג פאן שבת; בלויז אין מאנכע שטעלען, וואו דיע נביאים קריטיקירען דאס פאלק פיר איבערטרעטען אין אלגעמיין דיע געזעצע פאן דער תורה. מעגליך, ווייל עס וואר ניט אנגעהאלטען מעהר דיע שטרענגע דיסציפלין פאן א מאהל; איבער־הויפט אין פערשיעדענע פעריאדען, ווען דאס פאלק וואר געריכטעט נאך דיע נייגונגען פאן זייערע קעניגע און פיהרער זעלבסט. דאגעגען, צייגט דיע אויסדריקע אין עמוס „והשבת ונפתחה בר", דאס וויע שלעכט דאס פאלק וואר, דאך האבען זייא פערהייליגט דעם שבת. דער נביא ישעיה ע־איננערט אויך בלויז וועגען דיע בעלאהנונג פאן בעאבאכטען שבת (ישעי' נו, נח.) — בלויז אין דיע לעצטע צייט פאר'ן חרבן געפינען מיר א דירעקטע ווארנונג וועגען היטען שבת (ירמי' יז. יט־כז.). זייט דאן, אין דער פעריאדע פאן גלות בבל, זינט דער אידישער נאציאנא־ליטעט איז צערשטערט געווארען, האבען דיע שלעכטע אומשטענדען אבגעשוואכט דעם רעליגיאן, און אויך דער שבת וואר פערלעצט בייא מאנכע פאן נייעם דור, וויע עס ווערט דערמאנט אין נחמיה (יג׳ טו־כא.). אבער באלד האט דאס פאלק זיך צוריק בעזעצט אין זיין אייגענעם לאנד, דיע אנשי כנסת הגדולה האבען ווידער אנגעפאנגען צו פערשטארקען אלע צווייגען פאן רעליגיאן, דאס יודענטהום האט ווידער אויפגעבליהט, און דער שבת האט צוריק אנגענומען זיין פאריגע הייליגקייט. מאן האט ווידער איינגעפיהרט א שטרייגגע דיסציפלין; דאס פאלק האט אוים פורכט, און נאכהער מיט דער צייט, זיך צו געוואהנט צו אלע אינס־טיטוציאנען, נאך פיעל שטרייננער וויע א מאהל; און דער שבת וואר זא ווייט אבגעהיט, דאס זייא האבען, פיר הונדערטע יאהרען נאכהער, אין אלע מלחמות, ניט געוואגט זיך שטעלען אם שבת געגען זייערע פיינדע, זא וויע אויבען איז דער־מאנט. — פאן צייט צו צייט זיינען בעשטימט און אנגענומען געווארען, בייא דיע גרויסע מעננער און געזעטץ־געבענדע קערפערשאפטען פאן יענע צייטען, פיעלע רעגעלען אין אלע הינזיכטען פאן דער תורה; דיע אלטע זיינען ריכטיג ערקלעהרט געווארען, אין פיעלע נייע זיינען איינגעפיהרט געווארען, לויט נאך דיע פערשיע־דענע אומשטענדען, צופעלליגע און נאטהווענדיגקייט, וועלכע קענען פארקומען אין לעבען פאן א גרויסעס פאלק, און דיע אלע וועלכע ווארען לאיאל צו זייער פאלק האבען דיע אלע רעגעלען אימער געשטודירט און ריכטיג אבגע־היט. — נאך דעם חרבן בית שני, ווען אידען האבען שאן אין גאנצען פערלארען זייער זעלבסשטענדיגקייט, און ווארען צו טריבען און צושפרייט איבער אלע לענ־

דער, האבען דיע גרויסע מעננער פאן יענער צייט איינגעזעהן דאס עס איז שאן מעהר קיין האפנונג דא פאן א גיבען צוריק קעהרען פאן אידען אין זייער לאנד, און דאס זייא זיינען פעראורטהיילט פיר א לאנגען וואנדערען צווישען פרעמדע פעלקער — האבען זייא באלד אנגעהויבען צוזאמען צוקלייבען דיע אלע רעגעלען, ארדנונגען און בעשליסע אין אלע צווייגען פאן דער תורה, וועלכע ווארען געפאסט אין אלע צייטען, און האבען זייא פערפאסט אין א ווערקע (ששה סדרי משנה), אום אידען זאלען עס האבען מיט זיך, וואו זייא וועלען זיך געפינען, אליין עס צו שטודיען, און וויסען וויע דיע געזעצע צו בעאבאכטען. דאס וואר דער בעסטער מיטעל, אום אויסצומיידען פראגען און צווייפעלען, וויע עס וואר בעפאר ווען אלעס וואר געלערנט „בעל פה". און אזוי ווארען אויך דיע אלע רעגעלען פאן שבת פערפאסט און איבערגעגעבען צום פאלק, און דער שבת האט אומגעוואנדערט אין אלע גלות לענדער, און ניט אכטענד אויף קיינע אומשטענדען, איז ער פער־בליבען פערהייליגט ביז הייטע ! —

.11

שבת אין דיע לענדער פאן אידישער בעדריקונג אדער פרייהייט. — דער נאמען „עם קשה ערף", הארט נעקינעס פאלק, מיט וועלכען אידען זיינען בעטיטעלט אין דער ביבעל, אבוואהל איין שימפפ־וארט פיר זיך זעלבסט, דאך, האט דיזער כאראקטער פאן אידישען פאלק צוגע־געבען זייער פיעל צו זיין לאנגען און אונענדליכען עקזיסטענץ. דאס הארטנעקיג־קייט פאן אידען האט אימער געהאלפען זייא זאלען קענען אלעס אויסשטייהען, און ניט נאכגעבען צו דעם פערלאנג פאן יענע וועלכע האבען געוואלט טויטען זייער גייסט און פערניכטען זייער גלויבען. וואס מעהר דיע פעלקער אין אלע צייטען, איבערהויפט אין דאס פינסטערע מיטטעל־עלטער, האבען געצוואונגען אידען אבצוגעבען זייער רעליגיאן ; וואס מעהר מאן האט זייא געדריקט און גע־מאטערט זייא זאלען זיך אססימילירען און ווערען גלייך מיט זייערע שכנים, האבען זייא אלס פעסטער זיך געהאלטען אן זייער נאציאנאליטעט, טראדיציאנען און געוואהנהייטען פאן א מאהל — זא וויע איך שרייב אין אנדערע פארטרעגע פאן דיזער ווערקע. דאגעגען אבער, אין דיע צייטען און לענדער, וואו אידען האבען

געהאט פרייהייט, און האבען נעקענט זיך פיהרען נאך זייער איינגעם וואונש, דאן גראדע האבען זייא פיעלעס נאכגעגעבען, און האבען מעהר נאכגעטאהן זייערע שכנים; אבוואהל מאן האט עס פאן זייא גאר ניט געפאדערט, און גאנץ אפט האט דער גוי געקוקט זייער קרום אויף דעם אידען, וועלבער טאנצט איהם נאך צופיעל — וויא דער דייטש זאגט: צו פיעל יודען אין דער קירכע! אין דיזע צו־שטאנדע אונטער אידען פאן זיין צושטריינג אין צייט פאן נויט, אדער צו נאכ־לעסיג אין צייט פאן פרייהייט, עקזיסטירט שאן פיר טויזענדע יאהרען, נאך ביז היימע צו טאגע, וויא מיר זעהען עס איבעראל. דאס זעלבע וואר אויך מיט'ן שבת: גראדע וואו אידען זיינען ארעם און ניעדריג ווערט דער שבת פינקטליך אבגעהיט, און וואו זייא זיינען בעסער אב, ווערט עס פערנאכלעסיגט און פער־געסען, און מיט רעכט קען מאן דעם שבת אנרופען דער שפיעגעל פאן אידען אין דיע גלות לענדער; דארט וואו דאס גרעסטע טהייל פאן דער תורה, וועלכע איז פעסט פערבונדען מיט ארץ ישראל, בית המקדש, כהנים, עבודה א. ז. וו. איז אין גאנצען אויסגענאנגען, און בלויז א קליינע טהייל דערפון קען בעאבאכ־טעט ווערען — אין אזעלבע לענדער קען דער שבת דיענען אלס שפיעגעל, איז וועלכען מאן קען זעהען וויא אידען שטייהען מיט זייער ביסעל תורה. ווען דער שבת איז אבגעהיט, איז א בעוויז דאס דיע אנדערע מצות פאן דער תורה ווערען אויך אבגעהיט וויא ווייט מעגליך; ווען אבער מאן זעהט א אידישע הויז וואו שבת און מיטוואך זיינען גלייך, דאן קען מאן שאן וויסען וויא עס האלט דארט מיט דער גאנצער ביסעל אידישקייט! — וויא רעכט זאגט דער תלמוד (שבת קיח:): אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד נגאלין, ווען אידען זאלען היטען ריכטיג צוויי שבתים, וואלטען זייא באלד אויסגעלייזט ווערען; דען דאס קען נור פאסירען ווען זייא זאלען זיין אויפריכטיג מיט דער גאנצער תורה. שבת איז דער שפיגעל פאן יודענטהום! —

.12

שבת אין דער אלטער היימאטה און אין אמערי־קא.

— אונזערע ברידער וועלבע האבען היער איינגעוואנדערט פאן זייער אלטער היימאטה, געדיינקען נאך וויא שטריינג דער שבת וואר דארטען נעהאלטען;

זאגאר דיע יעניגע וועלכע ווארען זעלבסט פרייאגעזאננען, האבען אויך אבגעהיט דעם שבת, אדער אויס געוואהנהייט, אדער אויס רעספעקט פיר דער פאמיליע און נאכבארען. ניעמאנד האט זיך ערלויבט מחלל שבת זיין בפרהסיא; דאס וואלט געוועזען דיע גרעסטע עברה און אויך דיע גרעסטע שאנדע. דער גאנצער אידישער לעבען וואר אזוי איינגעארדענט, דאס מאן זאל ניעמאלס דארפען בער־יהרען דעם שבת. אלע געשעפטען און ארבייט האבען זיך געענדיגט פרייטאג נאך מיטטאג, און דער שבת איז געוועזען איינגעדרונגען אין אלע איינצעלהייטען פאן דער גאנצער אידישער וועלט. דער שבת איז טויזענדער מאהל דורכן וואך דערמאנט געווארען, און ער וואר דער גייסט וואס האט רעגולירט דיע גאנצע מאשינע פאן אלטעגליכע אונטערנעהמונג. זאגאר דער אידישער פערקעהר מיט דער אויסערער וועלט, האט געהאט אויף זיך דעם זיעגעל פאן שבת אין אלע הינזיכטען, און קיין רעגעל דערפאן וואר ווען דאדורך געבראכען. דער האנדעל פאן גוי מיט'ן אידען וואר אזוי איינגעפיהרט, ראס דער ערשטער האט שאן ריכ־טיג געוואוסט ווען דעם לעצטענס שבת און יום טוב פאנגט זיך אן און ווען עס ענדיגט זיך. ער האט געוואוסט ביז ווען דער איד וועט איהם וואס פערקויפען, און ווען ער וועט ווידער עפנען; ווען דער איד וועט וואס פאן איהם קויפען, און ווען ער וועט איהם זאגאר ניט אנטווארטען. דער גוי פלעגט שטעהען שבת פאר נאכט בייא דעם אידענ'ס בוד און קוקען צום הימעל און ווארטען אויף דרייא שטערען — א בילד וועלכער וואר צו זעהען אין דער אלטער היימאטה איבעראַל, אבער היער גאנץ זעלטען. אין דיע קליינע שטעדט, וואו דיע בעפעלקערונג וואר אין גאנצען פאן אידען, פלעגען דיע ארומיגע בויערן ברייגגען זייערע פראדוקטען אם זאנטאג צום מארק צו פערקויפען צום אידען. דער ארעמער איד, וועלכער האט געמאכט א לעבען פאן דעם איין מארק טאג אין דער וואך, האט געהאל־טען זיין שבת הייליג און אונגעשטערט, און דער גוי האט ניכטס געדיינקט וועגען זיין „מחלל זיין" דעם זונטאג צוליעב דעם אידען. מיט ארבייט וואר אויך דיע זעלבע; און דער גוי וואר גאנץ צופריעדען ווען דער איד האט איהם אבגעבראכט זיין גארניטור" אם זונטאג, און האט איהם אויך באלד בעצאהלט מיט „אטרונק" אלס צו גאבע! — דער איד האט ניעמאלס „פערבייגען" דעם שבת אויס פורכט פיר אנטיסעמיטיזמוס; און דער שבת האט עסווירקליך קיין מאהל ניט פער־ורזאכט. דער איד האט אימער געגלויבט באמונה שלמה אין דעם צו זאג פאן דער תורה: ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות... שלש פעמים בשנה,

דאס קיינער וועט ניט וועלען צונעהמען אידישע לאנד, וועו אלע מענער ווערען זיין אין ירושלים אויף יום טוב; און קיין אונגליק קען ניט פארקומען פאן האלטען דיע תורה, וויע דער תלמוד זאגט: שלוחי מצוה אינן נזוקין. — אזוי וואר אויך איינגעארדענט דאס עסען פיר שבת, מיט אלע שפייזען וועלכע ווארען צוגעגרייט דאצו, אום עס זאל זיין פריש און געשמאק; און דאך וואר אלעס געמאכט אן פרייטאג, אום קיין פערלעצונג פאן שבת געזעצע זאל ניט דארפען פארקומען. דער פלאן פאן א פערקלעפטען אויוון, וואר איין „ערפינדונג" מיט וועלכען אידען האבען זיך ניט געדארפט שעהמען, און דער „טשאלענט" און קוגעל ווארען פיעל געשמאקער אלס דיע שפייזען פאן א גאנצע וואך! —

און אזוי וואר דער שבת אבגעהיט מיט אלע פינקטליכקייט אין דער אלטער היימאטה; און אבוואהל דער איד וואר געדריקט און פערפאלגט און אונטערוואָרפען דעם יאך פאן גלות, און וואר אם מייסטען ארעם און גאטה בעדירפטיג — דאך איז ער געוועזען צו פריעדען מיט זיין שיקזאל, און האט ניעמאלס געטרוימט פאן ברעכען דעם שבת, אוים צובעסערן זיין לאגע אדער פערגרעסערן זיינע פערדיענסטען. איבערהויפט ווארען דיע פרויען זייער שטרייננג, און האבען גוט אכטונג געגעבען, זייערע מעננער און קינדער זאלען „חלילה" ניט מחלל שבת זיין, פיר קיין פרייז! —

ליידער, ליידער, האבען אונזערע ברידער, אין דיע לעצטע צייט, אנגע־פאנגען אויסצוואנדערען נאך דער ברייטער און „פרייער" אמעריקא, א לאנד וואו עס איז מעהר בעקוועם און האט מעהר געלעגענהייט פיר איהרע איינוואה־נער צו מאכען א לעבען, אלס אין דער אלטער היימאטה — אבער, צוא דער זעלבער צייט, איז עס אויך אלאנד, וואו אלעס דיענט צום „עגל הזהב", אלאנד וואו אלעס יאגט זיך נאך דעם טאלער און ווערט ניעמאלס זאט, א לאנד וואו, וואס מעהר מאן האט, אלס מעהר מוז מאן האבען, א לאנד וואו דאס איינציגע שטרעבען איז — צו מאכען געלד, וואו, רייכטהום שטייהט העבער פאן אלעס, און געוויסען און אידעאל האבען קיין ווערטה. און ווען אונזערע ברידער קומען היערהער אריבער, ווארפען זייא זיך באלד אין דעם גרויסען שטראם פאן געלט־מאכען, מיט לייב און זעעלע, דער שבת ווערט אם ערסטען פערגעסען, און אלס אנדיינקונג, נעהמט דער זונטאג זיין פלאטץ. דער איד געוואהנט זיך צו גאנץ ניך צו ארבייטען אדער טאהן ביזנעס אם שבת;

אין אנפאנג אלס נויטה, שפעטער, ווייל דיע ביזנעס טרייבט, און מאן קען זיך ניט העלפען. דיע זעלבע פרויא וועלכע וואר צו הויזע דיע טרייע וועכטערין פאן שבת, ווערט דא אויך באלד גלייכגילטיג; זיע גלאצט נאך מיט דיע אויגען צו ליכט־בענטשען, אויס געוואהנהייט, אבער טוהט נאכהער אלעס, גראדע וויע מיט־וואך, און גיעבט ניכטס, דארום. „עס איז דאך אמעריקא!" זאגט זיע צו זיך אליין, אלס פערטהיידיגונג צו איהר אייגענעם געוויסען. דיע קינדערלאך לאזט מאן ארומגייהן פערלען „פייפערס", און דיע מאמע איז העכסט צופריעדען ווען זייא ברייגנען, שפעט פרייטאג נאכט אגאנצען „קוואדאר"—„צושטייער אויף א העט!" טראכט זיע זיך, מיט א שמייכעל.—וואו דאווגען, וואו קידוש, וואו עבען צוזאמען, אין דעם הייליגען און גליקליכען אבענד פאן אמאהל! ניטא מעהר דיע פערגניגען פאן שבת פאן דער אלטער היימאטה! פערשוואונדען זיינען דיע היימליכקייט, דיע ליכטיגקייט, דיע פריידע און צופריעדענהייט, דער הימלישער גלאנץ און דיע גייסטיגע פרייהייט, וועלכע האבען געהערשט א מאהל אין א אידענ'ס הויז! דער מלאך טוב האט ניט מעהר ווענען צו בעגלייטען צום פראכטפאללען שבת טיש, און דער כרובים־קאהר לאזט שאן מעהר ניט ארויס זייגע זיסע טענער פאן דיע אמאליגע זמירות! (דיע כרובים לויפען יעצט ארום איבער דיע גאסען מיט דיע נעגער קינדער צוזאמען, און וויסען גאר ניט וואס הייטע איז!) עס איז פינסטער אין אלע ווינקעלאך, דער אידישער גייסט שמאכטעט. דיע תורה האט מאן אב־געשיקט צוריק, און דער שבת איז פערבליעבען אויף יענע זייט שיף! אלעס ווערט פערבייגען. אלעס ווערט פערגעסען און אלעס ווערט געאפפערט אויף דעם אלטאר פאן דעם אמעריקאנעס גאטט, דער עגל הזהב! און דאס זיינען דיע גאנצע גלי־קען וואס אידען האבען געפונען אין אמעריקא!—

ווען אידען וואלטען געהאט געקומען אהער אין גרויסע מאססען, וואלט פיללייכט ניט געקומען צו אזא אפענעם חלול שבת; אידען וואלטען דא זיך איינ־געארדענט נאך דיע געוואהנהייטען פאן דער אלטער היימאטה, און וואלטען מיט דער צייט אויסגעלערנט זייערע נאכבארען צו רעספעקטירען דעם שבת, אין זייער האנדלונג מיט דעם אידען, וויע אמאהל צו הויזע. אונגליקליכער וויזע, זיינען אידען אהער אריבער געקומען אלס איינצעלע פערזאנען, און יעדער איינער איז באלד פערמישט געווארען מיט דער גרויסע מאסע פאן ארום; איז באלד אריין געשוואומען אין דעם גרויסען שטראם וועלכער לויפט און ברויזט דורך דעם גאנ־צען אמעריקאנער לעבען; עס האט פאן איהם אראבגעשווענקט זיינע געפיהלען,

אידעאלען און גלויבען פאן זיין אלטער היימאטה; עס האט פאן איהם ארויסגע־צויגען דעם גאנצען זאפט פאן זיין הארץ, פאן זיין נשמה, און האט איהם איבער־געלאזען א פערדארטע בעשעפניס, ניט איד, ניט גוי! וויע דער נביא זאגט: אפרים בעמים הוא יתבולל, אפרים היה ענה בלי הפוכה! (הושע ז. ח.) דער איד וועו ער פערמישט זיך צווישען דיע פעלקער, פערבלייבט ער וויע איין אונ־איבערגעקעהרטער קוכען, (אין אויווען) פערברענט אויף איין זייט, און ראה אויף דער אנדערער! שפעטער אהין, ווערט ער א מעמבער אין א שוהל, א ברודער אין אידישען לאדזש, ער מישט זיך אין קהל׳שע זאכען, לאזט זיך קאסטען פיר אלע אנשטאלטען, און איז א איד אויף א שטונדע, שבת אין שוהל: צו הויזע אבער איז זיין געשעפט אפען, און פאן שבת איז דארט ניט צו זעהען אויף א האאר. אין בעסטען פאלל גייהט ער אין שוהל פרייטאג נאכט און האלט דעם אנפאנג פאן שבת, מיט דיע מאהמאדאנער, אם פרייטאג, דיע ענדע פאן שבת, מיט דיע קריסטען אם זאנטאג; דער גאנצער שבת איז בייא איהם אויסגעריסען, און חיפט עס איבער אין גאנצען! דיע קינדער פאן אזא פאמיליע וועלען שאן שפע־טער האלטען דעם גאנצען שבת אם זאנטאג; אזא הויז מוז מיט דער צייט אין גאנצען אבשטארבען פאן אידען.—

13.

דיע נאכלעסיגקייט פאן שבת, און זיינע פאלגען.— אזוי ליידעט דער שבת היער אין אמעריקא זייער פיעל, און דער חלול שבת איז זייער גרויס, פרייא און אפען איבעראל; און אונזערע ברידער ווערען זא קאלט, זא גלייכגילטיג, דאס זייא דיינקען שאן גאר ניט וועגען חלול שבת אלס א פערברעכען. זאגאר דיע פרומע העלפען אויסערוויילען בעאמטע אין א שוהל, לייטע וואס האלטען ניט פאן שבת, און מאן נעהמט אויף אלס מעמבערס אויך אזעלכע, נור זייא זאלען געבען א טאלער; דען אלעס איז ביזנעס היער, און א שוהל האט אויך דעם זעלבען צוועק. אזוי זינקט דאס יודענטהום היער פאן יאהר צו יאהר, און דער אידישער גייסט ווערט העכסט פערצווייפעלט, און דיע טרייע קינדער פאן פאלק קוקען מיט הארצווייהע אויף וואס עס קומט פאר און קענען ניט העלפען; זייער שטימע רופט אין דער מדבר און קיינער הערט ניט.

זייערע ווערטער ווערען פערשפאטעט און ברייננגען קיינע נוצען; און דיע אידישע פארשטייהער, אום ניט צו שאדען זייער אייגנע אינטערעסען, מאכען זיך ניט ווימענדיג! —

צום בעדויערן, פערגעסען אונזערע ברידער דאס, דאס אידישע פאלק איז ניט גלייך צו אלע אנדערע: אנדערע פעלקער, ווען זייא וויסען ניט וויע צו לעבען, וויע זיך אויפצופיהרען, ווען זייא ווערען קאראפטירט און זינקען אין פערדארבענהייט און אונוויסענהייט — שטארבען זייא אב מיט דער צייט אין גאנצען אלס נאציאן, און ווערען אבגעמעקט פאן דער פאמיליע פאן פעלקער; פאן מאנכע אזעלכע פעלקער איז שאן זאגאר פערלארען געגאנגען זייער אנדיינקונג פאן דער וועלט'ס געשיכטע. און זייער נאמען איז שאן לאנג פערגעסען געווארען. מיט אידען אבער קען אזא פאלל ניט פארקומען: אידען זיינען איין עוויגעס פאלק, און קענען ניעמאלס אונטערגייהן, זא וויע איך שרייב אין אנדערע פלעצער פאן דיזער ווערקע. דאפיר אבער, ווערען אידען אימער העכסט בעשטראפט פיר יעדעס פערזעהען, פיר יעדער פאלקס פערברעכען, פיר יעדעס אבטרעטונג פאן זייערע געזעצע און לעהרען, פיר יעדער אטענטאט צו ערוויטערן זיך פאן זייער אייגנע טראדיציאנען און פערמישען זיך מיט זייערע שכנים פאן ארום. דאס פארזעהונג גאטעס האלט זייא אימער מיט א שטרייגנע מאכט און לאזט זייא וויט ניט אוועקגייהען, וויע דער נביא זאגט; והעלה על רוחכם היה לא תהיה, אשר אתם אומרים נהיה כגוים ... חי אני אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם. (יחזקאל כ, לב, לג.) דיזע בעהויפטונג איז בעשטעטיגט הונדערטע מאהל אין דער תורה און בייא אלע נביאים, און מיר זעהען עס פאקטיש אין דער לאנגער היסטאריע פאן דיע טויזענדע יאהרען פאן אונזער עקזיסטענץ. עס איז וואהר דאס דיע פארזעהונג האלט ניט אב זינדיגע מאססען פאן אבשטארבען פאן אונזער פאלק; זייא זיינען אבער בלויז איינצעלע פערזאנען, דער גאנצער שטאם אבער פאן פאלק קען ניט אונטערגייהען, ער קריגט בלויז גוטע קלעפ ווען ער פיהרט זיך ניט גוט אויף, ביז עס ברייננגט איהם צוריק אויף א גוטען וועג. — ווען מיר זעהען, דארום, דאס זא פיעלע פאן אונזערע ברידער אין דיזען לאנד, האבען אפען פערוואָרפען דעם שבת, און גיעבען ניכטס דארום, מוזען מיר, צו אונזער בעדויערן, זיין זיכער, דאס עס ווערט ניט פערשווינגען ווערען, און דאס דיע שטראפע גאטעס ווערט אונז העכסט פערפאלגען, זאגאר אין דיזען פרייען לאנד אויך; גאט קען אונז דא אויך געפינען!—

און נאר פלוצלונג קען קומען דער שרעקליבער טאג! און דיע זאגנע וועט

פינסטער ווערען אין מיטען הימעל, און אונגליקען וועלען ערשיינען אונערוואַרטעט; און דיע אויגען וועלען ווערען דונקעל, און דיע הערצער וועלען קלאַפּען, און שרעק און ציטערנים וועלען בעדעקען אלע געזיכטער; און דער שטאָלץ פאַן דיע רייכע ווערט ברעכען, און דער מוטה פאַן דיע „חכמים" ווערט זינקען; און רייכטהום ווערט קיינעם ניט העלפען, און באַנק־ביכער וועלען בלייבען נוטצלאָז. א טאָג פאַן צאָרן און גרים, א טאָג פאַן שטראָפע און ראַכע — ווען גאָט רופט אַרויס זיינע אַרמעען, און ערלויבט זייא, אויף א קורצע צייט, צוטאָהן זייער וואונש. און גראַדע אם שבת מאָרגען נעהמען זייא זיך צו דער אַרבייט, און מאַכען זיך לוסטיג אין דעם אידישען געגענד, און זעטיגען דאָרט זייער לוסט און האַס. און באַלד ווערען בעפאַלען אידישע געשעפטען: דיע וואַארע ווערט געפּלינדערט, צוריסען און געטראָטען מיט דיע פיס, דיע „פּיקסטשורעס" צובראַכען, צו האַקט און געמאַכט א באַרג אַש; אין דיע הייזער געמערדערט געשלאַגען, פרויען געשענדעט און קליינע קינדער צערשמעטערט; דיע צ־ערונג צו רויבט, דיע מעבעל פערניכטעט, דיע קליידער צושניטען, און דיע פעדערן אַרויס געלאָזען אויפ'ן ווינד··· ווער עס שטעלט זיך אַנטקעגען ווערט דערשטאָכען, ווער עס הויבט א האַנד קריגט מיט איין אייזען איבער'ן קאָפּ, ווער עס פערטהיידיגט זיך ווערט צו האַקט אויף שטיקער, און ווער עס בעהאַלט זיך נייהט קוים אַרויס א לעבעדיגער.... אין סטריט איז געשרייען פאַן מעננער, ליאַרעמס פאַן פרויען, געוויינען פאַן קינדער, און קרעכצען פאַן דערשלאַגענע.... דער באָדען אין פולל מיט וואַארע, מעבעל און געשיר, מיט טוידטע און פערוואונדעטע... מענשען לויפען היען און הער, מיט פערבלוטיגטע געזיכטער און צוריסענע קליידער, און זוכען מעננער, פרויען, קינדער, פריינד און פערוואונדעטע.... פּאָליצייא האַקט רעכטס און לינקס, באַנדיט און אונשולדיגען, רויבער און אָפּפער, און טוהט גאָר ניכטס אויף.... פּאַטראָללוואַגען לויפען אין אַלע זייטען, און פאַנגען אָהנע אונטערשיעד.... דער „מאָב" ווערט גרעסער, דער טומעל שטאַרקער, און דיע פערניכטונג אלס מעהר.... אַנהייגגער פאַן דער רעליגיאָן דער ליעבע קוקען גלייכגילטיג אַן, מאַנכע שמייכלען צופריעדען, און מאַנכע מורמלען אין דער שטילל: דאַמים גוד פאָר דהי שינים!.... און דאָ ברעכט אויס פייער פאַן פיעלע רואינירטע הייזער.... דיע אונגליקליכע שרייען ביטערליך: רעטעט!.... פייער־אינזשינס פליהען שנעל, פאָהרען איבער בערג פאַן רואינען, הויפענס פאַן טוידטע, און געדריינגע פאַן לעבענדיגע.... דיע מאַשינען קנאַללען, פונקען שפריטצען, און פייער און וואַסער, פלאַמען און רויך, ווערען פערמישט אין

אייז געדיכטע מאססע, און פערפינסטערט דיע ליכט· און פערשטיקט דיע לופט, און דער גאנצער געגענד ווערט פערוואנדעלט אין כאאס פאן רואינען און צערשטערונג !— שפעט אין אבענד, קומט אן א קאמפאניע פאן מיליץ, געאר־דערט פאן גאווערניער, דורך דיע ביטטע פאן רייכע יהודים, צו מאכען „ארדנונג”. זייא רינגלען ארום דעם „פלאטץ פאן אונרוהע”, צו היטען וואס איז שאן לאנג פערניכטעט· דיע באנדיטען זיינען שאן פארהער צו לאפען, און קיינער ווערט ווען געבראכט ווערען צום גריכט· עס ווערט שטילל צווישען דיע חרבות, פעראונ־גליקטע בעווענען זיך לאנגזאם היער און דארט, מיט זייערע גערעטעטע פעקלאך נאך דיע צורויבטע און פערברענטע הייזער, און יאמערן ביטטערליך אויף זייער חרבן— עס קומען אן וועגען מיט ברויט און קליידער — שנעלל צוזאמען געקליבען אונטער דיע ארומיגע אידען — עס ווערט פערטהיילט אונטער דיע ליידענדע, און פערזארגט, טעמפאראר, מיט וואס איז נעטהיג· דיע טוידטע ווערען צוזאמענ־גענומען, און אבגעפיהרט צום פריעדענהויף, דיע קראנקע און פערוואונדעטע אב־געשיקט נאך דיע האספיטעלער, דיע סטריט ווערט „קליהר”, און אטוידטע שטיל־קייט הערשט דיע גאנצע נאכט— מארגען פריה ווערט בערופען א „מאס־מיטינג” פאן אלע אידען און פיעל „סימפאטהישע” קריסטען, דיע פרעססע העלפט אויך מיט, עס ווערט „אויסגעדריקט” פערדרוס אויף דעם צופאלל, און פערדאמונג פיר דיע שטיפטער, און טויזענדע טאלערס ווערען צוזאמענגעקליבען; דיע רואינירטע ווערען אויסגעהאלפען נאך זייער צושטאנדע און שאדען, דיע געשעפטען ווערען גיעפנט, דיע הייזער געפיקסט, אלעס בערוהיגט זיך, און מיט דער צייט ווערט אלעס פערגעסען, און ווערט צוריק וויע געוועזען !—אזעלכע אנפעללע וויעדרהאלען זיך אבער אפט און אין פיעלע פלעטצער, אידען ווערען פעראראעמט און ניעדער־געשלאגען, און געפינען אויס, מיט הארצוויה· דאס זייערע שכנים, וועמען זייא האבען לאנג נאכגעטאנצט, און וועמען זייא האבען אלעס געטאהן אום זייא צו געפעלען, ליעבען זייא ניט, נאך אלעם דעם, אזוי שטארק, און גארען גאנץ ווייניג נאך זייער קאמפאניע; מאן גיבט זייא גאנץ דייטליך צו פערשטעהען דאס אלטע געשרייע: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו!” און מאן זאגט זייא אפען: „לך מעמנו כי עצמת ממנו מאוד!.” און אידען פאנגען אן זיך לאנגזאם ציהען צוריק, צוריק צו זייער אייגענעס, צו זייער נאציאנאליטעט, צוריק צו דער אלטער תורה, צו דיע פרומקייט פאן א מאהל. אט דיע תורה וועלכע האט אידען דורך געפיהרט דיע טויזענדע יאהרען און האט זייא אבגעהאלטען פאן אונטערגייהן,

און יודענטהום פאננט אן ווידער צו בליהען, אידישע געזעצע ווערען צוריק אבגע־היט, דער יוגענד ווידער ערצויגען נאך דעם אלטען אידישען גייסט, און מיט זייא צוזאמען ווערט אויך דער שבת ווידער פערהייליגט און ריכטיג אויפגעפאסט, וויא אין דיא גוטע צייטען פאן א מאהל!—

דאס אויבענבעשריבענעם בילד איז ניט קיין טרוים אדער פאנטאזיע! עס איז ליידער צו גוט בעקאנט אין אונזער גרויסער היסטאריע; און דיזעס בילד האט זיך שאן טויזענדע מאהל ווידערהאלט אין אלע צייטען און אלע פלעצער, זינד אידען וואהנען אונטער פעלקער, אין פערשידענע פארמען און מעהר אדער וויני־גער איינצעלהייטען. און ווער נור עס האט א טיעפע אויג צו בעטראכטען וואס עס קומט פאר מיט אונזער פאלק, מוז צוגעבען מיט אונזערע נביאים, דאס אלעס פאסירט דורך גאטטעס פארזעהונג; דאס אלע שטראפען און פלאגען וואס אידען ליידען, האלטען זייא ווירקליך אב פאן פערמישען זיך מיט אנדערע פעלקער, און אבשטארבען אלס איין בעזאנדערעס אויסערוועהלטעם פאלק. ווען אונזערע שכנים זאלען אונז גאנץ אפט ניט דערמאנען, דורך קלעפ און פלאגען, דאס מיר זיינען אידען, וואלטען מיר זיך שאן לאנג געהאט פערגעסען אן אונזער שטאם און אונזער מיסיאן, און דער נאמען ישראל וואלט לאנג שאן געוועזען אזאבע דער פערגאנ־גענהייט; „חי אני אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם!"—

אין דיזען הינזיכט, קען מאן דיא אלע פעלקער, פאן וועלכע אידען ליידען, מיט רעכט אנרופען „שומרים" אדער „שומרי החומות", דיא וועכטער, וועלכע, אונוויסענד, בעשיצען דיא מויערן פאן יודענטהום, פאן אונטערגאנג. און אבוואהל זייא טוהען עס אויס האס און פיינדשאפט, און גאנץ אפט מיט דאס העכסטע אונערבארמדיגקייט און ברוטאליטעט, דאך זיינען זייא, נאך אלעס, בלויז דיא וואפען פאן גאט, אום אויסצופיהרען דיזען צוועק. און וויא העכסט סאטיריש בע־קלאגט זיך דער נביא: הוי אשור שבט אפי! (ישעי' י, ה.) אה, דיא שאנדע דערפון, דאס אשור זאל זיין דיא רוט פאן גאטטעס צארן!— נאך דיזען זינן, קענען מיר עטוואס בעגרייפען דיא פראכטפאללע ווערטער פאן הייליגען פאעט אין שיר השירים— דיא פאעמא דער ליעבע צווישען גאט און ישראל—: „אני ישנה ולבי ער..." גאטטעס נעליעבטע שלאפט איין מאנכעס מאהל, זיא פערגעסט זיך אן איהם; איהר הארץ אבער, איהר זינען, איהרע נעדאנקען זינד וואך, צו אלע וועלטליבע זאבען..... „קול דודי דופק, פתחי לי..." דאך, מאנכע מאהל קלאפט אן דאס גאטהייט, און וועקט, עפנע, מיין טהייערע!... „פשטתי את כתנתי איככה

אלבשנה!..." זיע פוילט זיך אבער: „איך האב שאן אבער זא פיעל פאן יודענ-טהום ארונטער געצויגען, איך בין שאן מעהר ציוויליזירט, מיט אלע נייע פעלקער צו גלייך; וויע זאל איך דאס אלטע צוריק אנציהען, יעצט אין דעם 20־טען יאהר־הונדערט?!"... „רחצתי את רגלי, איככה אטנפם?!" איך האב שאן זיך אבגע־וואשען פאן אלטען שמוטץ, בין שאן אייראפעאיש געקליידעט און פערפוצט מיט כייטען גלייך; איך עס מיט זייא, שפרעך מיט זייא און לעב מיט זייא גלייך... וויע קען איך זיך בעשמוצען מיט דיע פערצייטיגע אבגעלעבטע געוואהנהייטען?!..." „דודי שלח ידו מן החר..." אין אזא צושטאנדע, ווען אידען זיינען פערשלאפען, לאזט גאט אב זיין מאכט, זיין השגחה, פאן טהירלאך, דורך וועלכען ער גיבט אכטונג אויף ישראל, וויע ער זאגט אויבען: משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים... „ומעי המו עליו... קמתי אני לפתוח לדודי, ודודי חמק עבר..." און אבוואהל דאס געוויסען פלאגט א מאהל, און אידען דערמאנען זיך, עפנען, און זוכען גאט... אבער גאט איז דאן ווייט...וויע דיע תורה זאגט: והסתרתי פני מהם, והיה לאכול, ומצאוהו רעות רבות וצרות, (דברים לא, יז.) „נפשי יצאה בדברו..." ווען ער האט גערעדט צו מיר, האב איך זיך געמאכט ניט וויסענדיג... „בקשתיהו ולא מצאתיהו, קראתיו ולא ענני..." יעצט זוך איך, און געפין איהם ניט, איך רוף און ער ענטפערט מיר ניט... וויע דער משורר זאגט: יען קראתי ותמאנו... גם אני באידכם אשחק... אז יקראונני ולא אענה, (משלי א, כד-לא) „מצאוני השומרים הסובבים בעיר, הכוני פצעוני..." דאן בעפאלען מיר דיע „וועכטער", דיע, וואס שלעפען זיך ארום איבערן שטאדט, דיא בופקעס, דיע בושאקעס, דיע לויפערס און דיע ליידיג גייהערס, און מערדערן מיר, ברוין און בלאה... „נשאו את רדידי מעלי שומרי החומות..." רויבען אוועק פון מיר אלעס וואס איך פער־מאג, און שטעלען מיר בדלות, דיע וועכטער פאן דיע מויערן"...!

וויע גאנץ אנדערש שטעלט פאר דער זעלבער פאעט איין אנדערע סצענע, איין בעגעגנים פאן ישראל מיט דיע „שומרים", אבער מיט איין אנדער קאנזעק־ווענט (שיר ג, א-ד): „על משכבי בלילות, בקשתי את שאהבה נפשי..." אויף מיין ארעמען געלעגער, און דיע גלות לענדער, וואו מיר איז פינסטער אין דיע אויגען און ביטער אויפ'ן הארצען, זוך איך מיין געליעבטען... „בקשתיהו ולא מצאתיו..." איך זוך, איך קען איהם אבער ניט געפינען; ער איז ווייט פאן מיר, דורך מיינע זינד...! „אקומה נא ואסובבה בעיר בשוקים וברחובות, אבקשה את שאהבה נפשי, בקשתיו ולא מצאתיו..." איך דיינק ביין ארומשלעפען זיך אין שטאדט, ביין

ארומלויפען טאג און נאכט אין ביזנעס, אויפ'ן מארק, צו געפינען גאטט, צו זיין נאהענט צו איהם... דא איז אבער ניט דער פלאטץ... איך זוך אומזאנסט, און געפין איהם ניט...! „מצאוני השומרים הסובבים בעיר, את שאהבה נפשי ראיתם ? !...” עס טרעפען מיר דיע „וועכטער”... זייא קוקען קרום אויף מיר... איך פרעג זייא אבער וועגען גאטהייט: איהר פרעטענדירט דאך צו זיין דיע ריכטיגע גלויבינע, זאגט מיר וואס איהר ווייסט... (דיע „וועכטער” בעפאלען שאן ניט מיט מארד און רויב, זייא צייגען זיך שאן אין א גוטער לוינע, און ערווארטען צו פאנ־גען אידישע נשמות...) איך זעהע מיר אבער ארום, איך האב מיינע אייגנע צו פרעגען, איך האב גענוג גרויסע מענער וועלכע האבען מיר געלעהרנט וויע צו זיין נאהענט צו גאטט... „כמעט שעברתי מהם עד שמצאתי את שאהבה נפשי...” ווען איך גייהע נאר אוועק פאן זייא, ווען איך ציהע מיר צוריק פאן וועלטליכע געשעפטען, אדער נאכטאנצען דיע „וועכטער” און לערנען גאטהייט פאן זייא... ווען איך נעהם זיך צוריק צו מיין אלטע לעהרע, און בעקלייד זיך ווידער מיט מיין גייסט פאן א מאהל... דאן געפין איך באלד מיין געליעבטען... „אחזתיו ולא ארפנו, עד שהבאתיו אל בית אמי ואל חדר הורתי...!” איך האלט זיך אן איהם פעסט, ביז איך קום צוריק צו זיך זעלבסט, צו מיין אייגנע נאציאנאליטעט, צו מיינע איינגעריכטע לעהרען און טראדיציאנען... דאן פיהל איך זיכער, דאן בין איך ווידער גליקליך !...—

ניעבע גאטט, דאס אונזערע ברידער, היער אין לאנד, וועלכע האבען זיך איבערגעבען צו דיע „שוקים ורחובות”, און זיך אבגעלאזען פאן יודענטהום, און טאנצען נאך דיע „שומרים”, און לערנען פאן זייא גאטהייט, אט דיע אונזערע ברידער זאלען זיך צוריקקעהרען צו זייער נאציאן, און ווערען טרייע קינדער צו זייער פאלק, דאן ווערט אנזער ״געליעבטער״ אויך זיין נאהענט צו אונז, און וואבען און שיצען אונז פון דיע שטראמען פאן צייט... און יודענטהום וועט אויפ־בליהען אין דיזער פרייער לאנד, און דויערן אויף יאהרען לאנג, צור עהרע און זעגען פיר כל ישראל, אין אלע לענדער, מעתה ועד עולם, אמן !

ישראל

— א ווערק —

וועלכע אפעלירט צום אידישען פאלק אין נאמען פאן
נאט פאן ישראל

— ענטהאלט —

ערהאבענע פארטרעגע וועגען פיעלע געגענשטענדע פאן
יודענטהום

נייסטינע שפייזע

פיר אלע קלאססען פאן פאלק

דריטער טהייל.

— ישראל בין העמים —

פאן

א פריינד פאן ישראל

א. י. בוך

1912—ניו יארק

דרוק פון א. ח. ראזענבערג, 131 הענרי סט. ניו יארק

צוא דיא לעזער.

דיזער באנד **ישראל בין העמים** איז דער דריטער טהייל פאן מיין גרויסע ווערק אונטער דעם נאמען פאן **ישראל**, און ער ענטהאלט וויכטיגע רעדען וועגען דעם לאנגען וואנדערן פון אונזער פאלק אונטער דיא פעלקער, דיא ערשטע וואנדערונג פון אונזער פאטער אברהם „אל הארץ אשר אראך", דיא עוויגע שנאה צו אונזער פאלק, אססימילאציאן — קיין היל־פע פיר אונז, פרייהייט פערדארבט אונזער פאלק אין אלע לענדער. דיא פיער ברכות צו אונזער פאטער, פיער פעריאדען אין לעבען פאן זיינע קינדער, גליקליכעס צוקונפט פאן דער מענשהייט, מיט ישראל אן דער שפיצע.

פערפאסער.

ישראל בין העמים.

דאס אידישער מוזעאום. — ראשית הידיעה שתדע את עצמך. — לך לך מארצך... אל הארץ אשר אראך. — בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו.— דיע פעלד פאן טהעטיגקייט צו קליין. — דיע גאבען פאן זא איין פערזאן; זיין פרויא. — וירא אליו ה' באלני ממרא וגו'. — כל מה שאירע לאבות סימן לבנים, — הנה א־צי לפניך... לך מעמנו כי עצמת ממנו מאוד. — דיע אידישע געשיכטע ווידערהאלט זיך. — הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו. — פאגראמען אויף אידען אין דען מיטעל עלטער, — אידען מוזען וואנדערן פאן אדאפּטירטע היימאטען. — גייה! אל הארץ אשר אראך! — מיר קענען זיך ניעמאלס אויסגלייכען מיט אונזערע שכנים. — דיע „חכמים'ס" עצות צו לעזען דיע יודען־פראגע. — חי אני אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם. — אסימילאציאן, קיין מיטעל געגען יודען־האס. — צו פיעל פרייהייט פערניכטעט דאס יודענטהום. — פאפּאשא! ראזווע אי מי יעווראי? — ואעשך לגוי גדול.... — אייראפא אנערקענט יודענטהום אלס אונצערשטערבאר. — דיע פעריאדע פאן ואברכך, — דער ואגדלה שמך בעניגט שאן, — והיה ברכה, דאס גליקליכע צוקונפט. — אנצייגונג אויף דעם אידישען מיסיאן. — פאלקאמע צושטנדע דער פעלקערן דורך ישראל. — דער זעגען, איינע עוויגקייט. —

מיינע פריינדע, איהר זייט אלע וואהרשיינליך איינגעוואנדערטע אין דיזען לאנד, איהר קאמט פאן פעדשיעדענע געגענדען, מאנכע אויך פאן גרויסע שטעדט פאן אייראפא, פיעלע פאן אייך האבען געוויס געזעהן דיע גרויסע מוזעאומס פאן דיע הויפט שטעדט פאן אייער אלטע היימאט. איהר האט געזעהען דיע רייבּטהימער פאן דיע אנטיקען פאן דער וועלט; דיע גרויסע שטאטוען מיט דיע קינסטליכע דיינק מעהלער, וועלכע שטעלען פאר דיע געשיכטע פאן דיע אלטע צייטען פאן דער לאנד, וואס גרעסער דיע שטאדט, אלס גרעסער איז איהר מוזעאום, אלס רייבער איז דיע קאלעקציאן, אלס וואונדערבארער דיע פערשיעדענע ארטיקעלן וועלכע געפינען זיך דארט, אלס מעהר פאלקאם דיע קאפּיטעלן פאן היסטארישע בעגעבענהייטען, וועלכע זינד אויסגעקריצט אויף דיע שטיינערנע און מעטאלענע מאנומענטע, וועלכע צייגען אין לעבענדיגע פיגורען וואס עס

האט א מאהל פאסירט. — דיע נאציאנאלע מוזעאומס אין א לאנדאן, פאריס, רוים און דאס גלייכען שטייגען הונדערטע מאהל איבער דיזע פאן דיע פראווינ־ציאלע שטעדט. דארט געפינט זיך שאן בילדער פאן דער גאנצער געשיכטע פאן יענע לענדער, דארט קען מען לעזען, וויע אין א בוך, דיע היסטאריען פאן גאנץ אלטע צייטען פאן זייער עקזיסטענץ, און מיט דער הילפע פאן דאס אנצייגונגס־בוך קענט איהר זעהן יעדע וויכטיגע פאסירונג אין דיע פערשיעדענע פעריאדען פאן דער פערגאנגענהייט. — וואס עלטער און גרעסער אלאנד איז אלס רייכער זיינען איהרע מוזעאומס אין דיינקמעהלען פאן איהר אלטערטהום, אלס טהייע־רער זיינען זייא בייא דיע איינוואהנער, און אלס מעהר בעליעבט און בייגאהע פערגעטערט בייא דיע קינדער פאן יענע נאציאן. —

האבען דיע ווילדע נעגער שטאמען אין דער פינסטערע אפריקא אויך מוזעאומס? האבען דיע בארבארישע איינוואהנער פאן דיע מאלאען אינזעלן אויך דיינקמאהלען פאן זייערע אלטע צייטען? ניין! דיזע פיה אין מענשען געשטאלט האבען קיין פערגאנגענהייט; זייא וויסען זאגאר ניט ווער זייא זיינען, פאן וועלכע אלטע פעלקער זייא קאמען; זייא גיבען גאנץ ווייניג אום וואס זייא וואָרען א מאהל, און האבען אויך קיין בעגריף פאן דאס ווערטה פאן דיע אלטע נאצי־אנאלע אנדיינקונגען. —

יעצט, מיינע פריינדע, איז דיע פראגע: מיר אידען זיינען א נאציאן וועלכע איז טויזענדע יאהרען עלטער פאן אלע אייראפייאישע נאציאנען; אונזער היס־טאריע איז זאגאר גרעסער אלס יענע פאן עקזיסטירענדע אזיאטישע פעלקער; אונזערע טויזענדפאכיגע בעגעבענהייטען שטייגען איבער אלע נאציאנען פאן דער וועלט צוזאמען. וואו איז דען אונזער מוזעאום? וואו זיינען אלע מאנומענטען פאן אונזער גרויסער און רייכער היסטאריע? האבען מיר קיינע? זיינען מיר נאך ערגער פאן דיע ווילדע אין אפריקא? האבען מיר קיין זעלבסט רעספעקט פיר זיך און געגען דער גאנצער וועלט? אבער ניין! מיר האבען יא דעם גרעסטען און רייכסטען מוזאום אין דער וועלט! אונזער מוזעאום איז אבער אזוי גרויס דאס קיין בעגרענצטער פלאטץ קען איהם ניט ענטהאלטען; און דארום, בייא גאטטעס פארזעהונג איז ער רעדוצירט געווארען אין א קליין פארמאט פאן בלויז ווערטער, און פאן דיזע ווערטער איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אונזער הייליגע ביבעל; יעדער ווארט אין דיזען בוך איז א שטאטוע, יעדער זאטץ איז א מאנומענט, און יעדער פערז איז א בילד! נאך מעהר, אונזער מוזעאום ענט־

חאלט אין זיך ניט נור בלויז אלטע בילדער פאן דער פערגאנגענהייט, עס ענט־האלט אויך אלע בילדער פאן אידישען לעבען אין יעדער געגענווארט, און אויך פאן אלעס וואס וועט פארקומען אין דער צוקונפט! האט וועלכע נאציאן אויף דער וועלט בילדער פאן איהר צוקונפט? ניין, דאס קען קיין פאלק ניט פראדוצירען; קיינע קען מאכען אירגענד וועלכע אנשפרוך אויף איהר צוקונפט, אויסער ישראל. ישראל איז איין עווינקייט, און, פערגאנגענהייט, געגענווארט, און צוקונפט איז בייא דער עווינקייט איינס! —

דיזער אונזער גרויסער מוזעאום איז אבער זא טיעפזיניג, זא רעטזעלהאפט, זא פערהילט אין איינפאכהייט, דאס בלויז אייניגע קענען דאפאן וואס בעגריי־פען, און אויך דאן, ווען זייא בעזיצען דען מיסטירישען שליעסעל דאפאן, דען גרויסען ים תתלמוד מיט אלע מדרשים, דאן קענען זייא פרובירען אריינגייהען אין דיע געהיימע צימערן פאן אונזער מחאום, און ווער עס איז ווירדיג, וועט בע־געגנען ליכט אויף זיין וועג, און וועט זעהן וואס דארין, וויע אונזער הייליגער משורר האט געבעטען: גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך, — און היערמיט דאנ־קע איך דעם חונן לאדם דעת פיר דאס ליכט וועלכע חאט אויף מיר ערשיינט. אבוואהל איך בין גענצליך אונווירדיג, און איך האב איין אהנונג בעגריפען פאן אייניגע בילדער פון אונזער גרויסען מוזעאום. און עס פרייהעט מיר דיע זעלבע אן דיע לעזער איבער־ צוגעבען. —

אגרויסער פילאזאף האט א מאהל געזאגט: ראשית הידיעה שתדע את עצמך, דאס גרעסטע וויסענשאפט איז מען זאל זיך זעלבסט קענען. ווען א מענש קען זיך, און וויס זיינע פעהיגקייטען, קען ער וויסען צו וואס ער קען נוטצען און, אין וואס ער זאל זיין ערפאלגרייך. ווען אמענש קען זיך ניט, טאפט ער אין דער פינסטער, און געגענט אימער אן מיט שטרויכלונגען אויף זיין וועג. דיע זעלבע זאכע איז מיט איין איינציגען פערזאן און מיט אגאנצעס פאלק. ווען דאס פאלק זאל זיך גוט קענען און וויסען אלע זיינע פעהיגקייטען, קען ער מעהר נוטצען בריינגען אויף דער וועלט, און קען זיך אליין אויך מאכען גליקליך. אויך דיע אלטע בעגעבענהייטען און דיע פערגאנגענע געשיכטע פאן א פאלק מאכען אויף איהם פיעלע איינדריקע, און דארום איז עס נאטהווענדיג פיר דאס פאלק זייא צו וויסען אום זיך זעלבסט צו קענען. —

מיר וועלען היער בעשפרעכען אונזער אייגענען פאלק, אום מיר זאלען וויסען ווער און וואס מיר זיינען; עס וועט געווים אונז פיעלע נוטצען בריינגען.

מיר וועלען אנפאנגען מיט דען אנפאנג פאן אונזער געשיכטע, זעהען וואס מי קענען דאפאן פיר זיך לערנען.

מיר געפינען אין דער תורה: ויאמר ה' אל אברהם לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך. און גאטט האט געזאגט צו אברהמען: גייה זיך דיר פאן דיין לאנד, פאן דיין געבורט'ס פלאטץ, און פאן דיין פאטערס הויז, נאך דער לאנד וועלכע איך וועל דיר צייגען. ווען קינדער לערנען דיזע ווערטער אין חדר רופט עס ניט אויס פאן זייא קיינע אויפמערקזאמקייט, דען דיא קינדער זעלבסט קענען נאך אויך ניט גוט ריידען, זייא ווייסען זעלבסט ניט דיא רעגעלען פאן רהעטאריק, און פיר זייע איז גוט אט וויא עס שטייהט. ווען זייא ווערען עלטער, איז ענטוועדער זייא ווארפען אוועק דעם לערנען אין גאנצען, און גיבען גאר ניכטס דארום וואס אין דיא „אלטע ספרים" טהוט זיך, אדער זייא וואקסען אויס „חכמים" און לאכען זיך אויס דאפאן אין גאנצען, דיא וועלכע זיינען מעהר רעליגיעזיש געזאננען דיינקען אז עס שטייהט אזוי אין פסוק, דארף עס אזוי זיין: אבער גיבען זיך ניט דיא מיהע צו פערשטייהן וואס דא ליגט דארין.— גאטט הייסט אברהמען פערלאזען זיין פלאטץ און גייהן נאך פאלעסטינא, וויא עס צייגען דיא וויטערע פסוקים. וואס פיר א סארט שפראכע ווערט דא גענוטצט אין דיזען פסוק? וואצו איז דיא גאנצע מליצה: גייה זיך דיר פאן....? האט גאטט איהם ניט געקענט זאגען אין צוויי ווערטער גייה פאן היער נאך פאלעסטינא? און דער אל הארץ אשר אראך, איז נאך מעהר וואונדערבאר: ווארום זאגט ער איהם ניט באלד וואו ער זאל גייהן? וואס מעהר קאמיש דיזע ווערטער זעהען אויס אויבערפלעכליך, אלס מעהר צייגע אויף דיא געהיימניסע וועלכע זייא ענטהאלטען; זא וויא עס פאסט ווירקליך פיר דעם אנפאנג פאן ישראל'ס רייכע געשיכטע, מיר וועלען פראבירען פארשטעלען דיא ערהאבענע בילדער וועלכע ליגען דא פערשטעקט.—

„בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו", זאגט אונז דער תלמוד, צו דרייא יאהר האט שאן אונזער פאטער אברהם אנערקענט דאס גאטהייט. אין יענע יונגע פעריאדע דער מענשהייט, ווען דיא מענשען ווארען אונגעבילדעט און אונערפאהרען, דאן האבען זייא פערגעטערט אלע קרעפטע דער נאטור. יעדער שטאם און יעדע פאמיליע האט געהערט איין אנדער גאטט. יעדער האט געהאט זיין סימבאל צו וועלכען ער פלעגט בעטען, און ברייגגען אפפער אום צו ערווערבען גוטמיטהיגקייט דאפאן. קיינער האט ניט בעמערקט דיא הארמאניע פאן

דיע אלע קרעפטען דער נאטור, און פאלגליך, האבען זייא קיין אידעע געהאט פאן דעם צענטראל־קראפט וועלכע בעוועגט און רעגוגירט אלס, אדער, דאס איינהייט פאן דיע וואהרע גאטטהייט. — אברהם אבינו איז געוועזען דער ערש־טער וועלכער האט דיזע אידעע ערפונדען, געוואהנליך וואר עס גאטטעס פינגער; און באלד דארויף האט ער אנגעפאנגען צו פערדאמען דיע דומהייט דער צייט, און האט אפען אונערשראקען ערקלעהרט זיין מיינונג און זיינע אידעען. ניט איין מאהל האט ער זיין לעבען אין געפאהר געשטעלט געגען דיע אונוויסענדע מא־סען און רעגירענדע קלאסען, זא וויע דער תלמוד דערציילט, דאס נמרוד, דער דאמאלינער קעניג, האט געהייסען איהם ארייגווארפען אין א ברענענדען קאלך־אויוועז, אבער ער איז דאך ארויס אונבעשעדיגט. יאהרען לאנג האט ער אנגע־האלטען זיין פריידיגען; אבער דאס פעלד פאן זיין טהעטיגקייט און זיין געבורטס־פלאטץ וואר צו קליין און דארום האט איהם גאטט געהייסען ארויס גייהן אין דער גרויסער וועלט. פאלעסטינא וואר שאן דאן גוט בעזעצט מיט מעהרערע פעלקער, דיע פעניציער איבערהויפט האבען שאן דאן געפיהרט געשעפטען מיט גרויסע און וויטע לענדער, און ווארען מעהר טאלעראנט וויע אנדערע. אברהם האט אנגעפאנגען ארומרייזען דיע גאנצע לאנד, "הלך ונסע הנגבה", און וואו ער פלעגט זיך אבשטעלען מיט זיין נאמאדען־פאמיליע איז באלד „ויקרא בשם ה'", פלעגט ער שאן אנהויבען צו פראפאגאנדירען זיינע אידעען, און זוכען מעהר אנ־הייגנער. געוואהנליך מוז אזא פערזאן זיין בעגאבט פאן דער נאטור מיט אלע מעלות וועלכע קענען א מענשען מאכען אנציהענד אונטער זיינע מיט־מענשען, און ארויס רופען רעספעקט, עהרענפורכט און ליבע צו זיין פערזענליכקייט. ער דארף זיין פאן שעהנעם אנזעהען, געזונד אין געבויא פאן קערפער, גוט מיטהיג, גוט הערציג, נאבעל, מיט אזאנפטע שטימע, און איבערהויפט, זייער גאסט־פריינדליך, זא דאס דיע יעניגע וועלכע קאמען מיט איהם און בעריהרונג בליי־בען זיינע פריינד פיר אימער צו. אויך זיין פרויא מוז בעזיצען אלע גאבען וועלכע מאכען דען פרויען פערזאן רייצענד און אנציהענד. איבערהויפט, מוז זיע זיין גענצליך איינשטימיג מיט איהר מאנן, זיע מוז זיין געזאנען נאך זיינע אידעען, גלייך מיטהילפיג אין זיינע גוטע טהאטען, און אין אלגעמיין, זיין מיט איהם איינס און דאזעלבע. דאס אברהם אבינו און זיין געעהרטע פרויא האבען בע־זעסען דיזע אלע גאבען, זעהען מיר פאן דיע גוטע אויפנאהמע וואס זייא האבען בעקאמען איבעראל וואו זייא האבען זיך נור געפונען, קעניגע און פירסטען האבען

זייא נעהערט און נעשעצט, „הנה ארצי לפניך, בטוב בעיניך שב", זאגט אבימלך צו איהם, און דאס איינפאכע פאלק האבען איהם איינפאך פערנעטערט: „נשיא אלהים אתה בתוכנו". זאגאר פאן חרן האבען פיעלע מיט זייא מיטגעוואנדערט, „ואת הנפש אשר עשו בחרן" דיע זעעלען וועלכע זייא האבען צוגעצויגען צו זיך אין זייער אלטע היימאט, וויע שלמה הע"ה זאגט ולוקח נפשות חכם.

איין בילד פאן דען הערליכסטען פארבען שטעלט אונז דיע תורה פאר פאן דעם כאראסטער פאן אברהם אבינו וועלכער קען דינען אלס מוסטער פיר דער גאנצער וועלט. דער פסוק דערצעהלט: „וירא אליו ה' באילני ממרא, והוא יושב פתח האהל כחם היום, וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים, עליו וירא.." דיע אלע איינצעלהייטען וואס דיע תורה בעשרייבט דא זיינען אלע פערלען וועלכע זיינען נים אב צו שאטצען. אברהם אבינו זיצט ביים טהיר פאן זיין הויז, זיין הויז איז אויפ'ן מיטען וועג צו לאנד, דיע היטץ ברענט וויע פייער, ער זיטצט קראנ־קערהייט („יום ג' למילתו") און ווארט פיליכט וועט אנקאמען איין ארעמער, פערשמאכטער רייזענדער, אום איהם בעטען ער זאל אבשטייגען צו איהם צו הויזע און עטוואס געניסען, ער קוקט אויףביידע זייטען פאן וועג, קיינער איז נים זעהען... פלוצלונג, ער קוקט זיך אום, און דא שטעהען דריי מענער הארט בייא איהם! ער האט זייא נים געזעהן אנקומענדיג אויפ'ן וועג, (בעטראכט נור דיע אויסדריקע פאן וישא עיניו... נצבים עליו!) גראדע וויע זייא וואלטען פאן דער ערד ארויסגעשפרונגען! דאס מאכט דאך דיע זאכע זייער פערדעכטיג: וואו ווארען זייא פארהער? ווער זיינען זייא? און וויע פרעך זייא זיינען צו שטייהן זא נאהענט אונערווארטעט! אין אמעריקא זיינען מיר גאנץ גוט בעקאנט מיט אזעלכע הערען. פיליכט ווארען זייא ביז יעצט פערשטעקט הינטער זיין אייגנעם שטאל, און האבען אבגעווארט איין גוטע געלעגענהייט ווען ניעמאנד איז צו זעהען ארום, און ער איז אליין און אונבעוואפענט, און יעצט קאמען זייא איהם צו ער־מארדען, פאנגען זיין פרויא און בערויבען זיין פערמעגען, און מאכען איין ענדע פאן זיין קליין געזונד; זא וויא עס ווארט דיע מאדע איבעראל אין יענע צייטען! אבער דא קאמט דער כאראקטער פאן דעם וואהרען עהרליכען מאנן, וועלכער ווייס נים וואס שלעכטעס טוהן איז, און קען קיין פערדאכט האבען דאס מענשען קענען יעמאנד שלעכטעס טוהן, ריין און אונשולדיג וויא א קינד לויפט ער צו זייא מיט פריידע, ער פערנייגט זיך זייער העפליך און זאגט, ביטטע מיינע הערן, אב איך איהנען צום געפאלען בין, מיידען זייא נים אום זייער שקלאפען,

פעררוהען זייא זיך היער, און בייסען וואס צו, נאכהער גייהן זייא פערנע זייער וועג; טוהען זייע, ביטטע, מיר דאס געפאלען, ווען זייא יא זייער שקלאפען פער־בייא גינג! נאכהער וויע ער האט זייא איין שטיקעל ברויט צום געניסען פער־שפראכען, מאכט ער פיר זייא איין מאהלצייט וויע פיר פירסטען, ער אליין בע־דיענט זייא, און קוועלט צו זעהען וויע זייא עסען, און אלעס אומזאנסט, בלויז אויס גאסט-פריינדליכקייט! איז דאס ניט איין ערהאבענסטער בילד פאן דער אדעלסטער זעעלע אויף דער וועלט? האבען מיר אונטער מענשען נאך זעלכע בייי־שפיעלע, וויע אונזער פאטער אברהם וואר? קיין וואונדער וואס דער נביא זאגט „הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם!“ איז דען א וואונדער דאס זיין נאמען איז אדוים וויט און ברייט אין דער לאנד, אלס דער אדעלסטער מאנן אונטער מענשען? —

דיע גמרא זאגט: „כל מה שאירע לאבות סימן לבנים“, דאס איז א גאנץ הויכער געדאנקען, דורך וועלכען מיר קענען פערשטייהן פיעלע בילדער אין דער תורה. דאס הייסט, אלעס וואס דיע תורה האט געשריבען וואס עס האט פאַ־סירט מיט אונזערע עלטערן, וואר עס ניט געשריבען אלס געשיכטע פאן געוויסע פערזאנען, נור אלס בייאשפיעלע פיר זייערע קינדער, אין אנדערע ווארטען, דאס זיינען בילדער פאן דאס צוקינפטיגען לעבען פאן זייערע קינדער, וועלכע וועלען אויך מיט מאכען דיע זעלבע געשיכטען אין פערלויף פאן זייער לעבען אלס נא־ציאן. זא דאס אברהם אבינו און דאס גלייכען אלע אבות שטעלען פאר אין קליין פארמאט דאס בילד פאן אונזער נאנצער נאציאן. מיר וועלען באלד זעהען וויע ריכטיג דאס איז. — אברהם האט אנגעפאנגען זיין מיסיאן צו לערנען דאס מענשהייט דיע ריינע אידעע פאן אלוועלטליכע גאטהייט, און זיטטען־לעהרע, דאס איז אויך אונזער מיסיאן אויף דער וועלט! און, אויב מיר ווילען עס פראקטיצי־רען אדער ניט, מיר טהוען עס זא וויע זא. וויא איך רייד וועגען דעם אין ברייט אויף איין אנדער פלאטץ. — אברהם אבינו האט אומגעוואנדערט זיין גאנצען לעבען צו פראפאגאנדירען פיר דיזען מיסיאן, זא וואנדערן מיר אויך ארום אלס פאלק, איבער דער גאנצער וועלט, ביז דיזער מיסיאן וועט ערפילט ווערען. — אברהם אבינו נעהמט מען אויף אזוי שעהן, אין אנפאנג, וואו נור ער קאמט. אבימלך זאגט צו איהם: „הנה ארצי לפניך, בטוב בעיניך שב“, דא האסטו דיע גאנצע לאנד, קענסט וואהנען וואו דיר געפעלט; וויע שעהן, וויע גוטמיטהיג דאס איז. אין א פאאר יאהרע שפעטער אין דיע צייטען פאן יצחק, זעהען מיר

שאן איין אנדער בילד, ויאמר אבימלך ליצחק לך מעמנו כי עצמת ממנו מאוד, גייה זיך פאן אונז, דוא ביסט שאן א צוגרויסער יחסן פיר אונז! דער זעלבער אבימלך, דוכט זיך, דעם פאטער נעהמט מאן צו אזוי פריינדליך, דעם זאהן טרייבט מען אין גאנצען ארויס, ער גיבט ניט דארום וואו יצחק זאל גייהן ער מעג גייהן אין גן עדן נור בייא זייא ניט מעהר. פילייכט איז דיזער איין בילד וויניג, האבען מיר נאך איינס: פרעה זאגט צו יוסף „ארץ מצרים לך היא במיטב הארץ הושב את אחיך." גאנץ מצרים איז פיר דיר גיב אב פיר דיינע ברידער דאס בעסטע פאן דער לאנד, זייער שעהן! גראדע וויא אבימלך אין דיא ערשטע צייט! אקורצע צייט, שפעטער שטייהט שאן א נייער פרעה און שרייעט גראדע וויא אבימלך „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו!" אידען זיינען שאהן צו גרויס ארטיג, „הבה נתחכמה לו," לאמיר זעהן וואס מיר קענען טהון. און באלד דארויף וימררו את חייהם, מאן פערביטערט זייער לעבען מיט אלערלייא ארבייט... עס לוינט ניט אידען ארויסטרייבען ווען מען קען נאך ציהען נוטצען פאן זייא, נאכהער וועט מען זייא הייסען גייהן, אדער מען וועט זייא מאכען אזוי איינג דאס זייא וועלען אליין אנטלויפען. איז דאס בילד אריכטיגער בייא שפיעל פיר אידען? —

ווער עס האט געשטודירט אונזער געשיכטע וייס עס גאנץ גוט, דיזע פאקטען וועלכע האבען זיך ווידערהאלט טויזענדער מאהל אין אינזער לאנגען וואנדערן. ווען נור מען האט אידען ארויסגעטריבען פאן איין לאנד, האט זייא באלד איין אנדער לאנד אנגעבאטען דארטען זיך צו בעזעצען, ווען איין שטאדט האט זייא פעריאגט האט איין אנדערע זייא צו גענומען מיט א וועלקאמען. אין דיא צייטען פאן דיא קרייץ־ציענע ווען אידען האבען שרעקליך געליטען אין גאנץ אייראפא, האט דער סולטאן פאן מאראקא געעפנט דיא טהויערן פאן זיין לאנד פיר דיא ארעמע אידען, און האבען דארטען געלעבט יאהרען לאנג אין רוהע. ווען שפאניען האט געהערט צו דיא אראבער, האבען אידען דארטען געהאט א רוהיגע היימאטה. ווען מען האט אידען געטריבען פאן פראנקרייך, האט דער סולטאן פאן טירקייא געשיקט עקסטרא שלוחים אין פיעלע אידישע קהלות, און האט זייא זייער פריינדליך איינגעלאדען צו זיך אין לאנד. שפעטער האבען זייא זיך אויך בעזעצט אין מצרים, און האבען דארט געלעבט גליקליך, וויא עס איז יעדען בעקאנט דיא עהרע וואס דער רמב"ם האט דארט געהאט. ווען דיע פערפלוכטע שפאניען האט אידען ארויסגעטריבען האט זייא האלאנד און דייטש־

לאנד צו גענומען זייער פריינדליך, און קאזימיר דער פוילישער קעניג האט זייא עקסטרא געבעטען זייא זאלען זיך בעזעצען אין פוילען און האט אבגעשלאסען מיט זייא איין טראקטאט אין וועלכען ער גיט זייא אלע פרייהייט אין רעליגיאנס־זאכען און אין געשעפטס אנגעלעגענהייט, אום זייא זאלען ענטוויקלען דיא לאנד; און דיעזער טראקטאט איז אויסגעקריצט געווארען אויף איין קופערנעם טאפעל, און וועק געשטעלט אין קעניגליכען ארכיוו אין קראקויא, פיר איין עוויגען אנדיינ־קונג, זייער שעהן! גראדע וויא אונזערע אלטע בעקאנטע אבימלך און פרעה אין דיא צייטען פאן אונזערע אבות. א קורצע צייט שפעטער, הערען מיר שאן ווידער דעם אלטען געשרייא: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו.” „לך מעמנו כי עצמת ממנו מאוד”. אידען זייען צו פיעל, אידען זייען צו רייך, אידען זייען צו קלוג, אידען זייען צו פיעל געבילדעט, און באלד הערען מיר יאמער געשרייען פאן אונזער ארעמע ברידער אין אלע פוילישע און דייטשע שטעדט; דא בעפאלט מען אידישע שוהלען, מען צורייסט דיא ספרי תורות און מען טראמפעלט אויף הייליגע ספרים; דא פלינדערט מען אידישע הייזער און מען צו ברעכט און צו שטעכט אלעס וואס דארט געפינט זיך; דא פאלט מען אן אויף ארעמע שוטצלאזע אידען און מען מערדערט זייא אהן רחמנות, און דא פערם'מט מען אידישע קינדער, און דא שענדעט מען אידישע פרויען און טעכטער, און דא רענגט דיא גאנצע שטאדט מיט פעדערן פאן אידישע בעטגעוואנד, און דא צורייסט מען דיא וואארע פאן אידישע געשעפטען, און דא עפענט מען דיא קויפען פאן שנאפס און ווין אין אידישע שיינקען; דא פערקויפט מען אידישע יונגע מענשען צו שקלאפעריי און שאנדע; דא טראכט מען אויס דאס אידען סמ'ען ברונענס, דאס זייא גע־ברויכען גוי׳שע בלוט פיר מצה. און הונדערטע אידען ווערען צוריסען אויף שטי־קער לעבעדיגערהייט פאן דיא אויפגערייצטע מאסע, און צעהנדליגע אונשולדיגע אידישע פאמיליען צוזאמען מיט קליינע קינדער ווערען געשמיעדט אין קייטען און שמאכטען יאהרען לאנג אין דיא פינסטערע קערקערס: און דא בעשולדיגט דיא רעגירונג דאס אידען זיינען רעוואלוציאנערען, און לאזט אויף זייא ארויף דיא ווילדע מיליטער, און אידען ווערען געשלאכטעט וויא דיא לעמער מיט דיא גרעסטע אונערבארעמדיגקייט: און דא הייסט מען זייא אננעהמען דיא פינסטערע רעליגיאן פאן ליעבע, און הונדערטע אידען ווערען פערברענט אויפן שיטערהוי־פען אין מיטען מארק. און אידישע בלוט ווערט פערגאסען איבעראל, און דיא שעהנע פוילען און דייטשלאנד ווערען פערוואנדעלט אין שלאכט־פעלדער, פאן

אידישע קרבנות, און קיינער נעהמט זיך ניט אן! —

„הבה נתחכמה לו פן ירבה״, איז א בילד פאן וואס אידען האבען אויס־צושטייהן בייא דיא אונגעבילדעטע פעלקער, וואו מען זוכט אימער מיטעלן, זא גאר העכסט ברוטאליש, אום צו האלטען דעם אידען נידער, ער זאל חלילה זיך ניט פערמעהרען; אין מאנכע פלעטצער זאגאר וואר ניט ערלויבט איין אי־דישע פאאר פאלק צו הייראטען ביז איין אנדערע איז אבגעשטארבען, אידען האבען זיך ניט געמוזט פערמעהרן אין יענע בארבארישע לענדער, און דארט וואו נאך אלע מערדערייען און אויסשלאכטונגען האבען זייא דאך זיך פער־מעהרט, האט מען זייא אונערוואַרטעט אין גאנצען ארויסגעטריבען, נאכהער וויא דיא בארבארען ווארען מיעד געגען זייא צו שטרייטען, (ויקוצו מפני בני ישראל!) — דער לך מעמנו איז א בילד פאן עטוואס מעהר ציוויליזירטע לענדער; דארט וואו עס איז עפעס ניט שעהן אנצופאלען אויף אידען אין מיטען גאס און אויס־שלאכטען יונג און אלט, דאס פאסט ניט פיר א געבילדעטע צייט. אבער מען זאגט זייא לך מעמנו אין קלאהרע ווערטער, און מען גיבט דעם אידען צו פער־שטעהן אין טויזענדע וועגען דאס מען ליעבט איהם ניט, דאס מען וויל איהם ניט האבען, דאס מאן האסט איהם, דאס ער מעג זיך גייהן! בעטראכט נור דיא יעצטיגע קאנסטיטוציאנעלע לענדער וואו אידען האבען גלייכע רעכטע אויפ'ן פאפיר, מיט אלע בירגער צו גלייך! מיט אכערלייא אנטיסעמיטישע פלענער ווערט דער איד בערויבט טאג־טעגליך פאן זיינע רעכטע: קענן ער אויף קיין פאל בעטרעטען אירגענד וועלכע רעגירונגס־אמט; דיא פרעססע איז פול מיט אלע נידערטרעכטיגע העטצערייען געגען אידען; אימער מעהר ווערט דער איד פער־צאמט געגען אירגענד וועלכע מיטעלן צו מאכען א לעבען, און ווערט בעשריינקט אויף יעדען שריט; דא מאַטערט מען איהם ווענען שחיטה, דא ווענען בלוט פיר מצה, און דא ווענען פאליטישע צאנקערייען וואס דער איד קען קיינמאהל ניט יוצא זיין פיר דיא פערשיעדענע סעקציאנען; אין דיא דערפער איז דער איד זאגאר ניט זיכער מיט זיין לעבען, ער קען אירגענד וואו קיין רעכטע געפינען. און עס בלייבט פיר ן אידען קיין מיטעל בלויז אויסוואנדערן! איבעראל זעהט ער דעם טאדעס צייכען און הערט דעם טייפלישען געלעכטער: לך מעמנו! —

און אונזער ארעמעס פאלק האלט אימער אין וואנדערן פאן איין פלאטץ צום צווייטען און פאן איין לאנד צו דער אנדערער, און בלייבען אויף קיין ארט

ניט זיכער, מאנכעס מאהל בעזעצען זייא זיך אין א לאנד וואו מאן האט זייא געזאגט אם אנפאנג הנה ארצי לפניך, מאן האט זייא דארט שעהן צוגענומען, זייא פערמעהרן זיך דארטען און פערשפרייטען זיך און מיינען שאן גאר דאס דיא לאנד איז זייערע, מיט א מאהל קאמט א פינסטערער טאג, און מאן זאגט צו זייא לך מעמנו! און אידען מוזען גייהן, אב ניט גיבט מאן דיע טהייערע קלעפּ, אדער מאן מאכט זייא אזוי איינג דאס זייא מוזען אליין אנטלויפען. מאנכעס מאהל זעהן זיך אידען זיכער אויף איין פלאטץ וויל זייא זיינען דארט געבארען, און מיינען דאס זייא האבען דארט א רעכט אלס געבורטהס־פלאטץ, אבער דער לך מעמנו קוקט ניט אויף קיין רעכט, און מען הייסט דעם אידען גייהן ווייטער! אין מאנכע פלעטצער, פערלאזען זיך אידען דארויף דאס זייערע עלטערן האבען שאן דארטען געוואהנט הונדערטער יאהרען, און רעכנען זיך דאמיט זיכער, אבער גאר אונערוואַרטעט ניט דער לך מעמנו אדאנער שטימע, אונזערע ברידער ווערען ערשטוינט, מוזען נעהמען ווידער דעם וואנדער־שטאב, און גייהן ווייטער! —

דאס איז דאס בילד פאן לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, גאטט זאגט צו אברהם, דער עמבלעם פאן אידישען פאלק, גייה! וואנדער ארום איבער דער וועלט! דיינק ניט דאס דוא ביסט אירגענד וואו זיכער, גייה פאן דיין לאנד, קיין לאנד איז ניט דיינע, דיין געבורטה־פלאטץ איז פיר דיר ניט זיכער און דיע הויז פאן דיינע עלטערן קען דיר ניט שיטצען, לך לך! גייה! וואו הין זאל איך גייהען? אל הארץ אשר אראך, איך ווער דיר שאן ווייזען א פלאטץ וואו צו גייהען! דוא וועסט ניט פארפאלען ווערען אויף דער וועלט, וועט מען דיר טרייבען פאן פראנקרייך וועסטו גייהען נאך טירקייא, וועט מען דיר טרייבען פאן שפאניען וועסטו גייהן נאך האלאנד, וועט מען דיר טרייבען פאן איינגלאנד וועסטו גייהן נאך פוילען, וועט מען דיר טרייבען פאן רוסלאנד, וועסטו גייהן נאך אמעריקא! אבער מיין ניט אידעלע דאס אמעריקא קען זיין דיינע, זאלאנג דיינע נאכבארען גלויבען אין גאטט׳ס זאהן, קענסטו, גאטטעס פאלק, קיין זיכערן פלאטץ האבען, וויא גוט דיר זאל זיין. —

לך מעמנו כי עצמת ממנו מאוד! אה וויא ערהאבען, וויא טיעפזיננינג און אונשטערבליך זיינען דיזע ווערטער וועלכע ווערען ווידערהאלט שאן 4 טויזענד יאהר, ווערטער וועלכע אונזערע ארעמע ברידער הערען גאנץ אפט און פיהלען זייער גיפט, מיט דעם איינציגען טרויסט וואס זייא ענטהאלטען אין זיך, דאס מיר זיינען אמווייניגסטען ניט ערגער פאן אונזערע נאכבארען! אה ניין, דאס

קענען זייא אויף אונז ניט זאגען, אבער נענוג גיפט ליגט אין דיע ווערטער, דאס מיר זענען גרעסער פאן זייא און דארום ווילען זייא אונז ניט ליידען. — מיר זאלען אבער ניט דיינקען דאס אב מיר וועלען זיך אויסגלייכען מיט אונזערע שכנים, אום זייא זאלען צו אונז מעהר קיין טענות ניט האבען דאס מיר זיינען גרעסערע יחסנים פאן זייא, ווען שאן זיין אלעס גוט און פיין, זא וויא מאנכע פאן אונזערע ברידער דיינקען, דאס דיא וועלט ווערט אימער מעהר ציוויליזירט, רעליגיאנס-טאלעראנץ ווערט אימער גרעסער, און דאס מענשהייט — אלס אדע-לער און גוטהערציגער, זא דאס מיט דער צייט וועט דיע פערשידענהייט פאן גלויבען קיין ווירקונג האבען, און אידען וועלען קענען רוהיג לעבען צווישען זייערע שכנים. דאס איז אבער א גרויסער אירטהום, זא לאנג פערשידענע רעליגיאנען עקזיסטירען עבען זא לאנג ווערט רעליגיאנס-האס עקזיסטירען, און פאלגליך דיע גרויסע מאססע דער מענשהייט, אבוואהל זעלבסט צושפאלטען און צוריסען מוז האססען דיע קליינע מאססע, וועלכע איז פיעל פערשיעדען פאן אלע, אדער, אין איינפאכע ווערטער: שנאת עולם לעם עולם שנאת עולמים, דיע עווינע פיינדשאפט צו דאס עווינע פאלק איז איין עווינקייט, וויע דער איד זאל זיך ניט אויספיינען פיר דעם גוי וועט ער איהם אלין האססען, עס גיבען גענוג בייא-שפיעלע צו בעשטעטיגען דיזען פאקט: האבען אידען געוואהנט אין דיע נהעטאס אבגעזאנדערט און פאר זיך, האבען קיין שפראך ניט געלערנט, און ניט געוואוסט פאן קיין זאך, האט דער גוי געזאגט: דיע טייפעלן! מאן קען זיך זאגאר מיט זייא ניט צוזאמענריידען: ווארען זייא צושפרייט איבעראל, געלערנט און געשריבען דיע לאנדעס-שפראכע, און זיך געמישט אין אלעס — האט מאן ווידער געשריען: זעהט נור וויע דער איד פערשלינגט דאס גאנצע לאנד: קירצליך וועט אלעס זיין אין זיינע הענד, און אונזערע קינדער וועלען ניט האבען פאן וואנענט צו לעבען איבער זייא! הבה נתחכמה לו פן ירבה, לאמיר זוכען מיטעלן אב צו-האלטען דעם אידען ער זאל ניט אזוי וואקסען, ער זאל זיך ניט אזוי שפרייטען און פערשלינגען דאס לאנד! און באלד דארויף ווערט געזעצט קאמיסיאנען וועגען דער „אידישער פראגע" און דער איד פאנגט באלד אן צו פיהלען וויע עס ווערט איהם איינג אויף שריט און טריט אה, ניין! דער איד וועט ניעמאלס געפאלען זיינע נאכבארען, ער מעג יע נאך וויא גוט און פרום זיין. —

מאנכע פאן אונזערע זאגענאנטע ברידער און גוטע פריינדע דיינקען דאס עס גיבט יא איין מיטעל צו בעפריינדען דעם גוי מיט'ן אידען און זייא ברייננען

צוזאמען, זא דאס עס זאל מעהר קיין פיינד שאפט צווישען זייא זיין, און דאס איז: זא וויע מיר קענען ניט ערוואַרטען דאס דיע גרויסע מאססע דער מענש־הייט זאל זיך אססימילירען מיט דער קליינער, דארום, מוז זיך דיע קליינע מאססע פערמישען מיט דער גרויסער, און דאן וועט דיע יודען־פראגע געלעזט ווערען, און יודען־האסס וועט מוזען פאן זיך זעלבסט אונטערגייהען. גרויסע חכמים! זייא דיינקען דאס זייא האבען איינע וויכטיגע נייעס ערפונדען! אבער דיזע אידעע איז שאן אלט מיט יודען־האסס צוגלייך; און שאן אין פיעלע און זאגאר גאנץ אלטע צייטען האבען מאנכע לייטע דאפיר אגיטירט, אבער אומ־זאנסט! דאס קען דער יודען-פראגע ניט אויפלעזען, און דאס קען זאגאר ניע־מאלס פארקאמען, זא וויע דער נביא יחזקאל זאגט: „והעולה על רוחכם היה לא תהיה, אשר אתם אומרים נהיה כגוים כמשפחות האדמה.... חי אני אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם“ אונדיזע וואס האבען דעם נביא ניט געגלויבט, אדער וואס האבען פאן זיינע געטליכע ווערטער ניט גע־וואוסט. און האבען עס געפּרובירט, האבען צו זייער בעדויערן, אויסגעפונען זייער אירטהום, דורך איינע פאן דיע צוויי פאלגען: אדער זייא ווארען קירצליך פער־מישט מיט דער גראָסער מאססע און האבען גענצליך פערלארען זייער נאציאנא־ליטעט. און ווארען מיט דער צייט אבגעריסען פאן אידישען קערפער, אדער, ווען זייא האבען נאך געהאט עטוואס זכות אבות, האבען זייא געקריגען אזא שמערצליבען און שטארקען צוריק שטויס פאן דיע לייטע מיט וועלכע זייע האבען זיך געוואלט בעפריינדען, דאס זייא האבען זיך מיט הארץ־וויהע צוריק געצוי־גען, און זיינען געווארען מעהר אידעש געזאנגען וויא פארהער. צו אונזער גראָסען בעדויערן האבען מיר טויזענדע בייאשפיעלע אין אונזער נאציאנאלע געשיכטע פאן דיזע צוויי פאלגען פאן אססימילאציאן. דיע אידען פאן דער אלטער אשור, בבל, מצרים און עטהיאפיע (כוש), און אין דיע שפעטערע צייטען, אינדיען בינא און אלע גרויסע לענדער פאן אזיען און אפריקא ווארען אלע פערשלונגען אין דער גרויסער מאססע פאן טויזענדער פעלקער פאן יענע לענדער, און זינד שאן לאנג פערלארען פאן אונזער פאלק. וואס איז געווארען פון זא פיעל מיליאנען אידען פאן יענע לענדער? זייא האבען אלע געפּרובירט דיזען אלטען מיטעל פאן אססי־מילאציאן, און האבען דאמיט בעגאנגען נאציאנאל זעלבסט־מארד, און ווארען אבגעשטארבען צו זייער שטאם. דאס קליינע צאהל אידען וואס מיר צייהלען הייטע זינד בלויז דיע פלטים פאן רוים, שפאניען און פורטוגאל וועלכע האבען

זיך מיט דער צייט פערשפרייט איבער גאנץ אייראפא, און וועלכע, מערקווירדיגע פארזעהונג! האבען הונדערטע יאהרען געליטען אונבעשרייבליכע ליידען אין דער גאנצער קריסטליכער וועלט, וועלכע קיין אנדער פאלק האט זא פיעל ניט געקענט איבערלעבען, און דאך, דיזע אלע ליידען האבען איכער דיע אידען צו־ריק געשטויסען פאן זייערע דריקער, און האבען דאדורך אנגעהאלטען זייער נאציאנאליטעט, און האבען אלעס איבערגעלעבט! דעם אידענס ליידען אין אייראפא וואר דיע אורזאכע פאן זיין אבלעבען און לאנגען עקזיסטענץ, אבער זיין רוהע און פרייהייט אין דיע אזיאטישע לענדער האט געבראכט טאדט און פערניכטונג, וויע ריכטיג דעם פראפעט׳ס ווארטען זיינען חי אני אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם!—

אין דיע צייטען פון אלעקסאנדער דער צווייטער, ווען דיע רעגירונג איז געוועזען עטוואס מעהר ליבעראל צו אידען; מאן האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג וואס דער איד טוהט, און וואו ער וואהנט, מאן האט בלויז געקוקט דורך דיע פינגער אויף וואס עס קאמט פאר, אונזערע ברידער האבען אנגעפאנגען קריכען אין דיע רוסישע גובערניעס און זיך נעהמען צו אלערלייע געשעפטען, זייע זענען באלד געווארען מהותנים איבעראל וואו מען האט זייע מיט איינינע יאהר צוריק גאר ניט געקענט, אידען האבען אבגענומען צו זיך זייערע פאמיליען, און האבען זיך בעזעצט וואו עס וואר זייע ניעמאלס ערלויבט, מען האט אנגעפאנגען צו מאכען געשעפטען, מען האט גוט פערדינט, מען האט געלעבט פיין, געהאלטען רוסישע בעדינונג, און זיך פערשפרייט איבעראל, דיע קינדער האבען געלערנט אין דיע גימנאזיומס, מען האט גערעדט רוסיש אויף וואס דיע וועלט שטייהט, מען האט זיך ביסלאכווייז פערגעסען אן יודענטהום; זייא האבען געדיינקט דאס וואס מעהר זייא וועלען זיך רוסאפיצירען, מעהר וועלען זייא זיך איין קויפען רוסישע פריינדשאפט. זייער יודענטהום איז שאן געשטאנען אין גרעסטען גע־פאהר; נאך א פאאר יאהר און זייא וואלטען אין גאנצען פערשלונגען געווארען אין דער גרויסער רוסישער מאססע, און קיין זכר וואלט פאן זייא ניט געבליבען. מיט איין מאהל, האבען אנגעפאנגען רוסישע ווילדע מאססען צו בעפאלען אידי־שע בעפעלקערונג אין פיעלע שטעדט; צו ברעכען פענסטער, פערניכטען ווירטה־שאפט, ארויסלאזען פעדערן, רויבען געשעפטען, שענדען פרויען, מערדערן קינדער און שלאגען יונג און אלט, און רואינירען גאנצע פאמיליען.... זאגאר דער צייכען פאן קרייץ, וועלכע מאנכע יהודים האבען ארויסגעשטעלט אין דיע פענסטער

האט אויך ניט געהאלפען אין יענע פינסטערע טעג. און אידישע קינדערלאך האבען געפרעגט זייערע עלטערן: פאפאשא ראזווע אי מי יעווריעאי? פאטער! זענען מיר אויך אידען? — דאן האבען אונזערע אידען דערזעהען דאס עס איז אומזאנסט זיך צו קלעפען צום גוי, און האבען זיך צוריק געשטויסען צום יודענ־טהום ניט ווילענדיג. האבען געמוזט פערלאסען זייערע פלעצער, אויסוואנדערן נאך אמעריקא, און ווערען פרומע פעדלער אין דער פרייער לאנד; און פיעלע אידישע סטודענטען פאן הויכע קלאססען האבען פערלאזען אלע גליקען, צוקונפט היימאט און פריינדע, און געווארען דיע גרינדער פאן דיע ערשטע קאלאניען אין פאלעסטינא! אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם!....

דאמיט פערשטעהען מיר שאן דיע ערשטע ווארטען פאן אונזער געשיכטע, וועלכע ווארען געזאגט צו אברהם אבינו, אלס עמבלעם פאן אידישען פאלק, און זיין צוקונפט: —

דער צווייטער פסוק פאן גאטעס ווערטער צו אברהם שטעלט אונז פאר נייע פונקטען אין דיזען בילד, ער זאגט ווייטער: ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך, והיה ברכה. דיזע פיער זאטצען צייגען פיער פערשידענע פעריאדען אין אידישען עקזיסטענץ אין גלות, ואעשך לגוי גדול, דאס צייגט שאן דיע אונשטערבליכקייט דער יודען; אבוואהל אידען וועלען זיך פלאגען זא פיעלע הונדערטע יאהרען, אבוואהל זייא וועלען אויסשטייהן זא פיעלע פערפאלגונגען איבעראל, וועלכער קיין נאציאן וואלט ניט געקענט איבערטראגען, דאך, אנ־שטאדט צו ווערען קלענער, שוואכער, וויניגער און נאכהער אין גאנצען אונטער־גייהן, וועלען זייא ווערען אימער גרעסער, מעהרער און שטארקער ביז זייא וועלען ווערען א גרויסע נאציאן וועלכע דיע וועלט וועט ניט קענען איגנארירען, וויע איך שרייב אויף איין אנדער פלאטץ: דאס נאך א צוויי טויזענד יעהריגען קאמפף געגען אידען מיט פייער און שווערד און אלע מיטעלען אום זייא צו פערניכטען האט דאך אם ענדע אייראפא געמוזט אבגעבען דעם קאמפף, און האט אנער־קענט דאס יודענטהום אלס אונשטערבליך און אונצערשטערבאר. אין דיע מיטעל-עלטער ווער דער איד זא ניעדריג, זא אונווערטהבאר דאס דיע רעגירונ־גען האבען זיך ניעמאלס דיע מיהע געגעבען צו מאכען פראגען וועגען איהם; ניעמאנד האט זיך בעקימערט וועגען זיין שיקזאל; זייא ווארען בלויז אונטער־ווארפען אונטער דיע מאסען, און ווארען געריכטעט לויט דען ווילען פאן דיע פריסטער. אידען ווארען אימער בעטראכטעט אלס איינצעלנע, און דאצו נאך

אונגוטצבארע, אבער ניעמאלס אלס פאלק. דא אנפאנג פאן אלטען יאהר הונ־דערט האט אויסגעבראכען מעהר ליכט אין אייראפא,א גייסט פאן פרייהייט. האט אנגעפאנגען דורכדרינגען אין פיעלע לענדער, און דיע פערפאלגונגען נעגען אידען ווארען געמעססיגט; מען האט אנגעפאנגען דעם אידען עטוואס צו בעטראכטען און „יודען־פראגע" איז שאן פארגעקאמען בייא דיע זיצונגען פאן קעניגע און פארלאמענטען. זייט דאן האט זיך דיע אידישע לאגע אנגעפאנגען צו פערבע־סערן, און אירען ווארען אנערקענט אלס פאלק, געוואהנליך, אין פערשיעדענע מיינונגען. —

זייט דאן איז געקאמען א נייע „פעריאדע" אין אידישען לעבען, דיא פעריאדע פאן „ואברכך", אידען האבען אנגעפאנגען צו קריגען מעהרערע אדער וויניגער רעכטע אין פיעלע לענדער, עס וואר זייא ער־לויבט צו שטודירען, צו וואהנען אין מעהרערע פלעטצער, צו קליידען זיך אייראפייאיש; אידען האבען אנגעפאנגען ארויסצוגייהן פרייער אויף דער־וועלט: האבען זיך אנגעפאנגען צו בעקענען מיט דיע העכערע קלאססען פאן זייערע נאכבארען, מיט געבילדעטע, מיט געשעפטס־פיהרער, מיט בעאמטע, און אנגעהמען רעגירונגס אונטערנעהמונגען; האבען אליין ארויסגעגעבען גע־לעהרטע,דאקטארען, אדוואקאטען, מוזיקער, סקולפטארען,פראפעסארען, אינזשי־רען און רעדאקטארען; אין גרעסערע מאסען וויא א מאהל; אידען האבען געעפנט פאבריקען, באנקייען און געשעפטס הייזער; האבען זיך אויך אויסגעצייכענט אין פראפעסיאנאלע און לאנד־ארבייט — א צווייג פאן אינדוסטריע וועלכע וואר אי־מער פיר זייא פערבאטען,—אידישע מאטעריעלע און גייסטיגע צו שטענדע האבען אנגעפאנגען אבצולעבען, און זייא צו געניסען גאטטעס זעגען אויף דער וועלט. —

פאן דיא פיעלע צייכען וואס מיר זעהען שאן בײם אנפאנג פאן 20-טען יאהר־הונדערט, קענען מיר ווירקליך האפען דאס דיע דריטע פעריאדע פאן „ואגדלה שמך" איז שאהן נאהע. פיעלע לענדער זעהען שאן דיא פעהיגקייט דער יודען, זייער נוצבארקייט און טהעטיגקייט; דער אינטעליגענץ פאן אידישען יוגענד איז ערשטוינענד איבעראל, זייער גרויסע פארשריטע אין אלע צווייגען פאן ליטעראטור, בילדונג, פינאנץ און אינדוסטריע איבער־ראשען אלע פעלקער; אי־דישע פעדער קריטיזירט, דיקטירט און בעלעהרט גאנצע לענדער, אידישע זעניע ווערט איבערזעצט אין אלע שפראבען, און דיע ווייטעסטע געגענדען פאן דער

וועלט ווערען אימער מעהר בעקאנט מיט דער אידישער נאציאן, איהר רעליגיאן ליטעראטור, וויסענשאפט און אינטעליגענץ. דיא ביבעל, איז שאן איבערזעצט אין אכט הונדערט שפראכען, און מיליאנען פלעטצער וואו ביבעל־לעהרע וואר פער־באטען בייא דער קירכע, איז געווארען דיא זעלבע איין רעליגיעזע שטודיום, און דיא ביבעל ווערט יעצט געלערנט און שטודירט, גראדע אין דער קירכע, פיעלע מאהל אין דער וואכע. איז דאס ניט וואונדערבאר דאס אין דיע זעלבע פלעטצער וואו דער איד וואר, און איז נאך, פערהאסט, זאל זיין ביבעל זא פלייסיג גע־שטודירט ווערען? פיעלע פאן דיע ביכער פאן אונזערע אלטע געניאלען ווערען איבערזעצט און צו שפרייט וויט און ברייט איבער דער וועלט, און דער אידישער גייסט דרינגט דורך אלע פינסטערע געגענדען, אין פיעלע פלעטצער האט שאן דיזע לעהרע ארויסגערופען איין וויעדערקלאנג (עכא), און גראסע מעננער אונ־טער דיא פעלקער פערפאסען ביכער אין ריהם און לויב פאן דער אידישער נאצ־יאן און איהר ליטעראטור, געוואהנליך, איז נאך פארלויפיג גאנץ ווייניג פאן יודענטהום איבערזעצט אין אנדערע שפראכען, און דיא פעלקער האבען נאך א גאנץ שוואכען בעגריעף פאן ישראל׳ס שאטצען. מען קען אבער זיכער האפען דאס ווען דער גרויסער ים התלמוד זאל איבערגעבען ווערען צו דער וועלט (זא וויא דאס פאנגט זיך שאן אן לאנגזאם,) דאן וועט יודענטהום׳ס אנערקענונג מארשירען מיט ריעזען שריטע איבער אלע וועלט טהיילען, און דער אידישער נאמען ווערט אלס מעהר בעקאנט ווערען איבעראל, ווערט אימער מעהר פער־ברייטעט און פערגרעסערט און געעהרט ווערען, ביז דיא גאנצע וועלט וועט ווערען בעקאנט דורך און דורך מיט דען אססענס פאן יודענטהום, זיינע געזעט־צע, מאראל און הומאניטעט, און, מיט דער צייט, וועט זיא אנפאנגען עס אויך צו עמולירען. —

דאן מוז קאמען דער אולטימאטום, דער „והיה ברכה", דיע פירטע און אויך דיע לעצטע אבער עווינע עפאכע אין אברהם׳ס נאציאן, און אלע אונזערע פראפעטען, איבערהויפט ישעיהו, שטעלען אונז פאר דיא רייכסטע בילדער פאן יענער גליקליכער צייט: ווען דאס גאנצע אידישע נאציאן וועט וואהנען אין איהר אייגנע היימאט, א לאנד וועלכע וועט פראדוצירען אלעס וואס קען מאכען דאס לעבען גינסטיג און גליקליך, וואו מאנגעל און נאטה שמערץ און ליידען וועלען זיין אונבעוואוסט, און דער גאנצער מאטעריאלער לעבען וועט זיין אויף דער העכסטער שטופע דער פאלקאמענהייט, און דאס מאראלישעם לעבען! דאס

וועט זיין א מוסטער פיר דער גאנצער וועלט, וואו ציון וועט זיין דער צענטראל־פונקט, און אלע פעלקער וועלען זיך דאהין ציהען צו לערנען וויסענשאפט, גע־רעכטיגקייט, מאראליטעט און גאטהייט! אה, וויע ערהאבען וויא טיעפזיננינ זינד דיזע צוויי ווארטען „והיה ברכה"! ווען דיא העברייאישע שפראכע וויל אויסדרי־קען איין הינזיכט אין לעצטען גראד בענוצט זיא זיך מיט דען אבסטראקטיווען נאמען; אנשטאדט צו זאגען: דוא וועסט זיין געזעגנעט, זאגט זיע: דוא וועסט זיין דאס זעגען (ברכה) זעלבסט. (זא וויא: ואני תפלה׳ והוא פלא, אנוש רמה, שמים שפרה, א, ז, ו.). נאך איין וויכטיגען פונקט איז צו בעמערקען אין דיזע ווערטער; ער זאגט והיה ברכה, מיט אצווי, אנשטאדט והיית ברכה, אין עתיד, זא וויא דער גאנצער פסוק איז אין לשון עתיד, וואס מיינט דאס? יא, דארין ליגט אנגעוואונקען דער גאנצער מיסיאן פאן אידישען פאלק! דאס הייסט, דאס אונזער פאלק מוז זיך דיע מיהע געבען אין אלע הינזיכטען צו זיין איין מוסטער פאן אדעל, מאראל און גערעכטיגקייט פיר דער גאנצער וועלט, אום אלע נאצ־יאנען און פעלקער וועלכע האבען קיין בילדונג געהאט, און וועלכע ווארען פאן יוגענד דער מענשהייט, ווילד און אבערגלויביג, זאלען, אין פערלויף דער צייט, און יע מעהר זייא קאמען אין קאנטאקט מיט דאס יודענטהום, אימער זיך וואס לערנען, אימער זיך אויסבעסערען, אימער זיך בילדען, ביז זייא וועלען אויך ווערען פאלקאם, און קאמען צו דער העכסטער שטופע פאן איין גליקליכע מענש־הייט. געוואהנליך, צו דיזען ציעל, אום צו ערפיללען דיזען מיסיאן מוזען אידען אימער צו פיעל מיטווירקען, און צייגען מיט בענעהמונג און טהאט דאס זייא זיינען ווירקליך דער „עם סגלה", דער „עם חכם ונבון", אום אלע זאלען זיך לערנען פאן זייא. און זאלען קאמען צום בעשלוס צו פערשטעהן דיא ערהאבענ־הייט דעם יודענטהומס. — און יענע אלע פערטריקענטע בלעטער און פערדארטע צווייגען פאן אונזער נאציאן וועלכע גלויבען גיט אין דיזען מיסיאן, און ווינשען ליבערסט אססימילאציאן — דיא אלע וועלען ווירקליך אבפאלען פאן אידישען בוים, און וועלען קיין אנטהייל האבען אין ישראל׳ס גליקליכען צוקונפט, זא וויא אלע אונזערע פראפעטען האבען פארגעזאגט. — דאס איז דער מיין פאן „והיה" מיט איין אויסדריקע פאן א צווי, און זיי אזעגען. דאס אידישע נאציאן מוז אימער ארבייטען פיר דען קאמען פאן דיזער פעריאדע. —

דאן קאמט דרייא וויכטיגע פונקטען צו פערפאלקאמען דיזען בילד: „ואברכה מברכיך, ומקלל אאור, ונברכו בך כל משפחות האדמה", איך וועל

זעגנען דיע וועלכע זעגנען דיר און פערפלוכען די וועלכע פלוכען דיר, און אלע פא־
מיליען פאן דער וועלט ווערען דורך דיר געזעגנעט זיין. ווען מיר שטודירען גרינדליך
דאס אידישע היסטאריע פאן אנפאנג ביז הייטע צו טאגע, געפינען מיר דיא
זעלבע בילדער שפיגלען זיך אב אימער צו אין דיזען הינזיכט: דאס דיא אלע
פעלקער וועלכע זיינע גוט געניינט צו אידען, וועלכע טוהען זייא קיין שלעכטעס
ניט, וועלכע שעטצען און עהרען זייא, זיינען אימער גוט אב, לעבען גליקליך און
פראגרעסירען אין בילדונג און רייכטהום, און עקזיסטירען לאנג אויף דער וועלט,
אלס נאציאן. צום בעדויערן האבען מיר זאלכע גוטע פריינד ווייניג געהאט, און
אויך הייטע האבען מיר ווייניג, אונזער געשיכטע דערמאנט בלויז יענע פאן
וועלכע מיר האבען פיעל אדער ווייניג געליטען. דאך, פאן אייניגע אנמערקונג איז
תנ״ך ווייסען מיר דאס דיא פעניציער ווארען פריינדליך צו אידען, איבער הויפט
אין דיא צייטען פאן דוד און שלמה, און ווארען אויך פיעל גליקליכער אדער
מעהר ערפאלגרייך אלס אנדערע פעלקער פאן דיע זעלבע גרעססע און עלטער.
דיא פערסיער ווארען אויך אים אלגעמיין גוט געזאנען צו אידען, און ווארען אויך
בעסער אב אלס זייערע פארגייהענדע דיא באביליאניער. דיא זעלבע וואר אויך
מיט דיא ערשטע גריכען און מיט דיא ערשטע רוימער, אין דען מיטעל עלטער.
ווארען דיא אראבער אין שפאניען, און דיאמאחמאדאנישע לענדער מעהר גינס־
טיג צו אידען, און האבען אויך דאן מעהר פראגרעסירט אלס דיא קריסטליכע
פעלקער, צו יענער צייט. הייטע צו טאגע זעהען מיר דאס פיעל בעסער, דיע
לענדער וועלכע האבען געגעבען אידען מעהר פרייהייט, וויא איינגלאנד און אמע־
ריקא, וואקסען אימער גרעסער און רייכער אלס אירגענד וועלכע אנדערע פעל־
קער. — אין געגענטהייל אבער זעהען מיר דעם פאקט דאס פאן דיע אלע פעל־
קער וועלכע האבען ישראל שלעכטעס געטאהן, פאן וועלכע ישראל האט געלי־
טען, אבוואהל אלס שטראפע פיר זיינע זינדע, איז מיט דער צייט גאר ניכטס
געווארען; וויא ירמיהו הנביא זאגט: „קדש ישראל לה׳... כל אוכליו יאשמו״.
איינע נאך דיא אנדערע זינד זייא צו גרונדע געגאנגען, זייער איינציגע אנדיינ־
קונג איז נור געבליבען אויף דיא בלעטער פאן דער געשיכטע, און ווארען גענצליך
אבגעמעקט פאן אונטער גאטטעס הימעל! דיא זעלבע איז נאך הייטע צו טאגע:
דיע אלע לענדער וואו דער איד שטעהט ניעדריג, וואו איהם איז ניט ערלויבט
צו טאהן דאס און יענעס, וואו ער טאר ניט וואהנען דא און דארט, וואו זיין
ענערגיע איז געשמיעדט אין קייטען, וואו זיינע פעהיגקייטען קענען זיך ניט ענט־

וויקעלן — דיא אלע לענדער שטעהען ניעדריג, ארעם, טאדט און אונבעשעפטיגט, און זינקען אימער מעהר פאן יאהר צו יאהר, ביז זייא וועלען פערשלונגען ווערען ביי גרעסערע און מעכטיגערע פעלקער, אלס ביי שפיעל קענען דינען שפאניען, מאראקא, פערזיען און אויך רוסלאנד, זינד ניכט דיע ווערטער „ואברכה מברכיך ומקללך אאור" קלאהר און דייטליך פיר יעדען ? —

און יעצט קאמט דער דריטער פונקט פאן דיזען הערליכען בילד, דער „ונברכו בך כל משפחות האדמה", דיא העכסטע שטופע פאן דען גליכליכען צו־קונפט, פיר דאס גאנצע מענשהייט, וועלכע וועט הערגעשטעלט ווערען, דורך דיא לאנגזאמע אבער דייטליכע ארבייט פאן דער מיסיאן פאן אברהם׳ס נאציאן. דאס גאנצע מענשהייט, ווערט פערפאללקאמט און געזעגנעט ווערען דורך אברהם׳ס נאכפאלגער, ווען דיא גליקליכע צייט ווערט קאמען. דאס מענשהייט, אין איהר יוגענד, וואר זא אונגעבילדעט און אונוויסענד, דאס מיליאנען מענשען זינד אומגעקאמען דורך אייגנע דומהייט זעלבסט. טויזענדער: פעלקער זינד פערלארען געגאנגען פאן דער וועלט, דורך אינערליכע פיינדע אונוויסענהייט, אבערגלויבען, קארופציאן, רויב אין אונטערדריקונג, אדער, דורך אויסערליכע : ווען זייא ווארען בעזיעגט פאן זייערע שכנים, וועלכע ווארען שטאר־קער פאן זייא. דאס גאנצע מענשהייט וואר צו טהיילט אין טויזענדע גרופען, וואו איינע האט געהאסט דאס צווייטע, און יעדערע האט אימער געזוכט מיט־על'ן צו פערשלינגען דיא אנדערע. אין דיע אלטע צייטען וואר ביינאהע יעדע שטאדט איין קליינע וועלט פיר זיך זעלבסט ; זיא האט זיך גוט בעפעסטיגט מיט א מויער ארום זיך, מיט א טיעפען גראבען וואסער ארום ; איינגעאיבט אלע איהרע איינוואהנער אין שטרייט־קונסט, און פלעגט אנפיהרען א שטענדיגען קאמפף מיט איהרע נאכבארען. און זא פלעגען טויזענדע שטעדט פערוויסטעט ווערען, און צעהנדליגע טויזענדע מענשען אויסגעשלאכטעט ווערען, יעדעס יאהר. און קיינער האט ניט געדיינקט וועגען דער דומהייט פאן דיזע אומזאנסטע רואי־נען און בלוט פערגיסונג. מיט דער צייט, זינד דיא פיעלע קליינע גרופען פער־שמאלצען געווארען אין גרויסע און מעכטיגע נאציאנען. דיא שטעדט פאן איין געגענד האבען שאן געלעבט אין פריעדען איינע מיט דיא אנדערע, אונטער איין פלאג. אבער שטרייט האט דאמיט ניט אויפגעהערט. און, אנשטאט קליינע שטרייטיגקייט פאן נאכבאר מיט נאכבאר, האבען זיך אנגעפאנגען קאלאסאלר קריעג צווישען פאלק און פאלק, לאנד און לאנד, אום צו פערגראסען טעריטאריע;

און פערמעהרען אונטערטהאנען. און בלוט האט זיך געגאסען ווידער אויף דיע שלאכט פעלדער, און מיליאנען מענשען זינד פערלארען געגאנגען, אום צו זעטי־גען דאס עהרענגייטץ פאן ניעדערטרעכטיגע קעניגע און פרינצען. און דיא מאסען ווארען זא דום, דאס זייא ווארען בעצויבערט מיט דען נאמען „פאטריאטיזמוס", וועלכע דיא שורקען האבען אויסגעטראכט, פיר זייער זעלבסט נוטץ, און ווארען פערטיג צו אפּפערן זייער בלוט און לעבען, פיר טראהן און קעניג! — אלס הומא־רישען וויטץ פאן דיזער דומהייט, גיבט אונז דיא תורה, מיט דער ערציילונג וועגען דיא לייטע פאן שכם. וועלכע האבען זיך געלאזט שניידען זייער פלייש אום צו בעפריעדיגען זייער דומען און אויסגעלאסענעם פרינץ! —

און דיע וועלט ווערט עלטער, און דיא פעלקער ווערען גרעסער, אבער דיע שלאכט־פעלדער וויטהען נאך הייטע מיט מעהר פייער און שרעק וויא אמאהל; דיא ארמעען ווערען גרעסער, און קריעג־שיפען שטארקער; דיא גרעסטע קאנאנען און בעסטע טאדעס מאטעריאלען ווערען פאבריצירט איבעראל, און דיא וועלט שטייהט פערטיג אראב צו רייסען דעם קאפּף איינער בייא דעם אנדערען! —

אט דיזע פלאגע פאן קריעג, און טויזענדע אנדערע פלאגען וועלכע זיינען פערבליבען פאן דער ווילדקייט פאן דער אלטער מענשהייט, און נאך צעהנטוי־זענדע, וועלכע דיא נייע ציוויליזאציאן האט, אינדירעקט, ארויסגעבראכט — מוזען אלע פערשווינדען בעפאר דיא צוקינפטיגע וואהרע ציוויליזאציאן ווערט שטאטפינדען. דיזע ציוויליזאציאן ווערט הערגעשטעלט ווערען נאכהער ווען דיא ריינע גאטטעס לעהרע, וועלכע ווארט מיט טויזענדע יאהרען צוריק אנפערטרויט צו אברהם׳ס נאכקאמענדע, ווערט פאלקאם אויסגעשטודירט און ערקלעהרט ווערען. זעלבסט פערשטענדליך, ווערט אברהם׳ס פאלק זיין דיא ערשטע צוא ער־רייכען דאס ליכט פאן דיזער לעהרע, און זיך פערפאלקאמען נאך איהר גייסט. און ווען אונזער פאלק ווערט זא רעפינירט און געאדעלט ווערען, דאס ער ווערט קענען דיענען אלס מוסטער פיר דאס גאנצע מענשהייט, און ווערט גרינדען, מיט דער הילפע גאטטעס, זיין אייגנע שטאאט אין דען בעסטען ארדנונג און העכס־טען פאלקאמענהייט, דאן, ווערדען אלע פעלקער שיקען דעלעגאציאנען נאך ציון׳ס טהויערן, אום צו שטודירען און קופירען איהרע לעהרען, מאראליטעט און ציוויליזאציאן, מיט דער צייט, ווערדען אלע פעלקער זיך אויך פערפאללקאמען אין דיא ריינע וואהרהייט גאטטעס, און ווערדען ווערטה זיין זיך צו רופען מיט דעם נאמען מענשען, אום צו געניסען דען עוויגען גליק. דאן ווערט זיך אנפאנגען

א רייהע פאן אויסבעסערונג און רעפינירונג אין אלע קערפערליכע און גייסטיגע הינזיכטען, אלעס ווערט פערפאללקאמט ווערען אין דען העכסטען גראד, און גאטעס ערדע ווערט פערוואנדעלט ווערען אין א וואהרען פאראדיעז. קריעג און שטרייף ווערט אונטערגייהען, דומהייט און אבערגלויבען ווערדען פערשווינדען, און פאלשקייט און קאררופציאן ווערדען גענצליך פערגעסען ווערען, און אלע ניעדריגקייט פאן דיא אלטע צייטען, מיט זייערע שלעכטע פאלגען ווערדען אבגעשאפט ווערען. דיא גאנצע וועלט ווערט ווערען איין מענשליכע קאלאניע, און אלע פעלקער ווערען זיך צוזאמענשמעלצען אין איין אלוועלטליכע ברידערליכקייט; דאס גאנצע מענשהייט ווערט לעבען אין פריעדען און פאלקאמענהייט, און גליקזעליגקייט און גאטטעס זעגען ווערט הערשען אויף אימער און עוויג. דיא גאנצע וועלט ווערט האבען צו פערדאנקען דיא נאכקאמענדע פאן אונזער פאטער אברהם, און דאן ווערט ערפילט ווערען דיא ווארטען וועלכע ווארען איהם צו געזאגט: ונברכו בך כל משפחות האדמה! —

מעהרערע פונקטען פאן דען הערליכען בילד פאן דער צוקונפט, זיהע אין דען פארטראג „יעקב וישראל", אם ענדע.

ישראל

— א ווערק —

וועלכע אפעלירט צום אידישען פאלק אין נאמען פאן גאט פאן ישראל.

— ענטהאלט —

ערהאבענע פארטרעגע וועגען פיעלע געגענשטענדע פאן יודענטהום

גייסטיגע שפייזע

פיר אלע קלאססען פאן פאלק

פערטער טהייל.

— יעקב וישראל —

פאן

א פריינד פאן ישראל

א. י. בוך

1912—ניו יארק

דרוק פון א. ח. ראזענבערג 131 הענרי סט. ניו יארק

צו דיע לעזער!

דיזער באנד איז א טהייל פאן מיין גרויסע ווערק אונטער דעם נאמען "ישראל" און ענטהאלט ערהאבענע רעדען וועגען: דיע צוויי נעמען פאן אונזער פאלק, "יעקב ישראל" דיע צוויי טיפען אין צוויי פעריאדען פאן אונזער עקזיסטענץ; דער אבקויפען דיע **בכורה** און עשו'ס צארן; דער אונטערגאנג פאן געטצענדיענסט דורך ישראל; "כרמי שלי לא נטרתי", "וידו אוחזת בעקב עשו", "אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם"; ישראל אלס ווענוויזער פיר אלע פעלקער; איין הערליכעס בילד פאן גליקליכען צוקונפט.

דער לעזער ווערט געוויס האבען גייסטיגע פערגניגען, וועלכעס איז דער איינציגער וואונש פאן

פערפאסער.

יעקב וישראל

מגידים און נביאים. — ישעיהו הנביא. — הוי גוי חוטא.... עם זו יצרתי לי. — הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו. — וואו זיינען פערפאלען געווארען זא פיעל אידען? — וידו אחזת בעקב עשו. — עשו פערקויפט דיא בכורה צו יעקב. ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים. — והייתם לי סגלה.... כי לי כל הארץ. — כה אמר ה' אל בית יעקב אשר פדה את אברהם. — אידען פרים ורבים.... אמהות אלע עקרות. — שחורה אני ונאוה.... אל תראוני שאני שחרחרת. — וואו־צו ברויכט דער דיעב צוויי פאאר שטיוול? — וואצו צוויי נעמען יעקב און ישראל? — אנאליזירונג דער ביידען נאמען, — דאס גאנצע מענשהייט ווילד פאן דער נאטור. — אונוויסענהייט און געטצענדיענסט. — איין ערוועהלטע נא־ציאן אלס לעהרער. — דער ציעל—אונערפאלגליך. — אידען פערלירען זייער לאנד. — א צווייטע פראבע אין בית שני. — ישראל'ס צערשטרייאונג אונטער דיא פעלקער אלס מיטעל צו דיזען ציעל. — געטצען דיענסט ווערט פערניכטעט. — אברהם, דער אנפאנג דיזער פערניכטונג. — דיא זעלבע נאכגעפאלגט אין אלע דורות. — צום גאנצען ציעל אבער נאך גאנץ ווייט. — דיא נידריגע לאגע דער יודען. — נידריגקייטען געפראקטיצירט אום צו מאכען א לעבען. — יעקב, דער טיפ פאן גלות־איד. — דיא בכורה געקויפט פיר א טאפ לינזען. — דער איד פערהאסט.... אל תראוני שאני שחרחרת. — כרמי שלי לא נטרתי. — גוטע געלעגענהייטען פערנאכלעסיגט. — אסימילירונג, דאס אונגליק דער יודען. — עשרת השבטים אבגעשטארבען צו אידען. — אידען מוזען זיין פרים ורבים. — אידען שעהמען זיך מיט אלעם וואס איז אידיש. — במקולקלים שבהם עשיתם. — וידו אחזת בעקב עשו. — ישראל, דער טיפ דער צוקונפט. — אויסצוג פאן אלע נביאים. — ישראל אלס וועג־וויזער פיר אלע נאציאנען. — דאס העכסטע מא־ראליטעט. — איין גליקליכעס בילד דער צוקונפט. —

פאן אייביג אן האבען אונזערע אידען געהאט צווישען זייא מגידים, און אלע צייטען זיינען געוועזען בייא אונז רעדנער, פריידיגער, און אזוי גלאט „זאגערס".

און אידען האבען אימער ליעב געהאט צו הערען „תורה". צו מיר האט ליעב געהאט דיא מגידים אדער ניט, זא וויא עס איז אימער דער פאלל בייא אונז צו געפינען פעהלערן, אבער דאך, צו הערען מגידים פלעגט מאן אימער גייהן; איך געדיינק נאך פאן מיין יוגענד וויא מען פלעגט לויפען שבת פארטאג, אין דער פינסטער אין בלאטעס, אין שנייען, צו הערען א קעלמער מגיד, א סלוצקער מגיד, ר' חיים רומשישקער און דאס גלייכען, איך וויים ניט זאגאר אויף וויא וויים זיינען אונזערע אידען געווארען בעסער פאן דיא מגידים, אבער דאך ערגער געווים ניט. וויא א גוטער איד האט א מאהל געזאגט א ליטוואק, ווען ער האט איהם געפרעגט, ווארום זיינע חסידים וואס פאהרען צו איהם דרייא מאהל אין יאהר, זיינען אזוי צולאזען, האט דער רבי געזאגט, פערשטייסטו מיך, ווען זייא זאלען צו מיר ניט פאהרען וואלטען זייא געווען נאך ערגער! גאר פארצייטען האבען מיר אויך געהאט מגידים, און מען איז זייא אויך נעלאפען הערען, און מען האט זייא אויך ניט געפאלגט, וויא געוואהנליך.

מיט א יאהר 6-5 און צוואנציג הונדערט צוריק האבען מיר געהאט א גרויסען מגיד, וועמעס נאמען איז נאך גוט בעקאנט ביז היינטיגען טאג, און וועמעס פאעזיע וועט נאך ווערען בעוואונדערט וויא לאנג דיא וועלט וועט שטייהן. דיזער מגיד וואר דער גרויסער ישעיהו הנביא, וועמען, אין רוסלאנד קאנען נאך אלע אידישע קינדער, נור אין אונזער ציוויליזירטער אמעריקא האל־טען אונזערע אידען ניט פאן אזעלכע נארעשקייט. אט דיזער ישעיהו הנביא, הערט זיך איין א מערקווירדינקייט, ווען ער האט זיך אוועק געשטעלט זאגען דאס ערשטע מאהל פיר איין עולם, דאט ער אנגעהויבען צו דונערן מיט דיזע ווערטער: הוי גוי חוטא! אה, איהר זינדיגע פאלק! עם כבד עון! א נאציאן בעלאדען מיט אונרעכט! זרע מרעים, בנים משחיתים! ניעדערטרעכטיגע, פער־דארבענע געזינדעל! א. ז. וו. נוא, וויא געפעלט אייך אזא קאמפלימענט צום עולם, באלד אויפ'ן ערשטען האק?! שטעלט אייך פאר, אז אזא מגיד זאל קומען צו אייך אין שוהל, און אנפאנגען זיך צו זידלען! מען וואלט דאך איהם אראב געשליידערט פאן בימה, און ארויסגעווארפען פאן שוהל; ווער רעדט, צו געבען איהם א סענט פיר זיין דרשה. א נס איז געשעהן מיט ישעיהו הנביא, וואס ער האט אלעמען געמענט הערען וויא דעם קאטער, דען ער אליין איז נאר געוועזען א פרינץ פאן דער קעניגליכע פאמיליע, דער קעניג זעלבסט וואר זיי אנקעל, און וואהרשיינליך, האט ער געהאט א פעטע שטעלע אין דער רעגירונג,

און האט ניט נעדארפט מאכען אלעבען פאן זיינע דרשות, ער האט זאגאר ניט געדארפט בעטען ערלויבניש פאן פרעזידענט פאן שוהל ווען ער האט געוואלט זאגען. אבער דאך, וואס פאסט דאס אזוי צו זידלען אלעמען גלייך ביין ערשטען מאהל זאגען?

נור איהר זאלט ניט מיינען אז ישעיהו הנביא איז אימער געוועזען אזא בייזער איד, און האט זיך אימער געזידעלט, גראדע ניט. אין קאפיטעל מ״ג פאן זיין ספר גיט ער זיך אזאג; עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו! אהה, מיין טהייערע פאלק, וועלכע איך האב בעשאפען פאן מיינעט וועגען, אום זייא זאלען דער־קלעהרען מיין גרויסקייט פיר דער גאנצער וועלט! און אין קאפ. מ״ט זאגט ער: ישראל אשר בך אתפאר! מיין ישראליק, מיט וועמען איך קען זיך ריהמען! און אזעלכע הונדערטע פסוקים, וואו ישעיהו הנביא קוועלט פאן אידען, און זאגט זייא צו אזא גלענצענדע צוקונפט. וואס איז דיא אורזאכע פאן דיזען מערקוויר־דיגען קאנטראסט אין אזא וויכטיגען פערזאן וויא ישעיהו הנביא? — דאס וועט זיין דאס ערשטע פראגע פאן דיזער רעדע. —

דאס צווייטע פראגע וועט זיין: מיר געפינען אין דער תורה, ווען אידען זיינען געוועזען אין מצרים זאגט דער פסוק, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד, ותמלא הארץ אותם, און ישראל׳ס קינדער ווארען פרוכטבאר און געווידמעט און האבען זיך פערמעהרט און פערשפרייט זייער פיעל ביז דיא גאנצע לאנד איז פולל געווארען מיט זייע. דיא גמרא זאגט א כלל: כל מה שאירע לאבות סימן לבנים, אלעס וואס האט פאסירט מיט אונזערע עלטערן איז בלויז א ביישפיעל פיר זייערע קינדער, פיר זייערע נאכקאמענדע דורות. דיזע בעשרייבונג פאן אידישען פערמעהרען זיך וואר ניט בלויז א פאקט וואס האט פאסירט אין מצרים, ניין, דאס וואר בלויז א ביישפיעל פיר דעם פאקט וועלכער עקזיסטירט ביי אידען אימער צו, אין אלע צייטען און אין אלע לענדער. וואו נור אונזערע אידען בעזעצען זיך אין א נייע לאנד וואו זייא קריגען א ביסעלע פרייהייט, וואו זייא קענען עטוואס אויסרוהען זייער פערמאטערטע ביינער, דארט פאנגען זייא זיך אן באלד צו פערמעהרען און צו פערשפרייטען דאס דיא גאנצע לאנד ווערט פולל מיט זייא, און קירצליך הייבען אן זייערע שכנים צו מורמלען: הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו, הבה נתחכמה לו פן ירבה! דיא סטאטיסטיק צייגט אונז דיזען פאקט איבעראל, דאס דיע שטערבליכקייט אונטער אידען איז פיעל וויינגער וויא בייא אלע אנדערע ראסען, און דיא פראפאגאציאן, דאס

פערמעהרונג איז פיעל גרעסער. איין לעבעדיגען פאקט שטעלען אונז פאר אלע גרויסע שטעדט אין אמעריקא, איבערהויפט, איז דער ותמלא הארץ אותם ווירקליך צו זעהען איבעראל. און אבוואהל דיא פערמעהרונג פאן אידען איז צו אגרויסער מאססע דיא איבערשוועמענדע עמיגראציאן, דאך, איז דער צאהל פאן אידען אין אייראפא ניט קלענער הייטע אלס צוואנציג יאהר צוריק, און דיא פערמעהרונג אין דיזען לאנד איז גאנץ נאטירליך, זא וויא עס איז דער פאקט מיט אונז אימער צו. אלזא, אין מצרים האבען זיך אונזערע אידען פערמעהרט פאן 70 פערזאן אויף 6 מאהל הונדערט טויזענד צוואנציג יאהריגע מענער, בלויז אין א פאר הונדערט יאהר, איז, לויט נאך איין אלגעברישען רעכנונג, האבען יעצט געדארפט זיין מעהר אידען אלס עס גיבט מענשען אויף דעם גאנצען ערד קוגעל! וואס איז דיא אורזאכע וואס מיר צייהלען בלויז 10-12 מיליאן אידען הייטע איבער דער גאנצער וועלט? וואו זיינען אהינגעקאמען זא פיעלע מיליאנען אידען, און וואס איז געווארען פאן זייא? וואס איז דיא אורזאכע דאס אין פיעלע גרויסע און צאהלרייכע לענדער וויא אינדיען, כינא, יאפאן, אפריקא און סויט אמעריקא גיבט גאר קיינע אידען הייטע, ווארום??

דאס דריטע פראגע וועט זיין: מיר געפינען אין דער תורה, ווען יעקב איז געבארען געווארען, שטייהט וידו אוחזת בעקב עשו. עשו איז געבארען געווארען פריהער, און יעקב האט זיך נאך געשלעפט נאך איהם, און האט איהם אנגעהאלטען ביין טריט! דיא תורה, וועלכע ענטהאלט אין זיך מיליאנען זעקרעטען, דיא תורה, וועלכע ווערט שאן געשטודירט טויזענדע יאהרען און מען וויים נאך אלץ נים וואס דארין טוהט זיך, דיא תורה, וועלכע איז ארכה מארץ מדה, ורחבה מני ים, לייגגער פיר דער וועלט, און ברייטער פיר דען מעער; וועמעס ווערטער זיינען פערלען, וועמעס זאצען זיינען שאטצען, און וועמעס פערזען זיינען אונערשעפפליכע מינען, דיזע תורה וועט רעקארדען אזוי א קלייניגקייט אין איהרע בלעטער? וואס איז אונז דער אונטערשיעד וויא יעקב איז געבארען געווארען? וואצו דארפען מיר עס וויסען דאס יעקב האט זיך אנגעהאלטען אן זיין ברודער? וואס פיר א זינן ליגט דא?

איינע פירטע פראגע. דיא תורה דערציילט ווייטער אין דער געשיכטע, יעקב האט אבגעקויפט דיא בכורה פאן עשו, פיר א טאפ לינזען, עשו שיינט צו זיין העכסט צו פריעדען מיט'ן געשעפט, ער זאגט הנה אנכי הולך כמות ולמה זה לי בכורה? עשו גיבט ניט דארום, ער דארף דיא בכורה ניט. און דאך, ווען

עס קומט צו וואס, מאכט עשו גוואלדען, יעקב האט איהם אבגענארט! ויעקבנו זה פעמים! מיט וואס איז דא יעקב אזוי גליקליך? וואס פיר א זינן ליגט דא אין דער גאנצער געשיכטע? —

איינע פינפטע פראגע. בייא יציאת מצרים זאגט דער פסוק ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים, גאטט זאגט ער וועט מאכען א חורבן אונטער דיא געט־טער פאן מצרים, גאטט וועט זיך אברעכנען מיט דיא ארעמע געטצקעס! גאטט פאן דער גאנצער וועלט, איהם שטייהען זייא אין וועג! ער מוז זיך נוקם זיין אן זייא!? וואס מיינט עס? —

דאס זעקסטע פראגע. בייא מתן תורה געפינען מיר אתם ראיתם את אשר עשיתי למצרים וגו׳. גאטט דער ציילט דיא אלע גליקען וועלכע ער האט אידען געלייסטעט— ועתה אם שמוע תשמעו בקולי וגו׳, יעצט אויב איהר וועט מיר געהארכזאם זיין און האלטען מיין בונד, והייתם לי סגלה מכל העמים, וועט איהר זיין בייא מיר דיא אויסגצייכנעסטע פאן אלע פעלקער, כי לי כל הארץ ווארום דיא גאנצע וועלט איז מיינע! וואס פיר איין אורזאכע איז דאס, דאס דארום זאלען אידען זיין גרעסערע יחסנים פאן אלע אנדערע פעלקער? —

איינע זיבטע פראגע. מיר געפינען איין אויסדרוק אין ישעי׳ כ״ט כה אמר ה׳ אל בית יעקב אשר פדה את אברהם, זא זאגט גאט צו דעם הויז פאן יעקב וועלכער האט אויסגעלייזט אברהם׳ען. אין פשט פאן פסוק איז דאס גאנץ איינ־פאך, גאטט, וואס האט אויסערלייזט אברהם׳ען, דער מדרש מאכט דא אבער א שפיצעל אין פסוק, דער מדרש זאגט: מי פדה את מי? יעקב פדה את אברהם! ווער האט אויסגעלייזט אברהם׳ן! ווען האט דאס יעקב אויסגעלייזט אברהם׳ן? און ווען האט אברהם געדארפט מען זאל אויסלייזען? איז יעקב דען גרעסער פיר אברהם דאס ער זאל אויסנעלייזט ווערען צו ליעב זיין זכות? וואס וויל דער מדרש אונז ערקלעהרען מיט דיזע ווערטער? —

דאס אכטע פראגע. וואס איז דיע אורזאכע, ווען אידען זיינען יא אזוי פרים ורבים, ווארום דערציילט אונז דיא תורה דאס אלע אמהות אויסער לאה, ווארען אלע עקרות? עס מוז דאך זיין וואס אין דיזער ערציי̈הלונג.

דאס נײנטע פראגע. וואס איז דער מיין אין דיע ווערטער פאן אונזער הייליגען משורר: שחורה אני ונאוה בנות ירושלים, איך בין שווארץ און שעהן דאמען פאן ירושלים! כאהלי קדר כיריעות שלמה. זא וויא דיא געצעלטען פאן

טאטארען, וויא דיא טעפיכע פאן שלמה, אל תראוני שאני שחרחרת, ששזפתני השמש, קוקט מיר ניט אן וואס איך בין זא פערשווארצט, פערברענט פאן דער זאנע, בני אמי נחרו בי, דיא קינדער מיינער מוטער האבען זיך געוואטען ווענען מיר, שמוני נוטרה את הכרמים, זייא האבען מיר געמאכט איינע אויפפאסערין אויף דיא וויינבערגער, כרמי שלי לא נטרתי, מיין אייגענעם וויינבערג האב איך ניט אויפגעפאסט! דיזע מערקווירדיגע ווערטער פאן אונזער פאעט זינד זא אונ־פערשטענדליך, דאס איך מוז אפען דאנקען גאטט פיר דאס ליכט ער האט אויף מיר ערשיינט אום צו בעגרייפען זייער טיעפזינניגע געדאנקען.—

דאס צעהנטע און אויך דיא לעצטע פראגע. ביי איין ארעמען און עטוואס פעררוקטען דייטשע האט מען א מאהל געגנבעט א פאר שטיוול, דיא נעקסטע וואכע קויפט ער איין אנדער פאר און מען גנב'עט זייא אויך צו. דער דייטש שטייהט און טראכט, אם ענדע, זאגט ער: יא, אבער וואצו ברויכט דער דיעב צוויי פאר שטיוול? — איהר לאכט פאן אזא משוגענע פראגע! איך ווער אייך פרעגען איין עהנליכע פראגע, און דאך וועט איהר גאר ניט לאכען, וואצו דאר־פען אידען האבען צוויי נעמען, יעקב און ישראל?! נאך וויניג נעמען האבע מיר אין אלע לענדער! שימפף־נעמען און אויך שענדליכע, וויא עס איז גוט בע־קאנט צו אונז, עוויגע וואנדערער, וואצו ברויכען מיר נאך צוויי אריגינאלע נעמען אין דער העברייאישע שפראכע? נאך מעהר וואונדערבאר וועט זיין, ווען מיר זאלען אנאליזירען דיא בעדייטונג פאן דיזע צוויי נעמען, שטעלען זייא פאר איין העכסט אינטערעסאנטען קאנטראסט, וועלכע מאכט דיזע פראגע נאך מעהר מערקווירדיג, דאס ווארט יעקב קאמט פון דעם שרש עקב, וועלכער מיינט: אפ נארען, בעטריגען, לויערן, אויך אנהאלטען אדער אבהאלטען, ביין טריט. דיא לעצטע ווערט גוט בענוצט אין תלמוד. דער נאמען ישראל אבער קאמט פאן שרש שר אדער שרה, וועלכע בעדייטעט: רעגיערען, הערשען, דיקטירען. א שיינער אונטערשיעד צווישען דיא צוויי נעמען: איינער צייגט דאס ניעדריגסטע, דער צווייטער — דאס העכסטע! —

אום צו ערקלעהרען און בעאנטווארטען אלע דיזע פראגען מוזען מיר מאכען דיזע פאררעדע:

דאס גאנצע מענשהייט אויף דער וועלט, איז פאן דער נאטור ארויסגע־קאמען גאנץ ווילד, גראב און אונגעבילדעט, גאר ניט וויט פאן דער טיהער־רייך, עס ווער אהנע זיטען, אהנע מאראל, אהנע צו וויסען וואס איז רעכט און וואס

איז אונרעכט, ברוטאלע קראפט האט געהערשט איבעראל, און דער שטארקער האט געטאהן מיט'ן שוואכען וואס נור ער האט געוואלט, מארד און רויב, וואר פול דיע ערד, און זעטיגען דען לוסט וואר דאס איינציגע שטרעבען. — אונ־וויסענהייט בריינגט אויך אבערגלויבען, מיט דער צייט, האט דאס מענשהייט אנגעפאנגען צו בעהערען און פערגעטערן אלעס וואס האט אין זיך א קראפט; און אלע בעשעפניסע, צוזאמען מיט'ן מענשען ווארען פערוואנדעלט אין געטער,— דאס גאטהייט קענן ניט ליעבען אזא מענשהייט! און דארום, באלד וויא דיע צייט האט פראדוצירט איינינע פיינע, גוטע, אדעלע, קלוגע און געזיטעטע מענ־שען, האט באלד דאס גאטטהייט זייא און זייערע נאכקאמענדע, ערוועהלט אלס מוסטער, אלס לעהרער פיר דאס גאנצע מענשהייט, אום דיא גאנצע וועלט זאל האבען פאן ווענמען זיך לערנען. און זא, איז ענטשטאנדען, דאס איין קליינע נא־ציאן איז אויסערוועהלט געווארען פאן אלע איבריגע נאציאנען אויף דער וועלט, און האט באלד, פאן איהר פריהעסטען יוגענד עמפפאנגען דיא געטליכע ערשיי־נונג; האט מיט געמאכט וואונדערבארע אוננאטירליכע צופעלע, וועלכע צו קיין נאציאן איז זא וואס פארגעקאמען; און צו וועלכע איז געגעבען געווארען איין קאדעקס פאן דאס בעסטע געזעצע, געבאטע און ארדנונגען, וועלכע זינד אימ־שטאנדע צו מאכען גליקליך דאס לאנד וואו זייע ווערען אויפגעפאסט און פראק־טיצירט; און דאס פאלק דעראן, זאל ווערען בענײדעט בייא, און זיין א מוס־טער צו, אלע אנדערע פעלקער; —

דיזע נאציאן, איז קיין אנדערע בלויז דאס אידישע, וויא משה רבנו ע"ה ערקלעהרט עס גאנץ גרינדליך אין דברים, און דארום, בייא מתן תורה זאגט ער אין דען נאמען גאטטעס, אתם ראיתם את אשר עשיתי למצרים וגו', איהר האט געזעהן דיא אלע וואונדער וואס איך האב פיר אייך געטאהן אין מצרים, א. ז. וו. און דארום, אויב איהר וועט אנגעהמען מיינע געבאטען און אנהאלטען מיין בונד, און דאדורך וועט ערפילט ווערען מיין ציעל, דאן וועט איהר זיין איין עם סגלה, איין אויסערוועהלטע פאלק, אלס מוסטער פיר אלע אנדערע פעלקער, כי לי כל הארץ, דען דיע גאנצע וועלט איז מיינע, דאס הייסט: ווילדע, אונגע־בילדעטע פעלקער, האב איך גענוג, איך וויל אבער האבען איין נאציאן וועלכע זאל קענען דיענען אלס לעהרערין פיר דער וועלט, אויב ניט, וואצו דארף איך אייך וואס בעזאנדערש? און איהר מוזט אויך האבען דעם זעלבען שיקזאל וויע

אלע אנדערע זעלבע פעלקער וועלבע מוזען מיט דער צייט אונטער גייהן I (פראגע 6).

עס העטטע אלעס גוט געוועזען, און גאטטעס ציעל וואלט ערפילט געווארען, נאך מיט דרייא טויזענד יאהר צוריק, באלד וויא אידען האבען זיך בעזעצט אין זייער לאנד, ווען נור אונזער פאלק וואלט נאכגעפאלגט אין דער זעלבער וועג וואס משה רבנו האט זייא פארגעשריבען. ליידער אבער, וואר דער צו פאל ניט אזוי. מיט דער צייט האט אונזער פאלק אלעס פערגעסען; דיע מאססען, ווארען גראב און אונוויסענד; מען האט אנגעפאנגען נאכאהמען דיע ארומיגע פעלקער אין אלע זייערע ניעדערטרעכטיגקייטען, און אידען ווארען שאן גיט מעהר, אין פראקטישען, איין עם סגלה. פיעלע פראפעטען און געלעהרטע זינד אויפגעשטאנדען צו יעדער צייט, האבען ערמונטערט דאס פאלק; אין מאנכע צייטען, זייא עטוואס אויסגעבעסערט, אין מאנכע, קיין ערפאלג געהאט, בלויז שאנדע און שפאט. זא האט עס זיך לאנגזאם געצויגען, אימער ערגער, ביז דאס לאנד האט אידען פאן זיך אויסגעשפיגען, וויא דיע פאריגע פעלקער, גראדע וויא משה האט זייא פאראויס געזאגט.—

גאטט האט אבער אידען ווידער געפרובירט: אין זיבציג יאהר שפעטער, וואר אונזער פאלק, אין א גאנץ קליינע צאהל, זאגאר, צוריק אין זייער לאנד. מיט פיעל בעסערע אויסזיכטען אויף דער צו קונפט. מיט אויך בעסערע צייטען אין פיעלע פעריאדען, אבער דאך אהנע ערפאלג, און אם ענדע ווארען זייא גענצליך ארויסגעזעצט פאן זייער לאנד, אלס פאלק פערניכטעט, און צערשטרייעט איבער אלע לענדער, און, זייט צוויי טויזענד יאהר, אלס וואנדערער אויף דער וועלט, פערהאסט און פערפאלגט איבעראל.—

דאך אבער איז דאס אידישע פאלק ניט געשטארבען, און וועט אויך ניט שטארבען. און גאטטעס ציעל, דורך אידען, ווערט אימער פארטגעזעצט, גאנץ לאנגזאם, אבער דייטליך. אידען וויא שלעכט זייא זאלען ניט זיין, דאך זיינען זייא אימער בעסער פיר אלע אנדערע נאציאנען. דאס אידישע אינטעליגענץ דרינגט דורך אלע געגענדען וואו אידען קאמען אין צוזאמענהאנג; דיע ווערקע פאן אידישע געלעהרטע האבען פערפלייצט דיע וועלט; דיע ביבעל זעלבסט איז שאן איבערזעצט אין אכט הונדערט שפראכען, זא דאס דיע לעהרע גאטטעס דערגרייכט שאן דיע ווייטעסטע געגענדען פאן ערד־קוגעל; פיעלע פעלקער האבען שאן געעפענט דיע אויגען געגען גאטטעס ליכט, וועלכע האט אנפאנגס

געשיינט אויף אידען, פיעלע האבען קופירט פאן אידישעז רעליגיאן, און שטייהען פיעל נעהנטער צו דער ווארהייט, וויע אירגענד אין אנדערע צייטען, און אים אלגעמיין, ווערט דיע וועלט אימער אדעלער און בעסער וויע פארהער; אידישער מיס'אן ווערט אימער פארט געזעצט! —

מיט איין זאכע איז דיזער מיסיאן שאן באלד פערטיג, און דאס איז דאס פערניכטונג פאן געטצענדיענסט. אין פיעלע פעללע—דורך אפפערען פאן לעבען, מיינסטען אבער—אונבעוואוסטזאם„ האט אונזער פאלק פערניכטעט דאס געט־צענדיענס„ פאן דיע אלע פעלקער מיט וועלכע זיע זיינען געקאמען אין בעריה־רונג; זא דאס יענע אלע פעלקער זינד שאן לאנגע צור גרונדע געגאנגען, און פאן זייערע געטטער איז קיין אנדיינקונג געבליבען. (פינפטע פראגע,) מאנכע פעלקער שרייען נאך הייטע, דאס דיע אידען האבען אומגעבראכט זייער גאטט. אה, וויע דום! איין גאטט האבען אידען אומגעבראכט? טויזענדע האבען זייע שאן פערניכטעט! דאס איז איינע פאן דיע הויפטזאכען פאן זייער מיסיאן! גלייך פאן געבורטה פאן אונזער נאציאן האבען מיר שאן אנגעפאנגען א קאמפף געגען געטצענדיענס. אברהם אבינו, דער ערשטער איד, ווען ער וואר נאך א קינד, האט שאן צו בראכען זיין פאטערס געטטער, ער וואר דענאנסירט צום קעניג נמרוד, און דער האט בעפוילען איהם אריין צו ווארפען אין ברענענדען קאלך־אויוועז; אברהם ווערט אונגאטירליכער וויזע גערעטעט פאן דיע פלאמען, (יעקב פדה את אברהם, צו ליעב דען אידישען מיסיאן ווערט אברהם גערעטעט. פראגע 7,) און נמרוד מיט זיין פאלק בלייבען נארען מיט זייערע געטטער. אברהם אבינו גייהט נאכהער, נאך פאלעסטינע, און פריידיגט איבעראל אין נאמען גאטטעס, ער קריגט פיעלע אנהייגער, און ווערט נעעהרט און געאכטעט איבעראל; זא וואר יצחק, זא וואר יעקב און זיינע נאכקאמענדע- רחל גנב'עט צו איר פאטערס גאטט, פערשטעקט עס אונטערן זאטעל, און לבן בלייבט וויע א בער אהן א טאשען־טוך, און ווייס ניט וואס צו טאהן. יעקבס קינדער פערניכטען דער שטאדט שכם, בעגראבען זייערע געטטער טיעף אין דער ערד, ניט וויט פאן דער שטאדט! דיע עגיפטער גלויבען זייער שטארק אין זייערע געטטער מיט פרעה אן דער שפיצע, זייא פערשקלאפען אידען און, זאגען קיינער קען זייא ניט רעטען, „לא ידעתי את ה׳ ואת ישראל לא אשלח"! זייע קריגען גוטע קלעפ, און מוזען אידען בעפרייען, און זייערע געטטער קענען נעבאך גאר ניט העלפען! אידען גייהען נאכהער אריין אין ארץ ישראל, פערניכטען פיעלע פעלקער און זייערע געטטער ווערען צו זאמען מיט זייע

בעגראבען. נבוכדנצר מלך בבל מאכט א צלם זעכציג איילען הויך, רופט אויף אלע פעלקער זייע זאלען עס דיענען, דרייע אידען לאכען זיך דאפאן אויס, דער גראסער קעניג ווערט צערניג; מען ווארפט זייע אריין אין א ברענענדען קאלך־אויווען, זייע ברענען אבער ניט! און נבוכדנצר, וואס האט בעזיעגט דיע גאנצע וועלט, פאלט צו זייערע פיס, און אנערקענט דען אידישען גאט, אין געגענווארט פאן יענער גרויסער פערזאמלונג פאן דיע רעפרעזענטאנטען פאן אלע פעלקער! דניאל צו ברעכט דעם תנין און דעם בל. צוויי געטער פאן בבל, און ערצייגט דיע איינוואהנער זייער דומהייט, און דיע פאלשקייט פאן זייערע פריסטער! שפעטער דער זעלבער דניאל, דורך נייד און האס, ווערט אריין געווארפען אין לייבען גרוב, דער קעניג ווארט מיט אונגעדולד צו הערען דעם רעזולטאט, קאמט מארגען גאנץ פריה און רופט דניאל, דניאל ענטפערט פרייע און מונטער, און דער גרויסער דריוש ערקלערט דניאל'ס גאטט אלס איינער אויף דער וועלט! דיע גרעכען בע־פאלען דאס אידישע לאנד, פערניכטען אלע הייליגטהימער, און פערביטטען אי־דישער רעליגיאן, איין האנד־פול אידען אונטער דער פאהן דער מאקאבייער, צערשמעטערן דיע גרויסע מאכט פאן דיע גרעכען, פערטרייבען זייע אין גאנצע פאן דער לאנד, קאמען צו ריק אין טעמפעל מיט לויב־געזאנג, און דיע גאנצע וועלט ערשטוינט צו זעהען דיע וואונדער פאן אידישען גאטט! דיע רוימער ברענען אידען פיר לערנען זייער תורה, פיר האלטען זייער רעליגיאן, אידען טוהען דאס זייעריגע, אבער ראם ווערט פערזונקען צו זאמען מיט איהרע געטטער, און ווערט פערניכטעט פאן אונטער דער זאננע, און אידען בלייבען דיע זעלבע! אלע פעלקער פאן אייראפא ארבייטען מיט אלע מעגליכקייט צו פערניכטען דאס יודענטחום, האלטען אן א קאמפף געגען אידען מיט פייער און שווערט פיר 18 הונדערט יאהר, אבער אייראפא מוז מיט שאנדע אויפגעבען דעם קאמפף, און מוז אנער־קענען דאס יודענטהום איז אונצערשטערבאר!

יא, אין דעם הינזיכט פאן געטצענדיענס האט דאס אידישע מיסיאן שוין פיעלעס אויפגעטאהן, אבער ווענן דיע אנדערע הויפטזאכען פאן אונזער מיסיאן, דאס הייסט צו זיין אלסביישפיעל פיר דער וועלט אין לעהרע, גוטע זיטטען און וואהרהייטען, צו זיין איין עם סגולה און דיענען אלס מוסטער פיר אלע פעלקער, און זא וויטער? — און ווירקליך, אידען האבען זא ניעדעריג געזונקען אונטער דיע פעלקער, דאס עס קען דאפאן גאר קיין רעדע זיין. שאן צוויי טויזענד יאהר וויע מיר זיינען צו שפרייט און צו זייעט איבעראל, פערפאכט און געדריקט אונטער

אלע פעלקער, געיאנט און געפלאגט אין אלע לענדער, קיין היים און קיין פלאטץ און קיין זיכערע בעשעפטיגונג, דאס ווירקליך, אידען שטעלען פאר איין לעבעדיגען גראסען פראגע צייכען אין דער וועלט! עס איז דאס וואונדערבארסטע, וויע זא זייע האבען איבער געלעבט זא פיעל פלאגען און פערפאלגונגען, איבער הויפט, אין דיע פינסטערע יאהר הונדערטע פאן מיטעל עלטער, נאטירליכער ווייזע העטען זייע עס ניט געקענט דורכמאכען, זייער עקזיסטענץ זעלבסט איז אין גאנצען אוננאטירליך! (דא גיט אונזער געשיכטע אוואונק: דיע אמהות ווארען עקרות, און דאך, ובני ישראל פרו וישרצו! פראגע 8.) רוסלאנד, רומעניען, פערסיען און מאראקא און פיעלע אנדערע לענדער, שטעלען נאך הייטע פאר דעם קלעגליכע בילד פאן אידישען לעבען; אלעס איז איהם פערבאטען צו טאהן, פאן דער רעגירונג, און וואס ער טוהט איז אלעס געגען דעם געזעטץ. אלע וועגען צו מאכען א לעבען זיינען פיר איהם פערצאמט, און אלע מיטלען צו קענען עקזעסטירען זיינען איהם פערוועהרט. נאטירליכער ווייזע מוז דער איד אלע פאלשקייט, בעטרוג שווינדלערייע און אלע שאנדטהאטען בעגייעהן, אום אלעבען צו מאכען, עהרליבער ווייזע קען ער עס אויף קיין פאל עררייכען. און נאכהער ווארפט מען אייך: דער יודע, איין בעטריגער! (דער גרויסער מאקאלי האט געזאגט: דער איד איז וואס דיע פעלקער מאכען פון איהם!) בייע דער רעגירונג איז ער פערהאסט, דיע מאססען שימפפען און טאדלען איהם, ער ווערט אפט בעפאלען, און געמערדערט און בערויבט, און דיע רעגירונג שטייהט פאן וויטען און לאכט, אין דיע פינסטערע יאהרהונדערטע, ווער דער איד קיין מאהל ניט זיכער מיט זיין לעבען, מיט זיין פאמיליע און מיט זיין פערמעגען, און ער האט אימער געמוזט קויפען זיין זיכערהייט, זיין פרייהייט, זיין עקזיסטענץ מיט אלערלייע מיטלען צור האנד: דעם געמיינעם קערל מיט א טרונק בראנפען, מיט אהערינג, מיט א טאפ לינזען און דאס גלייכען, דיע העכערע בעאמטע דיע אדעליגע און זאגאר דיע קעניגע זעלבסט, מיט געלד און מיט קאסטבארע געשענקע, זאנסט קאנטע ער ניט עקזיסטירען.- יעקב, איז דער אידישער טיפ אין דיע גלות לענדער. ער מוז קויפען דיע בכורה דיע אויבערמאכט. דאס פארצוג, פאן עשו דערווילדער קערל, דער מוזשיק, וועלכער לעבט נאר מיטן היינט, וועלכער האט קיין צוקונפט, און זאגט הנה אנכי הולך למות, און פערקויפט אלעס פיר דעם געגענווארט. און דאך, ווען עס קאמט צו וואס שרייעט דיזער פויער אויך, יעקב האט אויגענארט פאן איהם דיע בכורה! יעקב האט איהם בעטראגען! (פראגע 4)

און זא ווערט דער איד פערשווארצט און פערפינסטערט איבעראל, און איז פעריאגט און פערצאגט, און מוז שוועהר פערדינען זיין ברויט, און מוז מיט מאבען דיע שווערסטע און שמוציגסטע ארבייט אום צו עקזעסטירען, און האט גאר קיין צייט הערומצוקוקען אויף זיך און נאבדיינקען וועגען זיין אידעאל וועגען זיין מיסיאן אויף דער וועלט. און דער גוי לאכט זיך אין דיע ארמעל, און זאגט: זעה נור דיע שמוציגע יודען, זייע האלטען זיך נאך פיר איין אויסערוועלטעס פאלק! — דאמיט פערשטייען מיר שאן אונזער הייליגען פאעט (פראגע 9) אין שיר השירים, דאס יודישע נאציאן אדרעסירט זיך צו אלע קריסטליבע און מאחמאדאנישע פעלקער, וועלכע זיע רופט בנות ירושלים, וועלכע האבען זיך ארומגעריסען און ארומגעשלאגען הונדערטער יאהרען אום צובעזיצען ירושלים, דאס הייסט פאלעסטינע און זאגט העכסט סאטיריש: שחורה אני ונאוה בנות ירושלים, איך וויס איך בין שווארץ און שמוציג, אבער דאך פיעל שעהנער פאר אייך דאמען פאן ירושלים! כאהלי קדר, איך בין פערשווארצט געווארען בייא אייך וויע דיע צעלטען פאן דיע ציגיינער, איך האב דאך אויך ניט בייא אייך קיין זיכערען פלאטץ, איהר יאגט דאך מיר ארום פאן איין פלאטץ אויפ׳ צווייטען, אזוי וויע דיע ציגיינער וואס איז דער וואונדער וואס איך בין אזוי שווארץ? איך בין אבער דאך שעהן כיריעות שלמה, (דער מדרש זאגט דיזער נאמען אין גאנץ שיר השירים מיינט גאטט) וועלכער ווערט ענדליך בריינגען פריעדען אונטער דיע פעלקער, ווען זייע וועלען אנערקענען דיע וואהרע גאטהייט.) וויע דיע טעפיכע גאטטעס, וועלכער האט מיר אויסערוועהלט פאן אייך אלע, און האלט מיר צווישען זיינע פארהענגע, בעשיצט פאן אייערע פערפאלגונגען, און לאזט מיר ניט אונטערגייהן צווישען אייך! און זיע זאגט ווייטער: אל תראוני שאני שחרחרת, קוקט מיר ניט אן זא שפאטיש דאס איך בין זא פערשווארצט, זא שמוטציג, זא נידריג, דאס איך מוז האנדלען זא לומפיג, דאס איך מוז זיך בעשעפטיגען מיט אלע ניעדריגקייטען, דאס האט איהר אליין שולד דארין! איך בין אבער ניט אזוי פאן דער נאטור, ששזפתני השמש, בלויז דיע זאננע האט מיר דונקעל געמאכט, מיינע שלעכטע אומשטענדען האבען דאצו געבראכט! בני אמי נחרו בי דיע קינדער פאן דער מענשהייט, פאן אונזער מוטער ערד, האבען זיך אלע געואטען וועגען מיר, ווער עס וועט בעסער מיר קענען פלאגען, ווער עס וועט מעהר מיר קענען מאטערן, שמוני נוטרה את הכרמים, זייע האבען מיר געמאכט זיך צו בעשעפטיגען מיט אלע ניעדריגע און שמוטציגע ארבייט. כרמי שלי לא נטרתי

זא דאס מיין אייגענעם אידעאל, מיין אייגענע לעהרע, מיין אייגענע רעליגיאן, האב איך ניט געקענט אויפפאסען. איך בין אבער, אין דער ווירקליכקייט ניט דאס וואס איר מיינט איך בין, איהר וועט נאך זעהען וואס פאן מיר וועט אמאהל נאך זיין אין דער גליקליכער צוקונפט!—

יא, עס איז צו בעדויערן דיע אונגליקליכע צושטאנדע וועלכע איז ענט־שטאנען פאן דיע אונגליקליכע צופעללע פאן דיע פינסטערע צייטען, עס איז אבער מעהר צו בעדויערן דיע קלעגליכע צושטאנדע, וועלכע אונזערע אידען האבען אויף זיך זעלבסט געבראכט, דורך אונוויסענהייט און נאכלעסיקייט. עס איז וואר, דאס געוואהנהייט ווערט מיט דער צייט א צווייטע נאטור; דאך אבער, האבען אונזערע אידען געהאט פיעל מאהל, גוטע געלעגענהייטען אום צו פערבעסערן זייער מא־ראלישע און גייסטליכע צושטענדע, אום צו ארבייטען וועגען זייער מיסיאן. זייע האבען אבער דיע געלעגענהייט ניט בענוצט, און האבען דארום צוריק געזונקען אין שמוטץ און פינסטערקייט. עס האט פאסירט פיעלע מאהל אין דעם לאנגען גלות, וואו מאנכע פאן אונזערע אידען האבען זיך בעזעצט אין נייע פלעטצער, און מאנכע, זאגאר ווא דיע רעגירונג האט זעלבסט אנגעבאטען צו בעזעצען, זייע האבען בעקאמען פיעלע פרייהייט און גלייכע רעכטע מיט אלע איינוואהנער. אבער אנשטאדט זיך צו גרינדען אין שעהנע אידישע געמיינדען צו פערשפרייטען וויסענשאפט און לעהרע, און פערשטארקען זייער רעליגיאן,. זא דאס דיע פעלקער זאלען זייא עהרען און שעטצען און לערנען פאן זייא וואס גוטעס, און דער אידישער מיסיאן זאל פארט געזעצט ווערען — אנשטאדט דאס, האבען אונזערע אידען דיזע גוטע געלעגענהייטען אין גאנצען פערנאכלעסיגט, האבען אן זיך זעלבסט אין גאנצען פערגעסען, האבען זיך אימער מעהר ערנעהענטערט צום פאלק, אימער מעהר מיט איהם אסימילירט; דער יונגער גענעראציאן האט פאן יודענטהום גאר ניט געוואוסט, גאר ניט געלערנט. מיט דער צייט האבען זייא פערגעסען זייער שפראכע, זייערע טראדיציאנען, זייערע זיטטען און זייערע אלעס, און האבען זיך מיט דער צייט אבגעריסען פאן אידישען קערפער, און אבגעשטארבען פאן יודענטהום! — צום בעדויערן האבען מיר דאפאן פיעלע ביישפיעלע אין אונזער געשיכטע. איך וועל אבער ציטירען צוויי וועלכע זינד מעהר בעוואוסט. דיא עשרת השבטים, וועלכע ווארען זייער צאהלרייך, ווארען פערטריבען פאן זייער לאנד נאך דיא ווייטע געגענדען פאן אשור. דיא קעניגע פאן אשור ווארען טאלעראנט צו זייערע בעזיעגטע פעלקער, זייע האבען זייא

בלויז איבערגעזעצט פאן פאטערלאנד נאך פרעמדע גענענדען, דאס וואר דיא פאליטיקע אין דיא אלטע צייטען; זאגסט האבען דיא בעזיעגטע געהאט אלע פרייהייטען אין זייער נייער היימאטה, זא וויא סנחרב האט געזאגט צו יהודה, עד בואי ולקחתי אתכם אל ארץ כארצכם, ארץ דגן ותירוש, ארץ לחם וכרמים. וואס איז אבער געווארען פאן דיא עשרת השבטים? גאר ניכטס! זייא האבען זיך אין א קורצע צייט פערמישט מיט דיא אנדערע פעלקער פאן זייער נייע לאנד, און ווארען אבגעשטארבען צום אידישען פאלק אויף אימער, וויא דיא גמרא זאגט, עשרת השבטים אינם עתידים לחזור, דיא זעלבע געשיכטע וואר מיט יהודה ובנימין. דיזע צוויי צאהלרייכע שטאמען, וועלכע ווארען פערטריבען 135 יאהר שפעטער נאך בבל, האבען זיך בלויז אין 70 יאהר זא פיעל אסימירירט מיט דיא באבילאנישע פעלקער, און גענצליך אבגעשטארבען צום יודענטהום, דאס זאגאר וועגן כרש מלך פרס האט אידען ערלויבט צו גייהן צוריק נאך ארץ ישראל, האבען זיך בלויז 44 טויזענד אומגעקעהרט נאך זייער פאטערלאנד און זייער פאלק; דאס האט אויך גענומען יאהרען לאנג, פאן דער גאנצער מאסע אין בבל אבער איז גאר ניט געווארען, און ווארען פערלארען צו אונז אויף אימער. — דיזע 44 טויזענד האבען פאן דאס נייע אבגעבויט דען אידישען פאלק, און פאן דיזע קליינע צאהל, האבען מיר יעצט, נאך 22 הונדערט יאהר, בייא א צעהן מיליאן אידען אויף דער וועלט! —

דיזע צוויי ביישפיעלע האבען זיך, צום בעדויערן, ווידערהאלט הונדערטער מאהל אין אונזער געשיכטע, און וואו נור אונזערע אידען האבען געהאט צו פיעל פרייהייט, זינד זייא לאנג אבגעשטארבען צו אונזער פאלק. וויא דער כינעזישער געזאנדטער נאך אמעריקא האט געזאגט מיט אייניגע יאהר צוריק פיר אגרויסען פובליקום; דיא קריסטליכע וועלט האט פיר 18 הונדערט יאהר געשטריטען געגען יודענטהום מיט פייער און שווערד, זיא האט אבער גאר ניכטס געוואונען! אידען זיינען הייטע פול גאנץ אייראפא, און זיינען בעסער אב וויא פארהער. מיר אבער האבען זייא, טויזענדע יאהר צוריק, געגעבען אלע פרייהייט, און, דאמיט זייא פערניכטעט זא דאס מיר האבען קיינע יודען שאן לאנגע ניכט! אידען פערבלייבען טרייע צו זייער פאלק בלויז וואו און ווען זייא ווערען געיאגט און געפלאגט, און ווערען דערמאנט דאס זייא זענען אידען. זא וויא דיא גמרא זאגט, יאה עניותא לישראל. אין דיא פרייע לענדער, אבער, שטארבען זייא אפ אין גרויסע מאסען, און ווערען אבגעריסען פאן יודענטהום. דארום איז שאן

רעכט וואס אידען מוזען זיין פרים ורבים, ווייל זייער פערלוסט איז זא אונגעה־ הייער גרויס, זא וויא דער פילאזאף הערבערט ספענסער זאגט: יעדע זארט פאן דיא לעבענדיגע פערמעהרט זיך אין פארציאן נאך זיין פערלוסט. און דארום איז שאן רעכט דאס אבוואהל אידען פערמעהרען זיך זא פיעל, גיבט דאך פיעלע לענדער וואו אידען געפינען זיך הייטע גאר ניכטס. — (פראגע 2).

וואס איז אבער דיא הויפט אורזאכע וועלכע רייסט אב אימער צו גרויסע מאסען פאן אונזער שטאם, און גייהען פאן אונז פערלארען? דער פעהלער מיט אונז איז, דאס מיר האבען פאן דער נאטור דיא נאכאהמונגס־קראפט אין אגרויסע פארציאן. אונזערע אידען האבען פאן אייביג אן דעם נאטור נאכצור־ טאנצען דעם גוי אין אלע הינזיכטען, קיין נאציאן האלט אזוי קליין איהר זעלבסט — עהרע, וויא אונזערע אידען. אידען שעהמען זיך מיט אלעס וואס עס איז אידעש, און טוהען ליבערסט נאך וואס דער גוי טוהט, אונגעאכטעט אב עס איז גוט אדער ניט, אידישע נעמען, איז דיא גרעסטע שאנדע בייא אידען, נאר דיא גויעשע קלינגען פיר זייא דיא שעהנסטע. דיא אידישע שפראכע אין דיא ערגסטע אין דער וועלט — פיר אידען, און ברעכען זיך ליבערסט אויס דיא צייהן צו שפרעכען אנדערש וויא זייער אייגנע. קיין פאלק שעהמט זיך ניט מיט זיינע נעמען און מיט זיין שפראכע וויא אידען, זאגאר, דער אידישער טיפ איז בייא דעם אידען פערהאסט, און ווען דער איד געפינט אויס דאס דער גוי דער־ קענט איהם ניט אלס איד, פיהלט ער בייא זיך איבערגליקליך. דאס בארד איז דיא ערשטע כפרה, אין דיא לענדער וואו דער גוי טראגט קיינע, דער איד טוהט אלעס אום צו געפעלען דעם גוי, אבוואהל ער פערלאנגט עס גאר ניכט. דעם יוגענד ווערט אלעס געלערנט, נור ניט קיין אידיש; דאס אידישע קינד ווייסט גרינדליך דיא געשיכטע פאן אנדערע נאציאנען, ווייס אבער גאר ניט פאן זיין אייגענע. דיא ביבעל און דיא העברייאישע שפראכע ווערט מעהר גע־ לערנט אונטער אלע פעלקער אלס אונטער אידען, זאגאר שוהלען, בויען אידען, אין דיזען לאנד, אין אגרויסע מאסע, נור נאכצוטאהן דעם גוי, און דארום מוזען דיא שוהלען זיין, אין פארמאט און אויסזעהן גראדע ויא דיא קירכען, אום זייא זאלען ניט זיין צו ערקענען, אדאנק דעם מגן דוד; זאנסט, וואלטען אידען ניט ערקענט זייער אייגנע שוהלען. — און זא טוהען אידען נאך דעם גוי אין אלע הינזיכטען, אויסער וואס רעכטעס און גוטעס. וויא דיא גמרא זאגט במקולקלים שבהם עשיתם כמתוקנים שבהם לא עשיתם, איז דען אוואונדער

דאס דער יונגער גענעראציאן, וועלכער ווייס גאר ניכטס פאן יודענטהום, און וועלכער איז געוואהנט פאן דיא עלטערן נאכצוטאהן דעם גוי, און איהם נעפעלען צו זיין — איז עס אוואונדער דאס ער ווערט אסימילירט מיט איהם, און שטארבט אב מיט דער צייט צום יודענטהום? — זא ווייט איז דער יוד געוואהנט נאך צו טאהן דעם גוי, דאס זאגאר אין דיא לענדער וואו דער איד איז פערפאלגט און פערהאסט, און איז געבויגעו צו דער ערד, און וואס מעהר דער איד רוקט זיך צום גוי טרייבט איהם אלס מעהרעס דער גוי אב מיט שאנדע און שפאט — דאך ווענדעט אן דער איד אלע מעגליכקייט נאך צו קריכען דעם גוי און איהם נאך טאהן אין אלעס! אט דאס איז דער בילד וואס דיא תורה שטעלט פאר מיט וידו אוחזת בעקב עשו, (פראגע 3) יעקב, ווען זאגאר ער ליגט בייא עשו'ן בייא דיא פיס, און עשו בריקעט איהם אב פאן זיך, דאך, יעקב האלט זיך אן איהם פעסט, און לאזט איהם ניט אב אויף קיין פאל! —

דיזעו קלעגליכען בילד זעהען מיר, צו אונזער גרויסען בעדויערן, מיט אלע לעבעדיגע קאלארען אין דער פרייער אמעריקא, וואו אידען האבען ווירקליך געקענט זיין וואס זייא דארפען זיין; לויט נאך דיא פרייע געזעצע פאן דער לאנד! אבער די גוטע געלעגענהייט ווערט גאר ניט בענוטצט, און דאס יודענטהום היער שטייהט דארום פיעל ניעדריגער אלס אירגענד וואו. אין וועסטען און זידען שטארבט דאס יודענטהום אב פאן טאג, אבוואהל שוהלען און בשר כשר קומען צו; אידישע לעהרע ווערט אין גאנצען פערגעסען: דיא נאכאהמונג צום גוי פערשפרייט זיך איבעראל: דער צאהל פאן וואהרע אידען ווערט אימער קלענער, און דער נייער גענעראציאן רייסט זיך פאן אונזער נאציאן. זאל עמיגראציאן אויפהערען אויף 50 יאהר — און יודענטהום וועט זיין היער אזאכע דער פערגאנגענהייט, אזוי וויא אין כינא און אנדערע גרויס בעפעלקערטע לענדער! — און ווען דער געטליכער ישעיה גיט א קוק אויף אזא אידישע צו שטאנדע, אויף דעם גרויסען קאנטראסט וויא אידען דארפען זיין און וויא זייא זענען יא, דער לאננט ער א געשרייא מיט זיין דאננער־שטימע און אויך מיט א בלוטיגע הארץ; הוי גוי חוטא.... ! גוואלד אידען וואס פאן אייך איז געווארען! (פראגע 1) אנשטאט צו זיין איין עם סגולה, דאס בעסטע דער מענשהייט און דיא גאנצע וועלט זאל זיך לערנען פאן אייך, און אייך עהרען און שעצען אלס אויסערוועהלטעס פאלק — זייט איהר זא געזונקען דאס איהר זייט דיא ניעדריגסטע פאן אלע; איהר האט אין גאנצען פערלארען אייער זעלבסט־רעספעקט; איהר

האט אנגענומען דעם וואהרען טיפ פאן יעקב. אבנארעז, בעטריגען, שווינדלען און נאכשלעפען זיך נאך עשו'ס טריט, נאכמאנצען דעם גוי מיט אלע זיינע דומהייט ; פערגעסען אין גאנצען אייער תורה אייער לעהרע און אייער מיסיאן ! דיינקט איהר אזוי לאנגע צו עקזיסטירען ? אה ניין ! דיא יעקב'ס מוזען אונ־טערגייהן ; אזעלכע אידען דארף גאטט ניט, אבער איין נייע יודענטהום וועט אויפוואקסען אויף אייער פלאטץ ! —

דיזען נייעם יודענטהום, אדער דאס יודענטהום פאן דער צוקונפט, האבען אלע אונזערע נביאים פאר אויס געזעהן ; האבען גערעדט דערפאן אין פער־שיעדענע געדאנקען, עס פארגעשטעלט אין פערשיעדענע בילדער : אבער אלע שטעלען איהם פאר אין דעם זעלבען זינן, אין דעם זעלבען טאן, און מיט דעם זעלבען ציעל. עס וואלט נעהמען צו לאנג צו ברייננען דיא הונדערטע פסוקים פאן תנ"ך וועלכע ציהען זיך צו דעם זעלבען פונקט. איך וועל בלויז ארויס נעהמען איין אלגעמיינען אויסצוג פאן דיא אלע שטעלען וועלכע ריידען דאפאן, אהנע צו ציטירען דיא פסוקים זעלבסט :

ישראל'ס צוקונפט.

דאס אידישע פאלק איז אונשטערבליך. אידען וויא שלעכט און ניעדריג זייא זאלען זיין קענען זייא ניט אבשטארבען אלס נאציאן, דען גאטטעס ווילען איז אויסערוועהלען זייא פאן אלע פעלקער איז איין עווינקייט ; זא וויא עס אויבען דערמאנט, דאס איין טהייל דער מענשהייט מוז זיין אויסערוועהלט צו דיענען אלס מוסטער פיר דער גאנצער וועלט. דיזער טהייל, מוז אבער ווערען זא פיין, זא אדעל, זא פאלקאם, זא מוסטער האפט מאראליש און פיזיש, דאס עס זאל קענען דיענען פיר דיזען ציעל. מיט דער צייט מוז אלע שמוטץ און ניעדרינקייט פאן אידען ארונטער גייהן. עס וועט בלייבען אגאנץ קליינע צאל פאן זייא, דאס וועט אבער זיין דאס בעסטע און דאס אדעלסטע. דיא וועלען ווערען געאכטעט און געשעצט איבעראל. ווער עס וועט זייא זעהן וועט זייא אנערקענען אלס געט־ליכע וועזענס אלס הימלישע בעשעפניסע, אימער מעהר וועלען פעלקער זייא לערנען קענען, און אימער מעהר וועלען זייא, זייא אכטען און שעטצען זייא דיענען און זוכען זייער פריינדשאפט. מיט דער צייט, וועלען זייא צוריק ציהען נאך זייער פאטערלאנד, זיך בעזעצען דארטען און לעבען גליקליך, אין דעם בעסטען ארדנונג, מיט דער שעהנסטער רעגירונג מיט דיא פיינסטע געזעצע,

אין דער העכסטער פאלקאמענהייט. דיע שטאדט ציון וועט ווערען אלס צענט־ראל־פונקט פאן דאס גרעסטע ציוויליזאציאן, בילדונג, מאראל און גליק, אלע פעלקער וועלכע וועלען נור הערען פאן דיזער נייעס יודענ־שטאאט, וועלען נעהמען דיע פערווארפענע אידען וועלכע געפינען זיך אונטער זייא, און זייא אב־שיקען מיט דער גרעסטער עהרע און רייכטהום צוריק נאך פאלעסטינע, אין דער בענכייטונג פאן גראסע דעלעגאציאנען, אום צו לערנען פאן דער נייער שטאאט, און קופירען איהר לעהרע און איהר ציוויליזאציאן — מיט דער צייט, עלען אויך ווייטעסטע לענדער הערען פאן ציון'ס רוהם, און דאן וועט זיך אנ־פאנגען אשטראם פאן בעזוכער פאן אלע פעלקער פאן דער וועלט דורך ציון'ס טאהערן, און מיט זייא, דיא אלע רייכטהימער פאן אלע לענדער, צו בערייכען און בעציערען גאטטעס שטאדט; און ציון וועט ווערען דאס גרעסטע, דאס רייכסטע און דאס שעהנסטע שטאדט אין דער וועלט. אלע נאציאנען וועלען ווערען איהרע אונטערטהאנען און אלע פעלקער וועלען איהר בעדיענען, קעניגע וועלען בויען איהרע מויערן און פירסטען איהרע פאלאטצען, און דיא פרעמדע מאסען וועלען זיך שעטצען גליקליך צו טאהן איהרע ארבייט — אידען וועלען אנערקענט ווערען אלס דאס גרעסטע פאלק אלס גאטטעס פריסטער, אלס לעהרער און מוסטער פיר דער וועלט. — דאנן, וועלען אידען בעקאמען דעם טיטול ישראל, גאטטעס הערשער, דער הערשער פאן דער וועלט, דער לעהרער און וועג ווייזער פאן דער גאנצער מענשהייט! דאן וועט אויך ערפילט ווערען דער וידו אוחזת בעקב עשו צום בעסטען ציעל! ישראל וועט צייגען דער וועלט ויא זיך צו פיהרען, וויא צו לעבען און גליקליך זיין, קריעג און שטרייט וועט אויפהערען און געוועהר וועט פערוואנדעלט ווערען אין אקער בוי־געפעס, און פריעדען און רוהע וועט הערשען איבעראל. ישראל וועט טריאומפירען אלס אויסערוועהלטעס פאלק, און זיין נאמט אלס דער איינציגער איבער אלע פעל־קער! — און ווען ישעיהו הנביא שטעלט זיך פאר דיזען טיפ פאן אידען אין דער צוקונפט רופט ער אויס מיט פריידענס געשרייא: עם זו יצרתי לי!.... ישראל, אשר בך אתפאר!!!

יעצט פערשטייהען מיר שאן וואָרום אונזער פאלק האט צווייא נעמען. (פראגע 10) דער נאמען יעקב איז דער טיפ פאן דעם גלות־איד, דער איד אונטער דיא פעלקער, וועלכער ווערט פערשווארצט און פערפאלגט און פער־

האסט איבעראל; וועלכער האט קיין מיטעל צום לעבען, בלויז דורך שמוטץ און בעטרוג; וועלכער מוז איממער אבקויפען דיא בכורה פיר א טאפ לינזען; מוז זיך צו שמייכלען צו יעדען לומפ; און ווערט מיט דער צייט, זא גע־וואהנט צו זיין ניעדריג, דאס זאגאר אין דיא פרייע לענדער האט ער אויך קיין זעלבסט רעספעקט, און שמייכעלט זיך איממער צום גוי, אסימילירט זיך מיט איהם, פערגעסט אן זיין רעליגיאן, ניט אב אלס וואס הייליג איז, און שטארבט אב צו זיין נאציאן. — דער צווייטער נאמען, ישראל, איז דער טיפ פאן דער צוקונפט, דער וואהרער טיפ פאן אידישען נאציאן, אלע הערשער פאן דער וועלט, אלס לעהרער פאן מענשען־קינדער, וועלכער וועט מאכען אלע פעלקער גליקליך מיט זיין לעהרע מיט זיין מאראל, און וועלכער וועט הער־שטעלען א נייע גליקליכע צו שטאנדע אונטער דער מענשהייט:

דאס גליק זעליגע צוקונפט.

א צושטאנדע פאן וואהרהייט גערעכטיגקייט. און פאלקאמע צו פריעדענ־הייט; וואו אלע וועלען געניסען דיא פולע בעלאהנונג פאן זייערע ארבייט; וואו קיינע שווינדעל און בעטרוג וועט עקזיסטירען, און פאלשקייט און שמייב־לערייא וועלען זיין אוננוטצבאר; וואו מילליאנען וועט ניט זיין צו פערכאפען, און קיין זעלבסט־מארד וועט ניט דארפען פארקאמען; וואו דיא גאנצע וועלט וועט זיין פארציאנעל בעוואהנט, און איינגע לעבער מיט צעהן שטיענען וועט זיין אונבעוואוסט; וואו שפייזען וועלען זיין אונגעפעלשט, און געטרענקע — ריין און געזונד; וואו לופט און פלאטץ און בעקוועמליכקייט — פרייא פיר יעדען; וואו איינענטהום וועט זיין זיכער, און רויב און פלינדערייא — אונבעקאנט; וואו טאלאנט וועט ווערען ענטוויקעלט, און עהרליכקייט און אדעל וועט ווערען פערפלאנצט אין דען יונענד; וואו געפיהל, טרייהייט און גערעכטיגקייט וועלען רעגירען איבעראל; וואו א ווארט וועט זיין הייליג, און צו זאגען — פינקטליך ערפילט; וואו יעדער וועט שטרעבען צום נוטצען פיר אלע, און אלע — פיר יעדען; וואו ערד־פראדוקטיאן וועט זיין אוניווערסאלע ארבייט און אייגענטהום, גרינג, רייך און פרייא; וואו קיינער וועט ניט געניסען צופיעל, און קיינער צו ווייניג; וואו דיא קלאסען וועלען ניט רעגירען דיא מאסען, און דיא מאסען זא

געביכדעט וויע דיע קלאסען; וואו עס וועלען ניט זיין קיינע יחסנים און קיינע פריווילעגירטע, קיין געקרוינטע קעפ און קיין טיטולירטע ליידיג גייהער; קיינע קאסטבארע רעגירונגען, און אומנוטציגע בעאמטע; קיינע געזעץ־מאנופעקטארען, מיט אונענדליכע אמענדאמענטען; קיינע וואהלען מאכערייע, און קיינע פאליטי־שע שורקערייע; קיינע הומבאג און קיינע הינטישע שטיק. וואו צו קינפטיגע דאקטארען וועלען פערברייננען זייער צייט אין שטודירען, און מענשען־לעבען וועט זיין דאס טהייערסטע; וואו ריכטער וועלען ריכטען ריכטיג, און אדוואקא־טען וועלען ניט פערשווארצען זייערע זעעלען פיר געלט; וואו גוואלט־טהאט וועט פערשווינדען, און יעדער וועט וויסען וואס רעכט איז; וואו געפענגניסע וועלען פערוואנדעלט אין ביבליאטהעקען, און הינריכטונגס־פלעטצער — אין לוסט־גערטנער; וואו מיליטער וועט בלויז זיין פיר פאראדע, און קריעגס געוועהר — אלס אנדיינקונג פאן דער אלטער וועלט; פלאטען וועלען נוטצען פיר פאסאזש און שום־שטאף — פיר אילומינאציאנען און באדען — אויסגלייכונג. וואו יוגענד וועט ווערען ערצויגען צום העכסטען נוטצען, און עלטער וועט זיין בעזארגט מיט אלעס; וואו בעקוועמליכקייט וועט זיין אוניווערסאלע אייגענטהום, און ארבייט־גרינג און קורץ. וואו דיע זעקרעטען דער נאטור קרעפטע וועלען ווערע ענטדעקט, און דיע מענשהייט וועט פאן אלעס געניסען; וואו אלע מענשען וועלען לעבען נאך דיע געזעצע דער נאטור, און קראנקהייט און בעזע פעלע וועט זיין אזעלטענהייט: וואו וויטקייט וועט פערשווינדען, און אונמעגליכעס וועט מעהר ניט עקזיסטירען; וואו געבירגע וועלען דורכגעשניטען ווערען און די טיעפע אבגרונדען — אנגעפילט און אויסגעגלייכט; דיע וויסטענייען בעזעצט דיע טייכען פערוואנדעלט אין קאנאלען, און דיע מעער־ביזענס אויסגעשעפט און קולטיווירט; באהן־ליניען גלייך דורכגעצויגען דען גאנצען ערד קוגעל, און שפרעכמאשינען — פאן ענדע וועלט צו ענדע, און אלוועלטליכע קאמיוניקא־ציאן — גרינג און בעקוועם; וואו לאנד גרענצען וועלען אבגעשאפט ווערען, און קאסמאפאליטיזם וועט הערשען איבעראל; וואו אלעס וועט רעפינירט ווערען, און הערגעשטעלט אין דאס העכסטע פאלקאמענהייט. און דיע גאנצע וועלט וועט פערוואנדעלט ווערען אין גאטטעס פאראדיעז. נאציאנען וועלען זיך צוזאמען פערשמעלצען, אויסער ישראל, און אלע ראסען וועלען ווערען איין אונ־צערטהיילבע ברידערשאפט. רעליגיאנס — האסס וועט אונטערגייהן, און

גלויבענס־פערשיעדענהייט וועט זיין א זאכע דער פערגאנגענהייט. הארמאניע און גוטען — ווילען וועט זיין אומעדום, און איין וועלט שפראכע איבעראל. דאס גאנצע מענשהייט וועט אנערקענען דיע וואהרע גאטטהייט, און וועט לעבען אין גליק און זעגען און פאלקאמענהייט אויף אימער און עוויג, אמן. —

ישראל

—— א ווערק ——

וועלכע אפעלירט צום אידישען פאלק אין נאמען פאן גאט פאן ישראל

—— ענטהאלט ——

ערהאבענע פארטרעגע וועגען פיעלע געגענשטענדע פאן יודענטהום

גייסטיגע שפייזע

פיר אלע קלאססען פאן פאלק

פינפטער טהייל.

—שקלי ישראל—

פאן

א פריינד פאן ישראל

א. י. בוך

ניו יארק—1912

דרוק פון א ח. ראזענבערג 131 הענרי סט. ניו יארק

שקלי ישראל

יכסף הרביתי לך
וזהב עשו לבעל (הושע ב, י.)

פרשת שקלים. — כי תשא את ראש בני ישראל, ונתנו איש כפר נפשו. — ולא יהי' בהם נגף. — מחצית השקל. — העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט. — דיע געלד פערנוצט פיר דיע אדנים. — מרבים העם להביא. —חיבים לי ישראל — ואני אשלם להם. — אידען פרים ורבים, און דאך אזוי ווייניג. 50 טויזענד ביין בנין בית שני, ביז 20 מיליאן ביין חרבן. — פערשיעדענע אורזאכען וועגען ישראל'ס קליינע צאהל. — דאס גאנצע יודענטהום בלויז אין געלד געבען. — „גוטען טאג, הערר גאט!" — א גאנץ יאהר פרשת שקלים. — עס קאסט געלד און האבען בלויז א קאלב. — אייביגע קלייבער, און פראַ־פעסיאנעלע שנארער. — געלד פיר אלע ישיבות, נור דא ניט! — דיע פלאגע פאן אונזער פאלק. — אידישע צדקות וועיט פאן זינן פאן דער תורה. — יתפק לרעב נפשך. — מעהר טהאטען, און ווייניגער געלד. — שקלים בלויז פיר נעטהיגסטע ציעלען. — אדנים, דאס פעראייניגטע יודענטהום. — דער יונגער דור טרייע צום פאלק. — דאן, והיה מספר בני ישראל כחול הים. —

מיינע פריינדע! היינטיגער שבת רופט זיך אין אונזער לוח פרשת שקלים. דיע אורזאכע דערפון איז, ווייל דיעזער שבת איז אימער פאר דעם ערסטען טאג פון מאנאט אדר, און אונזער תלמוד זאגט, באחד באדר משמיעים על השקלים. אין דיעזען טאג פלעגט מאן געבען צוא וויסען און אויסרופען איבעראל אין גאנץ ארץ ישראל — ווען אידען ווארען דארט, און דער בית המקדש איז געשטאנען — דאס יעדער מאנן זאל ארייגשיקען זיין יעהרליכען טהאלער פיר דיע אלע אויסגאבען פון בית המקדש; דיעזען טהאלער האט יעדער געמוזט צאהלען יעהרליך. דארום מאכען מיר עס א זכר למקדש, און מיר רופען דיזען שבת, פרשת שקלים. — עס איז ווערטה היער צו בעמערקען

דאס, בלויז איין טהאלער א יאהר האט געקאסט יעדער אידען, אויפצוהאלטען דעם גרעסטען נאציאנאלען אנשטאלט און אויך דעם איינציגען הייליגסטען פלאטץ וואס דאס גאנצע פאלק האט פערמאגט אין גאנצען לאנד. גאנץ אנ־דערש פאן וואס עס קאמט יעצט פאר אין אונזער פאלק, וואו מיר זיינען צוריסען און צוברעקעלט אויף טויזענדער שטיקער, און יעדע קליינע גרופע מאכט זיך א הייליגטהום פיר זיך; אב עס איז געטהיג אדער ניט, און עס קאסט יעדען צעהנדליגע טהאלער א יאהר, אום עס אויפצוהאלטען, — אין דאך, האט מאן ניכטס! —און זא מאכען מיר א זכר למקדש; ניט מיט געבען א טהאלער, אדער בעסערע עראינערונגען; מיר לייענען בלויז צום מפטיר איין פאאר פסוקים פאן כי תשא, וועגען איין עהנליכע גאבע, פאן איין האלבען טהאלער, פיר דעם משכן פון א מאהל, און איין עקסטרא הפטרה פאססענד צו דיזען פאלל, און, פערטיג מיט פרשת שקלים! — ווען מיר זאלען עטוואס מעהר בעטראכטען דיזע פאאר פסוקים וואס מיר לייענען פיר דיזען שבת, קענען מיר געפינען פיעל וויכטיגע געדאנקען, וועלכע פאססען פיר דאס יו־דענטהום אים אלגעמיין, און איבערהויפט פיר אידען אין דיזען לאנד. אין דאס וועט זיין צום לעזען אין דיע פאלגענדע בלעטער.

דיע תורה זאגט אין דיזע פסוקים: כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם ונתנו איש כפר נפשו... ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם. זה יתנו... מחצית השקל... העשיר לא ירבה... ולקחת את כסף הכפורים... ונתת אותו על עבודת אהל מועד... והי' לבני ישראל לזכרון... לכפר על נפשותיכם. דא האבען מיר פיער וויכטיגע פונקטען: 1, דאס ביין צעהלען אידען זאל יעדער געבען א האלבען טהאלער, ניט מעהר און ניט וויניגער, 2, דאס דאן ווערט ניט זיין קיין פלאגע ביין צעהלען זייע, דאס דיע געלדער וועלען זיין איין זעעלען־אויס־לייזונג, 4, דאס זייע זאלען בענוטצט ווערען פיר דער ארבייט פאן אהל מועד. אין דער סדרה ויקהל געפינט זיך דאס דיזע האלבע טהאלער ווארען בענוצט הויפטזעכליך פיר דיע אדנים פון משכן. אויך שטייהט דארט, דאס אם אנפאנג ווען משה האט געגעבען צווישען דאס פאלק וועגען בריינגען נדבות פיר דעם משכן, האבען אלע געבראכט אזוי פיעל, דאס אלע בעאמטע האבען פראטעסטירט צו משה'ן „מרבים העם להביא", דאס פאלק ברענגט צו פיעל! און משה האט געלאזט אויסרופען, דאס קיינער זאל מעהר ניט בריינגען קיין נדבות צום משכן! (אמעריקאנער בעאמטע וואלטען אזא זאך ניט גע־

טאהן!) — מיר זיינען געוואהנט, שאן פון הונדערטע יאהרען, צו גלויבען, פיללייכט, פאן דעם איינפאכען זינן פאן דיע אויבענדערמאנטע פסוקים, דאס ווען מאן זאל צעהלען אידען, מוז אויסברעכען צווישען זייע א פלאגע, אדער א פעסט. דיזער גלויבען איז געוועזען אזוי שטארק אין דיע לעצטע יאהרען, דאס איך געדענק נאך אלס קינד, ווען מאן פלעגט אויפקלייבען א מנין צום דאווגען, פלעגט מאן צעהלען: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריע, און זא ווייטער, אום דער צעהלען זאל חלילה ניט שאדען. אין פערלויף פאן אונזער אומוואנדערונג, און דיע פלאגען וואס מיר האבען געהאט אויס צו שטייייהן, וועלכע נעהמען נאך קיין ענדע ביז היטע צו טאגע, האבען זיך בייא אונז אריין גע׳גנב׳עט פיעלע אבערגלויבען, וועלכע האבען קיין גרונד און קיין ציעל ניט; בלויז מיט דער צייט זיינען זיי געווארען פערהייליגט בייא דיע אונוויסענדע מאססען, און וועלכע ווערען אויך מיט דער צייט אויסגע־וועבט און פערגעסען, ווי טויזענדע אנדערע, און גיבען פלאטץ פיר נייע דומהייטען. — אויסער דיע אויסדריקע פאן ולא יהי׳ בהם נגף בפקוד אותם, (וועלכע האט גאר איין אנדער זינן, וויע עס וועט ווייטער ערקלערט ווערען.) האבען מיר קיין אהנונג אין גאנץ תנ״ך דאס אידען ווארען ניט געצעהלט אויף איין געוועהנליכען וועג. מיר געפינען פיעלע מאל אין תנ״ך וואו דאס גאנצע פאלק אדער גרויסע מאסען דאפאן ווארען געצעהלט, אהנע צו בע־נוטצען אירגענד וועלכע מיטעלן, אום אבצואווענדען דאס קיין פלאגע זאל זייע ניט שאדען! דיע געשיכטע מיט דוד, ווען ער האט געלאזט צעהלען דאס פאלק און עס האט יא געשאדעט, זאגט פארהער אויסדריקליך: ויוסף חרון אף ד׳ לחרות בישראל, דיע פאלגענדע פלאגע וואר דאס קאנזעקוועגט פון גאטטעס צארן, וועלכער וואר אויף ישראל פאן פארהער! — אלזא בלייבט דיע פראגע, וואס איז דער זינן פאן דיע ווערטער, ולא יהי׳ בהם נגף בפקוד אותם? ווארום קומט זייע א פלאגע ביין צעהלען זיך? —

איין מערקווירדיגער מאמר געפינט זיך אין מדרש רבה, אין אנפאנג פון דיזער סדרה כי תשא, וועלכער איז נאך מעהר וואונדערבאר אלס דיע אויבענדערמאנטע ווערטער פאן דער תורה זעלבסט. דער מדר״ש זאגט: כי תשא, אמר הקב״ה למשה, חיבים לי ישראל! היך מה דאת אמר, כי תשא ברעך, לך אמור להם שיפרעו מה שחיבים לי. וגם אני אשלם להם, שנאמר והי׳ מספר בני ישראל כחול הים! — גאטט זאגט צו משה, אידען זיינען

מיר שולדיג; גייה זאָג זייא, זייא זאָלען מיר אָבצאָהלען וואָס זייא שולדען מיר, און דאַן וועל איך זייא אויך בעלאָהנען, לויט דעם צוזאָג, דאָס אידען וועלען זיין זאָפיעל וויא דיא זאמד פון מעער, אָהן א צאָהל! — עס איז ניט נעטהיג צו שטעלען פראַגען וועגען דיא ווערטער פון דיעזען מדרש; עס איז אינגאַנצען אונפערשטענדליך, און דארום וועל איך אויסעגלאָזען אַלע פראַגען. דיעזער מדרש וועט אָבער גוט ערקלעהרט ווערען אין פערלויף פאָן דיעזען פאָרטראַג, צוזאַמען מיט דיא אויבענדערמאָנטע פסוקים. —

איך האָב שוין איינינע מאָל ערקלעהרט אין דיעזע ווערקע. דאס דאס אידישע פאָלק איז מעהר פרוכטבאר אַלס אַנדערע נאַציאָנען; דאס דיא ערצעהלונג פאָן דער תורה, אין מצרים, „ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד“, איז דאס אידישע קאראַקטעריסטיק אימער צו. צו דיא אנדערע בעווייזע וואָס איך בריינג אין אנדערע פלעטצער, קען אויך דיענען דער פאקט וועלכער איז גוט בעקאַנט אין אונזער היסטאָריע. און דאָס איז: דאס ווען אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון גלות בבל נאָך פאלעסטינא, ווען כרש מלך פרס האָט ערלויבט צוריק אויפבויען דעם בית המקדש אין ירושלים, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַלטער היימאַט, דערצעהלט דער פסוק, עזרא ב׳ ס״ד, כל הקהל כאחד ארבע רבוא אלפים ושלוש מאות וששים; און זאַמען מיט זייערע קנעכט, וואר א פערזאַמלונג פון א פופציג טויזענד אידען, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך ארץ ישראל! דיא גאַנצע מאַסע פאָן אידען, אָבער, זיינען פערבליבען אין בבל, האָבען זיך אַסימילירט מיט דיא איבריגע פעלקער פאָן לאַנד, און ווארען, מיט דער צייט, אָבגעשטאָרבען צו זייער נאַציאָן. דאָך, דיזע קליינע צאָהל האָט אבגעבויעט דאס גאַנצע לאַנד, און, אין פערלויף פון 4—5 הונדערט יאָהר האָבען זייא זיך זאָפיעל פערמעהרט, דאס דער תלמוד, פסחים ס״ד:, דערצעהלט, דאָס אגריפוס, דער לעצטער קעניג פון בית שני, האָט געהייסען איין מאָל איבערצעהלען דיא פסחים וואָס אידען האָבען געבראַכט אין ירושלים, און זיי ווארען א מיליאָן מיט צוויי מאָהל הונדערט טויזענד! אויף יעדער קרבן פסח וואַרען געצעהלט ניט ווייניגער וויא צעהן; אויסער אַלע טמאים און אַלע וועלכע וואַרען צו וויט צו קומען נאָך ירושלים, און אויסער פרויען און קינדער. דאָס מאַכט, אם ווייניגסטען, א 20 מיליאָן זעעלען אידען, זאָ וויט האָט די נאַציאָן געוואַקסען אין אזא קורצע צייט!

אלזא, ווען אידען פערמעהרען זיך יא זא פיעל און זא שנעל, איז דאך די פראגע זא ערשטוינענד: ווארום צעהלען מיר זיך יעצט אזוי וויניג אויף דער גאנצער וועלט, נאך א פערלויף פון נייגצעהן הונדערט יאהר שפעטער? וואו זיינען אהינגעקומען אזוי פיעל מיליאנען אידען מיט דער צייט?! —

אונטער דיע פיעלע הינזיכטען וועלכע פעראורזאכען דאס אימער־וועהרענדע פערקלענערונג פון אידישען צאהל, איז דא איינער וועלכער איז דער וויכטיגסטער פאן אלע, און דאס איז נעמליך: דיע אונוויסענהייט פאן דער מאססע פאן פאלק וועגען דעם בעגריעף פאן יודענטהום! דיע אונוויסענדע מאססע דיינקט, דאס יודענטהום איז גלייך וויע אלע אנדערע רעליגיאנען, וועלכע פאדערן פאן זייערע אנהייננער מעהר קרבנות, אין דיע אלטע צייטען, און מעהר געלד, אין דער נייער צייט, אלס ריינע זעעלען און גוטע טהאטען! דיע פריעסטער פאן אלע אלטע פעלקער האבען אימער געפאדערט פאן זייערע גלויביגע פעטע קרבנות, פיר דיע געטטער, וועלכע זיי האבען געוועהנליך זעלבסט אויפגעפרעסען, און פיעלע און רייכע געשענקע, פיר זייערע טעמפלען און פיר זיך; זייע האבען אבער ניכטס גגעבען דארום אום צו בעלעהרען דאס פאלק אין בילדונג און גוטע זיטטען, און דארום האבען אזולכע פעלקער לאנג ניט געקענט עקזיסטירען; זייא האבען געמוזט זינקען אין אונוויסענהייט און פערדארבענהייט, און ווארען געבראכען קערפערליך און גייסטליך, ביז זייע ווארען פערשלונגען בייא גרעסערע און מעכטיגערע פעלקער פון זייע, און ווארען אבגעשטארבען פון דער פאמיליע פאן פעלקער. —

יודענטהום אבער, איז א פארשריפט פאן לעהרע, פאן גוטע זיטטען און אדעלע טהאטען, מיט געזעצע, וועלכע מאכען זייערע נאכפאלגער גליקליך, קערפערליך און גייסטליך, אלס איינצעלנע, און לאנג עקזיסטירענד, אלס נאציאן. זיע פאדערט, מעהר הארץ אלס האנד, מעהר געהארזאמקייט אלס אפפער און געלד. „הנה שמוע מזבח טוב!“ זאגט שמואל הנביא. איינס פון די הויפט פרינציפען פאן יודענטהום איז דיע בעלעהרונג פאן דיע יונגע קינדער אויף דעם וועג פאן דיע אור־עלטערן, אום דיע נייע גענעראציאנען זאלען אויך געניו וויסען וואס יודענטהום איז, עס געניו נאכפאלגען און, פערוויגען דאס פאלק. „ורעי את גדיותיך על משכנות הרועים!“ זאגט אונז

דער הייליגער פּאָעט אין שיר השירים און אַלע אונזערע גרויסע מענער, און אַלע צייטען, האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכעס אום אָנצוהאַלטען אַנשטאַלטען פאָן לעהרע פיר דאס יוגענד פאָן אונזער פאָלק, אום זייא צו ערציהען פיר גוטע און טרייע קינדער צו זייער נאַציאָן; וויא עס ווערט דערמאָנט אין טויזענדע פלעצער אין תנ"ך און אין תלמוד, און אין שפּעטערע ווערקע. און ווען נור אידען האָבען נאָכגעפאָלגט דיזען פאַרשריפט וואָרען זייא אימער שטאַרקער און גרעסער און מעהרער אין מאכט און צאָהל, לויט נאָך זייער כאַראַקטעריסטיק פון אימער אָן, אין געגענזאַטץ פאָן אַלע אַנדערע אונגינס־טיגע אומשטענדען, אין פערשיעדענע צייטען. —

דיע אונוויסענדע מאַסען אָבער פון אונזער פאָלק, וועלכע וויסען ניט פאָן דיע וואָהרע פּרינציפּען פאָן יודענטהום, האָבען אימער געדיענט זייער גאָטט בלויז מיט קרבנות, אין דיע אַלטע צייטען, שפּעטער מיט זאָגען תהלים און מעמדות, און אין היינטיגע צייטען — מיט געלד געבען! איבערהויפּט אין דיזען לאַנד, וואו מען האָט אַלעס פּערבייגען, אַלעס פּערגעסען, קומט מאַן אָב דאס גאַנצע אידישקייט מיט געלד, און ווידער געלד! דיע זעלבע לייטע וועלכע האַלטען ניט פאָן שבת ניט פאָן יום טוב, וועלכע קענען ניט, און נעהמען ניט אריין קיין אידישען ספר אין האנד, און וועמעס קינדער וואַקסען אויף מיט דיע גוי'עשע צוגליין און וויסען גאָרניכטס פאָן יודענטהום, דיזע זיינען גראַדע דיע בעסטע מעמבערס אין שוהל, אין לאָדז, אין סאָסייעטי, לאָזען זיך קאָסטען גוטע געלד פיר עליות, פיר כבודים, פיר אַלע כלי קדש, און זיינען דיע גאַנצע מאַכערס אין קהל'שע זאַכען, און שיטען מיט טהאַלערס, אום צו צייגען זייער רייכטהום; און דאָס איז זייער גאַנצעס יודענטהום! — דיע געשיכטע פאָן אונזער יודענטהום אין דיזען לאַנד, קאָן מאַן געבען אין אַ קורצען בילד, וויא פאָלגט: דער דייטשער יהודי, וועלכער איז אריבערגעקומען מיט אַ יאָהר 50—60 צוריק, ער וואר נאָך פרום פאָן צו־הויזע, ער האט אָבער באַלד אָנגעפאַנגען צו הויזירען (פּעדלען); דער לוסט פון געלד מאַכען ווערט שטאַרק, דיע געשעפטען דריקען, צייט איז וויי־ניג; ער לויפט אַמאָהל אריין אין דער שוהלכעל, וועלכע צעהן זייערע האָ־בען צוגעפיקסט, און זאָגט שנעל: גוטען טאָג, הערר גאָטט! ביטטע אום ענטשולדיגונג, איך האבע הייטע קיינע צייט צום דאַווענען; היער איזט איין האַלבעס טהאַלער פיר דיך, און לאָס מיך לויפען! ער שמייסט אריין

דיע מטבע אין דער צדקה פושקע, און לויפט צו זיינע קונדען. אזעלכע צופעללע ווידערהאָללען זיך גאַנץ אָפט, ער ווערט שנעל צוגעוואָהנט צו בעצאָהלען פיר אַלעס פאָן זיין ביסעל אידישקייט מיט קעש; און פאַנגט אָן צו טראַכ־טען בייא זיך: ווירקליך, וואָצו ברויכט דער ליעבער גאָטט דיע אַלע צערע־מאָניען? איך קאָן מיר זיין א יודע אים הערצען, אוןביישטייערען צו אַללעם וואָס נעטהיג איזט! — מיט דער צייט ווערט ער רייך; ער עפענט א געשעפט „דאהן טאהן", פאָן שבת, יום טוב איז שאָן קיין ריידע ניט, בלויז צו הויזע בענטשט נאָך דיע פרויא ליכט, וויא איהר געוואָהנהייט; ראש השנה ווערט ער א רעפאָרמער, האַלט בלויז איין טאָג, א שאדע דיע ביזנעס! דיע קינדער גניסען קיינע אידישע ערציהונג, ניטאָ קיין אידישער לעהרער אין דער נאַכבאַרשאַפט, וואַקסען אויף מיט א גאַנץ קליינע אנדיינקונג פון זייער פאָלק. זייא ווערען זעלבסט רייך, און דיע אָרעמע שוהלכעל, וועלכע וואר נאָך אָפען דעם גאַנצען טאָג, וואָ עס האָט זיך נאָך אמאָהל געפונען א אי־דישער ספר, וואָ יעמאַנד פלעגט נאָך אמאָהל אריינגעהן עטוואָס לערנען — ווערט פערוואַנדעלט אין א רייכבעפוצטען טעמפּל; דיע גאַנצע וואכע פעסט, שבת אויך א קליינע פערזאַמלונג, א ראַבינער ווערט אָנגעשטעלט, מיט גוטען געהאַלט, ער פערזאָרגט שאָן מיט אידשקייט פיר דער גאַנצער געמיינ־דע; עס קאָסט גוטעס געלד, און — פערטיג! — אונזערע רוסישע און פּוי־לישע אידען, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו קומען נאכהער, זעהען דאס נייע יודענטהום, דיינקען עס דאַרף אזוי זיין, עס איז אַמעריקא, און טוהען עס באַלד נאָך; זייא זיינען אָבער צו אָרעם, זייא קענען צום טעמפּל ניט געהערן; דאָ קויפט מאַן אוים א ביליגע קירכע, מאַן פיקסט עס עטוואָס צוא; אויבען פיר שבת, פיר מי שברך'ס, אונטען פיר א יאָהר־צייט, 6 אוהר פאַרטאָג, דיע גאַנצע צייט צו, כהלכות אמעריקא, און — פערטיג מיט א שוהל! ניט קיין קלויז, אָדער בית המדרש, חלילה! וואָצו לערנען, אין א לאַנד פאָן ביזנעסס? וועלכער נאַר וועט דאָ לערנען? ווער האָט דאָס צייט? — און דיע קינדער — גייהען אין פּאבליק סקוהל, צו ווערן אמעריקאנער בירגער, דיע איבריגע צייט פּעדלען זייא מיט פּייפּערס, אָדער פוטצען שיך, ווערען בעלי בתים פאַר זיך, לערנען זיך אוים אַלע שייהנע ניטען פאָן דיע גאַסען יונגען, פרעסען אין סטריט אַלע שמוץ מיט זייא צוזאַמען, און בלייבען אין גאַנצען פּערגרעבט און אונוויסענד פאָן יודענטהום און זייער נאַציאָן. דיע יעניגע וועלכע העטען

יא געלאָזט לערנען זייערע קינדער, קריגען אָבער ניט קיין גוטע לעהרער, בלויז איינינגע פעדלער, וועלכע גיבען „שטונדען“ אין אבענד, זעלבסט אָהן עקזאמען, לעהרנען אָב מיט זייערע שיהלער 4—5 יאָהר, און האלטען נאָך אַלעם ביין סדור, דאצו אויך זינגען דיע הפטרה; און דער יונגע ווערט „בר מצוה“, אוים מצות, אוים לערנען, אוים איד און אוים מענש! — מאַנכע פאָן אידישע עלטערען וועלכע געדיינקען נאָך פאָן צו הויז וויע אידישע קינדער װאָרען דאָרט ערצויגען, אין איין עכט אידישען וועג; וויע שעהן זייע האָבען זיך אויפגעפיהרט, וויע אדעל עס װאָר זייער בענעהמונג, וויע גוט זייע האָבען געלערנט, וויע בעקאַנט זייע װאָרען מיט אַלע אידישע אַנגעלעגענהייטען, רעליגיאָן, געשיכטע און ליטעראַטור; וויע געהאָרכזאם און איבערגעבען זייע װאָרען זייערע עלטערען אָהנע בעידנגונג, און נאָכגעפאָלגט זייער ראַטה צו יעדער צייט; זייער שפּראַכע װאָר איינס, זייערע אַנזיכטען דיע זעלבע, און פאָטער און זאָהן, מוטער און טאָכטער װאָרען צווייגען פאָן איין בוים! — און דיזע עלטערען, וועלכע געדיינקען נאָך אָט דיע אַלע זאַכען — וויע בלוטעט זייע דאָס הארץ ווען זייע קוקען זיך צו צו דיע אייגענע קינדער היער אים לאַנד, נאָך א 2—3 יאָהר פאָן זייער לאַנדען; דוכט זיך דיע זעלבע קינדער, און האָך וואָס פאר א קאָנטראַסט, פאָן דיזע פאָן דער אַלטער היימאַטה! וויע גיך זייע ווערען אַנדערש, וויע פערפרעמדעט זייע ווערען צו זייערע עלטערען אין א קורצע צייט! יעדער טאָג ערווייטערט זייע פאָן דער היים, זייע ווערען שטראַסען־קינדער, לויפען בלויז אריין אין הויז אָפּעסען, און באַלד פאָרט — א בילד, וועלכער דיע תורה גיבט פאָן עשו׳ן! זייע ווערען אומגעלומפּערט און פערגרעבט; דיע עלטערען ריידען צו זייע אידיש, און זייע ענטפערען אין א שטראַסען־ענגליש; לאָזען זיך ניט לעהרנען, און בלייבען אונוויסענד און פערווילדעט מיט די ניגער קינדער צו־גלייך. — געוועהנליך, ברייננגען די אומשטענדען אין דיעזען לאַנד, איבערהויפט אין די סויטה, צו אזא צושטאַנד; אָבער דאָך, זיינען שולדיג דארין הויפטזעכליך די עלטערען זעלבסט, וועלכע דער געלויף פון געלד מאַכען בערויבט פון זיי זייער גאַנצע צייט און ענערגיע, און דארום פּאַסען זיי ניט אויף אויף זייערע קינדער, און זיי ווערען פערוואַקסען אזוי ווילד. — און ווען דער פּראָפעט הושע גיבט א קוק אויף אזא שרעקליכע ערציהונג פון אידישע קינדער, שטורמט ער אוים מיט גאַל: בה׳ בגדו! כי בנים זרים ילדו! עתה יאכלם חדש את

חלקיהם! (הושע ה. ז.) זיי זיינען פאלש צו גאָט! זיי מעגען ווי פרום זיין זעלבסט, דען פרעמדע קינדער האָבען זיי געבאָרען! מאָנאט איין און מאָנאט אויס, און דער נייער דור שטארבט אָב צו זייער נאציאָן! חדש יוצא וחדש נכנס וישראל כלים! ענדיגט דער תלמוד.

זעלבסטפערשטענדליך, בלייבען פון אזעלכע קינדער גאנץ ווייניג טרייע אידען צו זייער נאציאָן. די גרעסטע מאסע פון זיי פערבלייבען ניט אהין ניט אהער, האלב איד און האלב גוי, דאָך עטוואָס געדיינקען זיי נאָך פון זייערע עלטערען; אָבער ווען זיי ווערען גרויס, און האָבען אייגענע קינדער, די פערוואקסען שוין אין גאנצען אונוויסענד פון עטוואָס אידיש; אם מייסטען הייראטען זיי מיט זייערע שכנים, מיט וועלכע זיי געפינען זיך אימער צו־זאמען, און זייערע קינדער זיינען שוין אמת'ע גוים, אָבגעשטאָרבען אין גאנצען צום יודענטהום!

און די עלטערען פון אזעלכע קינדער, זיי טהוען זיך דאָס זייעריגע, ווי אויבען איז דערמאָנט, און קומען אָב דאָס ביסעל אידישקייט מיט — שקלים! מען גיבט דאָלארס, און מען איז יוצא דערמיט פאר אלעס: שקלים אין שוהל און שקלים אין הויז, שקלים אין לאדזש, אין חברה, ביין מטינג און ביי עלעקשאָן; שקלים פאר שבת און שקלים פאר יום טוב, שקלים אלע טאָג און שקלים א גאנץ יאָהר! און אזוי ווי די שקלים ווערען געגעבען בלינדערהייט, אזוי געהען אויך אוועק די אלע שקלים אין דער פינסטער! עס איז צופיעל אויסצורעכענען די אלע וועגען וואו זיי געהען, איך וועל דאָ בלויז ציטירען א פאָר פון זיי, אלס ביישפיעל:

דאָס גרעסטע טהייל פון אידישע שקלים, אין דיעזען לאנד, געהט אוועק פאר דער שוהל! די שוהל, איז דאָ געוואָרען אזא מין שרעקליכע חיה, וואָס האלט נור אין איין פרעסען אידישע געלד. אזא חיה, פון וועלכער מיר האָבען ניט געוואוסט אין דער אלטער היימאט! ביינאהע אין יעדער שטעדטעל אין רוסלאנד, און אנדערע לענדער, וואו אידען וואָהנען, איז דאָ א שוהל; אבער ווי פיעל קאָסט עס יעדער אידען א יאָהר? ניינציג פראָצענט פון דער אידישער בעפעלקערונג וואָלטען אנקוקען מיט ערשטוינונג ווען יעמאנד זאָל זיי פרעגען, ווי פיעל קאָסט אויסצוהאלטען דער שוהל? איך האָב גע־לעבט יאָהרען לאנג אין רוסלאנד, און האָב ניעמאלס געהערט דאָס די שוהל

קאָסט עטוואָס! איין מאָהל אין א יובל אז מען דארף פעררִיכטען די געבײדע, גיבען דאצו איינִיגע רייכע בעלי בתים, און עס ווערט געפיקסט. די מאָסע וואָס דאוּוענט דאָרט, ווייסט גאָר ניט וואָס און ווי פיעל עס האָט געקאָסט. בעהייצען עס איז ניט נעטהיג, און פאר בעלייכטונג געהט ארום דער שמש און קלייבט ליכט, פון וועלכע ער האָט נאָך א האלבע חיונה, און דאָס אלעס. ווייטער איז דאָ אין יעדער שטאָדט א בית המדרש און מעהרערע קלויזען, מיט ישיבות אין מאנכע, און אָרעמע לערנער, און א תלמוד תורה; און פאר אלע זייערע אויסגאָבען קאָסט יעדערען 2—3 דאָלאר א יאָהר, און פערטיג! — היער אָבער, איז די שוהל אזא זאך וואָס שרייט אימער, הב, הב! און ווערט ניעמאָלס זאט! א חברה'לע פון 15—20 מיטגליעדער קויפט זיך, אָדער בויעט א שוהל פון טויזענדע דאָלארס; א גאנץ יאָהר איז עס ליידיג, אויף ימים נוראים ווערט דאָרט אגאנצער יריד, מען פערקויפטע זיטצע, בין אין טהיר, מען רייסט פון טויטע און פון לעבעדיגע, פאר עליות, פאר מצוות, פאר יאָהרצייטען, קדישים, הזכרת נשמות, א. ד. ג. די מיטגליעדער קענען זיך קיין מאָהל ניט אבצאָהלען; מען האלט אימער אין צאָהלען די צינזען, דער קאפיטאל בלייבט אימער שולדיג. און ווען עס בלייבט יא א פאָר דאָלאר אין דער קאסע, זוכט מען שוין א יעהרליכען חזן מיט א קאָהר, און עס ווערט ווידער איין אויסגאָבע פון 12—15 הונדערט דאָלאר א יאָהר, און די מעמבערס מוזען נעבעך צאָהלען! ווען דאָס איז ערפאָלגרך — דען אלעס איז ביזנעס אין אמעריקא — און ווען א פאָר דאָלאר ווערט אָבגעשפאָרט, צוליעב דעם חזן און קאָהר, זעהען זיך די בעאמטע מיט אמאָהל ארום דאָס, די שוהל איז שוין צו קליין פאר זייער „קאָנגרעגיישאָן“, און מען קויפט שוין א נייע, א גרעסערע און א שעהנערע שוהל! און נייע שולדען ווערען ארויפגענומען אויף דער קאָנגרעגיישאָן, מיט צינזען צו צאָהלען אויף יאָהרען לאנג! און ווען אלעס איז שוין געסעטלט, און עס געהט אוועק א קורצע צייט שטיל און רוהיג, צוקריגען זיך איינִיגע מעמבערס מיט'ן „ברודער“ פרעזידענט, דורך פערשיעדענע שטרייטיגקייט; מען פאנגט אָן זיך ארומצורייסען, עס קומט אָן אין קאָורט, מען נעהמט לויערס, עס ווערט טרייעלס, מען נעהמט ארוים אינדזשאָנקשאָנס, עס איז א חלול השם, און עס קאָסט ווידער געלד, און עס בלייבט א נעבעכטיגער טאָג. אָם ענדע טרעטען ארוים איינִיגע שרייערס, און קויפען זיך א שוהלכעל פאר

זיך. און עס קומט צו א נייע קהלה אין שטאָדט! — און אזוי געהט עס אימער צו; און די שוהל עסט אידישע געלד, און עס נעהמט קיין ענ־דע. ווי דער תלמוד דריקט זיך אוים: לוקום, לוקום! עד מתי אתה מכלה במונם של ישראל?! — דערצו גיבט נאָך א רעכטע ביסעל משרתים און כלי קדש און קהל'שע קליאַמקעס, וועלכע רייבען זיך ארום שוהל, מיט קלעפּיגע הענד און לעכערדיגע טאַשען; און געלד געהט ווי וואסער, און די שוהל בלייבט אימער אין שולדען. ווי יעמאַנד האָט געזאָגט: מה טובו אהליך יעקב, ווי שעהן זיינען דיינע שוהלען, יעקב, אָבער משכנותיך ישראל, וואָס העלפט עס, זיי זיינען אלע פער'משכנ'ט! (פערמאָרטגיידזשט בלע"ז.) און דאָך זיינען דאָ פיעלע פון אונזערע ברידער וועלכע זיינען מעמבערס אין מעהרערע שוהלען, אום זיי „מיטצוהעלפען", פון גאָט'ס וועגען, אָדער — ביזנעס!

נאָך א גרויסער טהייל פון אידישע שקלים אין דיעזען לאַנד געהט אוועק פאר די זאָגענאַנטע צדקה אַנשטאַלטען. א צדקה אנשטאַלט! דאַכט זיך זעהר א קלינגענדער און שעהנער נאָמען. אָבער, אָה! וואָס פאר א קאָנ־טראַסט צווישען די צדקה וואָס מיר האָבען געקענט אין דער היים, און די צדקה וואָס מיר זעהען דאָ! אונזער נאַציאָן איז פון אימער צו אויסגעצייכענט מיט איהרע וואָלטהאַטען. אידען פלעגען אימער געבען צדקה, און אַכטונג געבען אויף זייערע אָרעמע און קראַנקע; אין אלע בעדייטענדע שטעדט איז אימער געווען א פּלאַץ פאר די גאַנץ אָרעמע צום אויפהאַלטען, איין הכנסת אורחים, א ביקור הולים, א תלמוד תורה, א גמילות חסדים, א כשרה קיך פאר אידישע סאָלדאַטען, א. ז. וו. א. ז. וו. עס פלעגט אָבער אַלעס צוגעהן אזוי שטיל, אזוי רוהיג; דער געבער האָט געוואוסט אויף וואָס צו געבען, און דער נעהמער, וואו זיך צו ווענדען; טויזענדע פלעגען געהאָלפען ווערען, אָהנע לויפענים, אָהנע געשעפטען, אָהן ליארעם און אָהן מיהע. היער אָבער, איז געוואָרען פון די ריינע, שטילע אידישע צדקה איין — אנשטאַלט! אַלעס מוז געהן נאָך די געזעצע, אַלעס מוז פּאַרלאַמענטאַ־ריש פערהאַנדעלט ווערען, אָבוואַרטען דעם רעגולערן „מיטינג", און בע־שלאָסען ווערען ביי דער מאַיאָריטעט, און דעם אָרעמען בעדירפטיגען געהט אָפט ארויס די נשמה איידער ער ווערט געהאָלפען, אָדער, ער ווערט פער־מאַטערט לויפענדיג, און מיט מאַכען די אלע „רעד־טייפּ" ביזנעס, גיבט ער

עס אַב אין גאַנצען, און זעהט זיך צו בעהעלפען דורך אַנדערע וועגען. — עס גיבט היער טויזענדע אַנשטאַלטען פון וואהלטהאַט מיט אַלערליי שעהנע, אַנציהענדע נעמען, וואָס אַ מויל קען ריידען, עס געהט אָבער אוועק די געלד אויף לאָקאַלען, ביכער, שרייב מאַטעריאַל, פּרינטינג און אַדוועטייזמענטס, פּאָסט־קאַרטען און סטעמפּס, פאַר בעאַמטע און קאָלעקטאָרען, טייפּ־רייטערס און טעלעפאָנען, פאַר פּיקניקס און אינטערטיינמענטס, און די צייט — אויף מיטינגס און עלעקשאָנס, דעבאַטירען און שרייען, דיספּוטען און דרשות, פּאָליטיקס און הינטער־פּיסלעך, זעלבסט־נוטץ און עהרען־גייטץ! און אידען גיבען שקלים, פאַר אַלעם און צו אַלע וואָס בעטען — און בע־טערס פעהלען קיין מאָהל ניט. איך וויל ניט דערמאָנען קיינע נעמען, עס איז אָבער זיכער, דאָס דורכשניטליך געהט אוועק דאָס גרעסטע פּראָצענט פון די אַלע געלדער אויף זייטיגע וועגען, און בלויז אַ קליינע טהייל פאַר דעם צוועק, אויב עס האָט אירגענד וועלכען צוועק; און אידישע געלד געהט צום טייפעל און בריינגט קיינע נוצען. עס קאָסט אָב גאָלד, און מען האָט בלויז אַ קאַלב!

אונבעגרענצטע שקלים־געבונג האָט נאָך אין זיך דאָס אונגליקליכע טענדעניץ, צו פערמעהרען צווישען אונזער פאָלק זאָ פיעלע טויזענדע פּער־זאָנען וועלכע, אַנדערשוועגען, העטען געקאָנט זיין זעלבסט־שטענדיג, וואהלהאבענד און נוצבאַר; אָבער, דורך דאָס פרייע געבונג פון אונזערע ברידער, געוואָהנען זיי זיך צו, אָנפאַנגס ביין קלייבען פאַר אַנדערע, נאַכהער פאַר זיך זעלבסט, און ווערען מיט דער צייט שנאָרער און פּראָפּעסיאָנעלע בעטלער, וועלכע ווערען אימער מעהר געניט אין דער אַרבייט, אימער שאַר־פער אין געשעפט, זיינד בעקאַנט אין די „טשאַריטיעס", און רייסען פון אַלע זייטען. מאַנכע געהען אַרום איבעראַל פון שטאָדט צו שטאָדט, קלייבען פאַר אַלעם, אונטער אָנציהענדע נעמען, געפינען גענוג אַבאָנענטען פאַר יעהר־ליכע קאָלעקציאָן, קלייבען צוזאַמען טויזענדער, און גיבען ניעמאַלס אָב זייער גוט בעצאָהלענדע פּראָפעסיאָן! ווי אָפט קומען פאַר סקאַנדאַלען דורך דיעזע שנאָרעריי, ווי אָפט ווערט דער אידישער נאָמען צו שאַנדע און שמאַך אין דער עפענטליכער פּרעססע, ווי אָפט רייסען זיך אָב פיעלע פון אונזער יונגען דור דורך אַזעלכע ניעדערטרעכטיגקייט?! אָבער, אונזערע ברידער האַלטען אין געבען שקלים, אָהנע צו זעהען וואוהין זיי געהען! מאַנכע

זיינען העכסט צופריעדען וואָס די לייטע קומען קלייבען פאר וויטע אנשטאַלטען — נור קיינע זאָלען אין זייער שטאָדט זיין! פיללייכט וועט עס קאָסטען מעהר! — און אַזוי מאַכען אונזערע ברידער דאַמיט טויזענדע פאר עוויגע שנאָרער — און רואינירען דאָס גאַנצע יודענטהום, וועלכע ווערט דאַדורך פערוואַנדעלט אין אַ רעליגיאָן פון געלד־געבונג, און דאָס גאַנצע אַססענץ דערפון ווערט פערגעסען און פערלאָרען. — און דאָס איז די פלאַגע פון אידישען פאָלק, וועלכע פערגרעבט די מאַסען און דערווייטערט זיי פון דעם ריכטיגען זינן פון דער תורה, און דער יונגער דור רייסט זיך אימער אָב פון אונזער נאַציאָן, און אונזער צאָהל ווערט אימער וויניגער און שוואַכער.

ווי פערשיעדען און וויט איז דיעזער צושטאַנד, פון דאָס יודענטהום וועלכע האָט עקזיסטירט מיט 2—3 טויזענד יאָהר צוריק, ווען אידען וואַרען נאָך נעהנטער צום ריכטיגען זינן פון אונזער לעהרע! און, אַבוואָהל זיי ווארען אויך דאַן בעהלערהאַפטיג אין פיעלע הינזיכטען, ווי אונזער היסטאָריע דערצעלט — דאָך, אָבער, ווארען זיי מעהר בעקאַנט מיט דעם גייסט פון רעליגיאָן, מיט איהרע לעהרען און פרינציפען, אַלס מיר, נאָך אַזאַ לאַנגען אומוואַנדערונג, וואדורך פיעלעס איז פערגעסען געוואָרען. די טהעמא פון דיעזען פאָרטראַג איז ניט צו בעשפרעכען די פיעלע הינזיכטען וועלכע ווארען פערגעסען אין פערלויף דער צייט; איך וועל בלויז בעריהרען דיע צווייע אויבען דערמאָנטע הינזיכטען, נעמליך, דיע שוהל און דאָס צדקה אנשטאַלט, פאָן דיזען לאַנד, אום צו צייגען וויע וויט זייע זיינען פאָן דעם וואהרען זינן פאָן דער תורה. דיע שוהל האט דען טענדענץ צו צערשפליטערן אונזער פאָלק; עס פעראורזאַכט קנאה שנאה, פירוד הלבבות, נייד און האַסס און מיינונג־פערשיידענהייט, אונטער דיע מאַססען; עס ברייננגט זייער אָפט צו פערליימדונג, בערײדערייע און צאַנקערייע, צו חלול השם און שאַנדע פיר אידען; עס בעשאַפט נייע פערשיעדענע מנהגים, און אידען ווערען צוריסען און צוברעקעלט אויף טויזענדער סעקטען וועלכע האַסען איינע דיע אַנדערע; עס ברייננגט אן נאַרישע פאָליטיק צווישען דיע רייהען פאָן דיע מעמבערס, און דיע בעאַמטע און עקס־בעאַמטע ווערען בלוטיגע פיינדע איינע דיע אַנדערע; עס פרעסט אויף אידישע געלד, און דיע גאַנצע רעליגיאָן ווערט פערטרונקען אין געלד געבונג; און נאָך פיעלע

פיעלע זאכען וועלכע שאדען געגצליך דאס יודענטהום — אלעס אין געגענזאטץ צו דעם זינן פאן דער תורה און אונזערע היילגע פראפעטען, וועלכע האבען אימער געארבייט פיר דאס פעראייניגונג פון אונזער נאציאן ; וועלכע שפרעכען אימער פאן איין משכן, און פאן איין בית המקדש, פיר גאנץ ישראל, אום זייא זאלען זיך ניט צושיידען און צושפאלטען אין פערשיעדענע סעקציאנען, וועלכע פיהרט צו געטצען־דיענסט. וויא עס איז גוט בעקאנט פאן דיא טויזענדע שטעלען אין תנ"ך און אין תלמוד. —

דאס צווייטע, דער צדקה אנשטאלט. אה, וויא ווייט דאס שטעהט יעצט פאן דעם ריכטיגען זינן פאן דער תורה ! עס איז וואהר, דיא תורה און אונזערע נביאים ריידען אימער פון וואהלטהאט, פון גנאדע און ערבארמדיגקייט, פאן מיטלייד מיט דיא ארעמע און ליידענדע, פאן העלפען דיא שוואכע און געפאלענע, פאן שטיצען דיא אונטערדריקטע און געפלאגטע, און פאן גוטמוטהיגקייט איינער צום אנדערן, א. ז. וו., א. ז. וו. אבער דיזע אלע גוטע טהאטען מוזען זיין העכסט פריוואט, אוים מיטלייד און בארמהערציגקייט ; מיטצופיהלען מיט דעם בעדירפטיגען ; איהם טרויסטען מיט גוטע און זיסע ווארטען ; איהם געבען מוטה און קוראזש ; איהם שטארקען זיין הארץ און קרעפטיגען זיין ענערגיע. וויא דער נביא זאגט, ותפק לרעב נפשך, ונפש נענה תשביע, צייג ארוים דיין זעעלע צום הונגעריגען ! זעטיג דיא זעעלע פאן דעם געפלאגטען ! דאס וועט איהם געבען נייע קרעפטען, פארטצוזעטצען דעם קאמפף פיר דער עקזיסטענץ, און ווערט איהם פיהרען צו איין ערפאלג ! דאס איז דער זינן פאן צדקה, וויא אונזערע נביאים האבען עס פערשטאנען ! אבער קיין „סאציאלע“ צדקה, קיין צדקה אלס אנשטאלט, קיין צדקה דורך א דריטע און א פיערטע האנד, קיין טרוקענע צדקה, וואו עס בלייבט בלויז דער טוידטער טהאלער ; וואו דער געבער צאהלט עס אלס „שולד“ אין דער סאסייעטי, און דער נעהמער קריעגט עס פאן א טוידטער האנד מיט א שטריינגען געזיכט פאן דעם בעאמטען ; וואו דיא היילגע געפיהלען פעהלען און דער גאנצער זינן פאן צדקה איז טוידט ! צדקה אנשטאלט, וווא אלעס ווערט פערוואנדעלט אין בלויז געלד־געבונג, האט קיין ווערטה ; דאס גוטע הארץ, דיא ריינע געפיהלען, דיא טרויסטווערטער, וועלכע זיינען פערבונדען דאמיט — דיא זיינען דיא הויפט זאכען פאן צדקה, וועלכע פאדערט מעהר הארץ אלס געלד, מעהר טהאטען אלס

טהאלערס, און מעהר געפיהל אלס מאן קען זעהען אויף טויזענדער סאסייעטי מיטינגס! — דיזע טוידטע צדקה וועלכע האט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין אידישען לאגער פאן דיזען לאנד מאכט זייער איין שלעכטען איינדרוק אויף אינזער פאלק, און דיע קלעגליכע פאלגען פאן אזא סיסטעמע זיינען אונ־בעשרייבליך. וויע אפט קומט פאר, ביי אזא צדקה־צושטאנדע, דאס דיע ווירקליך נויטהבעדירפטיגע און ווירדיגע ליידענדע וועלען ליבערסט לייי־דען מאנגעל און נויטה, איידער צו געהן בעטען הילפע אין אפיס פון דער „טשאריטי״, און זיך ארויסשטעלען אין דער עפענטליכקייט, צו שאנדע און שמאך? וויע אפט זיצען אזעלכע בכבוד׳יגע פאמיליען אהנע פייער אין ווינטער, אום ניעמאנד זאל וויסען פון זייער נויטה? און טויזענדע אזעלכע, וועלכע זיינען ווירקליך ווערטה צו ווערען געשטיצט, אבער אין „אפיס״ וויים מען פון זייע ניט; און זייע ליידען אין דער שטיל, און קיינער בעקימערט זיך דארויף ניט, דען יעדער גיט זיך אב זיינע „דיוס״ צו דער טשאריטי, און מעהר דארף ער ניט וויסען! גראדע אין אזעלכע פעללע האבען אונזערע עלטערען, וועלכע האבען ניט געהאט קיין „אנשטאלטען״, אויסגעאיבט צדקה פאן העכסטען גראד; זייע האבען זיך דאס גרעסטע מיהע געגעבען אויסצוי־געפינען דיע בעסטע מיטעלן און די קליגסטע פלענער, וויע אזוי זייע צו העלפען, אהנע דען קלענסטען פערדאכט דאס זייע ערהאלטען אירגענד וועלכע צדקה! וויע אונזער אונשטערבליכער פאעט זאגט, אשרי משכיל אל דל, גליקליך איז יענער, וועלכער קליגט זיך וויע צו העלפען דעם ארעמען! דל, מיינט אין העברייאיש א געפאלענער, בכבוד׳ער מאן, וועלכער שעהמט זיך צו בעטען, און וועט אויך קיין נדבה אננעהעמן; און דער תלמוד בריינגט דארויף פיעלע ביישפיעלע וויע אזוי צו העלפען אזעלכע לייטע, און דריקט זיך אוים מיט דיע גאלדענע ווערטער, דאס איין האנד זאל ניט וויסען וואס דאס צווייטע טהוט, אין אזעלכע פעללע, אום דיע לייטע ניט צו פערשעה־מען! — אט דאס הייסט פריוואט צדקה! דאס איז דער ריכטיגער זינן פאן צדקה, לויט אונזער תורה! אבער קיין צדקה אלס אנשטאלט, ביי וועלכע, אזעלכע לייטע ווערען זעלטען געהאלפען; נור גראדע יענע, מיט גרויסע מיילער און פרעכע געזיכטער, וועלכע שעהמען זיך ניט פיר קיינעם, וועלכע האבען א „פולל״, און זיינען גוט בעקאנט מיט דיע בעאמטע, דיע קריגען פאן דער טשאריטי, מעהר וויע זיי דארפען, און ווערען מיט דער צייט רעגו־

לערע קאסטאמער. נור ווער בעקימערט זיך דארויף? און וויע פיעל געלד פערשוועגדעט מאן בייא דיע „טשאריטיעס“ אויף זייטיגע, אומנוטציגע, און זאגאר שעדליכע זאכען! איך ווייס פון א פלאטץ, וואו דיע אידישע טשאריטי גיבט טויזענדע טהאלערס יעהרליך צו א מיססיאן, אונטער א פערשטעלטען נאמען, אין א אידישע נאכבארשאפט! — דארויף גיבען אידען געלד! אזוי גייהען אידישע שקלים צום טייפעל! און פון אידישע צדקות ווערט וויע ישעי' הנביא זאגט: (נ"ט, ה.) ביצי צפעוני בקעו, וקורי עכביש יארגו! —

גאנץ אנדערש איז עס אבער געוועזען מיט אונזער פאלק אין דיע אלטע יאהרען! דעם מאקסים פון תלמוד: התורה חסה על ממונם של ישראל, דיע תורה האט געשאהנט אידישע געלד, האט מאן געקענט זעהען אויף יעדען שריט; און קיינער, ווער עס האט נאר געהאט גאט אין הארצען, האט זיך ניט ערלויבט צו ציהען געלד פון פאלק, בלויז פיר דאס העכסטע נאטהווענדיגקייט. זאגאר דיא נאציאנאלע בעדירפניסע ווארען העכסט עקאנאמיש געפיהרט: דיע אלע אויסגאבען אום אויפצוהאלטען דאס גאנצע אידישע קעניגרייך, ווארען בעדייטענד קליין, און בייגאהע גארניכטס אין פערגליך מיט דיע יעצטיגע פערשווענדערישע אויסגאבען. אויפצוהאלטען דעם גרעסטען, און אויך דעם איינציגען טעמפעל פיר גאנץ ישראל, האט יעדען געקאסט בלויז איין טהאלער א יאהר! בעדיינקט מאל, איין טהאלער פיר אזא גרויסע געביידע, מיט זאפיעל כהנים, לויים, משוררים און אנדערע ארבייטער, מיט זא פיעל בעאמטע, שוטץ־מעננער און אויפפאסער; אויך דאס גרעסטע געריכט אין לאנד, דיע סנהדרין הגדולה, ווער אויסגעהאלטען פאן דער זעלבער קאסע; און פיר אלעס, בלויז איין טהאלער א יאהר פון יעדען! וויע דער תלמוד זאגט. אין אנפאנג פון בית שני, ווען דאס פאלק ווער קליין און ארעם, האבען זיע בעשלאסען, דאס יעדער זאל צאהלען בלויז א דריטהייל פון א טהאלער א יאהר, אום אויפצוהאלטען דעם טעמפעל (נחמי' י' ל"ג). פיר דעם ערשטען בית המקדש געפינען מיר גאר ניט דערמאנט פאן איין יעהרליכער צאהלונג, בלויז ווען מאן האט געדארפט וואס פיקסען, האט מאן געקליבען נדבות פון איינצעלנע פערזאנען, ביז עס ווער גענוג פיר זא איין צוועק. ווי מיר געפינען אין צוויי אזעלכע פעללע (אין

מלכים ב׳ י״ב, ה—ט״ז, כ״ב, ד—ז.), און אויך ווארען די ארבייטער זאָ פיעל בעגלויבט, דאס זייא וועלען קיין איבריגע געלד ניט פערברויכען, דאס מאן האט פון זיי קיין רעכענונג ניט גענומען! וויא דאָרט איז דערמאנט. —

דאמיט פערשטעהען מיר שאָן דיא איינינע פסוקים מיט וועלכע דיזער פּאָרטראג פאנגט זיך אָן, דיא אַלע ארטיקלען פאָן דיא מאטעריאַלען וועלכע מאן האט בענוצט צום משכן, האט מאן ניט געדאַרפט אין א גאנץ גרויסע מאסע, און דארום ווער גענוג צו נעהמען נדבות פון איינצעלנע פּערזאָנען, וועלכע האבען געהאט אירגענד וועלכע דערפון; און ווען דיא לייטע האבען געבראַכט גענוג, האָט משה באַלד געלאָזט אויסרופען, דאס קיינער זאָל מעהר ניט בריינגען. מיט אידישע געלד דאַרף מאן זיין זעהר עקאָנאָמיש! עס וואָרען נאָך דאן ניט בייא אידען פּאָליטישע מאכערם און קהל׳שע קליאמקעס, וועלכע זאָלען זיך רייבען ארום דער קאסע, פון אזא נאציאָנאַלע אונטערנעהמונג, וויא אויפשטעלען דעם משכן, וועלכע זאָלען וועלען דאס דאס פאָלק זאָל גאר ניט אויפהערען צו געבען, און דיא רעכנונגען זאָלען אַלץ מעהר ווערען פערדרייהט און פערמישט, אום עס זאָל זיך גרינג וואס אָפּשטעלען אין זייערע טאשען — וויא עס איז דיא מאָדע אין דער יעצטיגער ציוויליזאציאָן! עס וואר אַלעס ראַיעל, עהרליך און גאָט־פּירכטליך, און קיינער האָט ניט בעריהרט וואָס פרעמדעס. זילבער אָבער האָט מען גע־ברויכט אין א גרויסע מאסע; און דארום האָט מאן געהייסען דאָס יעדער זאָל געבען איין האלבען טהאלער, העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט! אַלע זאָלען זיין גלייך פּערטרעטען אין משכן; עס זאָלען גאָר זיין קיין יחסנים און בעריהמטע, קיינער זאָל ניט שטאָלצירען דאָס ער האָט געגעבען א גרויסע סומע. העשיר לא ירבה! דיא רייכע זאָלען ניט מיינען דאָס זיי מאַ־כען גאָט גליקליך מיט זייערע גרויסע נדבות, דאָס זייא זיינען שאָן פּטור דערמיט פאָן דער גאנצער תורה און דאָס זייא קענען שאָן זיין פיינע אידען בלויז מיט זייערע שקלים — וויא אויבען איז דערמאָנט. ניין! אַלע אידען זאָלען זיין גלייך אין ביישטייערען דיא זילבער צום משכן; און ווען אַלע גיבען, דאן איז בלויז איין האַלבער טהאלער גענוג. דאן איז דאס גאנצעס פאָלק פעראייניגט: מיט איין זינן, מיט איין הארץ, און מיט איין גלוי־בען. און מיט אזעלכע זילבער קען מאן מאכען דיא „אדנים״, דאס באזיס פון משכן, איין געזונדטעס פונדאמענט און א פעסטעס באָדען, פיר א פעראייניגטעס, איינשטימיגעס און גלייכעס פּאָלק; איין משכן פיר כל

ישראל. און אזעלכע געלד, וועלכע ווערט בייגעשטייערט פאָן יעדען איי־נעם, זאָגאר איין האלבער טהאלער, אָבער מיט א גאנצע הארץ, פיר איין היילינגען צוועק, וועלכער זאָל פעראייניגען דאס גאנע פאָלק וויא איין קער־פער און צו איין ציעל, אזעלכע געלד — מעג זיך ווירקליך אָנרופען „כסף הכפורים“, אויסלייזונג געלד, „לכפר על נפשותיכם“, צו רייניגען דיא זעעלע און פערהייליגען דיא געפיהלען פאָן דעם אידען, אום ער זאָל קענען זיין א טרייער מיטגליעד פאָן איין ערהאבענעם פאָלק, אין וועמעס מיטטע דאס גאָטהייט זאָל רוהען, און זעגנען מיט אלעס וואָס מאכט א פאָלק גליק־ליך, אויף לאנגע יאָהרען. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם!

ליידער ליידער אָבער, וואָס נוטצען דיא פיעלע שווערע טהאלערס וואָס אידען גיבען יעצט, אויף אלעס וואָס א מויל קען ריידען? וואָס מעהר שקלים, אלס מעהר ווערט זייער פעראייניגונג צוריסען; וואָס מעהר שולען, אלס מעהר ווערען דיא שפאַלטען אין אונזער פאָלק; וואָס מעהר אויסגאַבען פיר „אידישקייט“, אלס מעהר ווערט מאן ערוויטערט פאָן יודענטהום; וואָס מעהר „טשאריטיעס“, אלס מעהר ווערט פערגעסען דער ריכטיגער זינן פאָן צדקה; וואָס מעהר מיטינגס וועגען קהל'שע זאכען, אלס מעהר רייסט זיך אָב דער יונגער דור פאָן זיין פאָלק; וואָס מעהר פעראיינען און לאדזשעס, סאָסייעטיס און חברות וואקסען אויס, וויא שוועמלאך, אויפ'ן אידישען באָדען, אלס וויניגער ווערט דער אידישער צאָהל איבעראל; און וואָס מעהר פרייהייט מיר בעקומען אין מאנכע לענדער, און מעהר בעקוועם עס אויסצואיבען צו גונסטען פאָן אונזער נאציאָנאליטעט, אלס מעהר ווערט ביי אונז א תהו ובהו אין אלע הינזיכטען, און אלס וייטער שטעהען מיר פאָן אונזער תורה און רעליגיאָן. חדש יוצא וחדש נכנס וישראל כלים! —

און דעם גאנצען צענטער, דאָס הויפט פונקט, פאָן דיזער פאָרטראגע בעמערקט דער מדרש, וועלכער איז אויבען געבראכט, באלד אין אנפאנג פאָן דיזער סדרא: כי תשא את ראש... ולא יהי' בהם נגף. וואָס פיר א פלאגע זאָל עס זיין ביין צייהלען אונזער פאָלק? אָה, יא! ווען מיר נעהמען צייהלען אידען, און מיר זעהען וויא זייער צאָהל איז אזוי קליין, אזוי ארעם, זעהען מיר באלד דיא פלאגע וואָס הערשט אין אונזער פאָלק: אידען זיינען דאכט זיך, אזוי פרים ורבים, אידען פערמעהרען זיך אימער אזוי

שנעל; פאָן זיבציג פערזאָן ווערען, אין בלויז צוויי הונדערט יאָהר, זעקס הונדערט טויזענד צוואַנציג יעהריגע מענער, מיט פרויען און קינדער, אַ מאַסע פון אַ דריי מיליאָן; פאָן פופציג טויזענד ווערען ביז צוואַנציג מיליאָן אין בלויז פיער הונדערט יאָהר! וואָ זיינען מיר דען יעצט? וואָ זיינען זאָ פיעלע מיליאָנען אידען אהינגעקאָמען? אָה, וואָס פיר אַ פלאַגע פערפאָלגט אונז אויף יעדען שריט! ווארום פאַלען אָב פון אונז יעדען יאָהר זאָ פיעל? ווארום גייהט אוועק דער נייער דור פאָן זיין פאָלק? ווארום גיבט זאָ וויניג אידען אויף דער גאַנצער וועלט? חייבים לי ישראל! זאָגט דער מדרש אין זיין גאָלדענער שפּראַך, איהר שולדעט מיר זאָ פיעל, אידען! עס גייהען אוועק פאָן איך זאָ פיעלע יאָהר יעהרליך, און איך קימערט נאָר ניט! לך אמור להם שיפרעו את חובתם! געה זאָג זייא, זייא זאָלען זעהען מיר אָבצאָהלען זייער חוב! זאָלען זייא זעהען אָבצוהאַלטען דעם שטראָם פאָן דעם גרויסען פערלוסט! זאָלען זייא זעהען אנצוהאַלטען דעם נייען דור ער זאָל זיך פאָן זייא ניט אָברייסען! זאָלען זייא לערנען זייערע קינדער, אום זייא זאָלען פערבלייבען געטרייע צו זייער פאָלק! זאָלען זייא מאַכען וויי־ניגער שוהלען און מעהר תלמוד תורה'ס! זאָלען זייא געבען וויניגער שקלים, און מער הארץ און זעלע פיר דאָס יודענטהום! וויניגער פערשווענדען פיר זאָפיעל אומנוטציגקייט, און מעהר צום גונסטען פון פאָלק! וויינינער צייט פערברייננען פיר שוהל־ביזנעס, און מעהר פיר תורה און רעליגיאָן! וויניגער נאַכטאַנצען אַלע דומהייטען פון גוי, און מעהר זיך נעהמען צו וואָס וויכטיגעס! זאָלען זייא אוועקווארפען שמוטציגע בעשעפטיגונג, וועלכע זייא האָבען גע'ירש'עט אין דיע גלות לענדער, וועלכע ערוויטערען זייא פאָן גאָט און פאָן מענשען, און פיהרען צו שאַנדע און חלול השם; און זאָלען זייא זיך נעהמען צו עהרליכע, רוהיגע און געזונדטע לאַנד־ארבייט, וועלכע איז נאָך אָפען אין פיעלע פלעטצער! זאָלען זייא זיך ניט שטופּען איינער אויף דעם אַנעדרן אין אַזעלכע גרויסע מאַסען, אין דיע גרויסע שטעדט, און זיך עסען איינער דעם צווייטען, און דערמיט ארויסרופען קנאה און שנאה בייא דיע פעלקער! זאָלען זייא בעצאהלען זייער חוב!", זאָלען זייא בענוטצען דיע פרייהייט, וועלכע זייא געניסען אין פיעלע לענדער, פיר דאָס וואָהל און בעסטען דעם יודענטהומס! זאָלען זייא ארבייטען צוזאמען פיר דאָס פער־

איינינגונג פון פאָלק! זאָלען זייא אַנוועגדען אַלע מיטעלן און ענערגיע אום צו עהרען דעם אידישען נאָמען! זאָל דיע וועלט זעהן, דאָס זייא זיינען ווירק־ליך איין אויסערערוועהלטעס פאָלק! זאָלען זייא אַלע צוזאַמען ארבייטען פיר זייער מיסיאָן, אום צו פערשפרייטען לעהרע און ליכט אונטער דיע פעל־קער; דיע וועלט זאָל קענען נעהמען א מוסטער פאָן זייא, און דאס גאַנצע מענשהייט זאָל ווערען רעפינירט, גוט און אדעל, אום צו ערנעהנטערען דאס וואהרע גליקליכע צוקונפט! — ווען זייא וועלען אזוי בעצאהלען זייער חוב צו גאָטט, דאַן — „ואני אשלם להם: והיה מספר בני ישראל כחל הים!“ — אמן.